STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07864

UN DI ERD BASHTEYT OYF EYBIK

Shea Tenenbaum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. טענענבוים
און די ערד באַשטייט אויף אייביק
דערציילונגען
נ.-יאָרק

And The Earth Remains Forever

STORIES AND MINIATURES

By S. TENENBAUM

●

Copyright, 1957, By S. TENENBAUM

New York, N. Y.

●

Address of the Author:

Shea Tenenbaum

45-35 44TH STREET

LONG ISLAND CITY 4, N. Y.

●

דאָס געהיימניספולע שנירל פּערל

עס איז געווען אין אַן אָקטאָבערדיקן אָוונט אין פּאַרק,וואו איך האָב געטראָפן מיינס אַ פריינט, אַ פליכטלינג פון דייטשלאַנד. יענעם אָוונט האָבן מיר אַ סך גערעדט וועגן דעם פּאָטערלאַנד פון געטע, שיללער און היינריך היינע... צווישן אַנדערעס האָט מיין פריינט מיר דערציילט אַ געשיכטע פון אַ אידישן יוועליר אין דייטשלאַנד. די געשיכטע האָט ער געהערט דערציילן פון זיינס אַ פריינט...

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן און דער ווינט האָט אומהיימלעך באַוועגט מיט די קופערנע בלעטער פון די בוימער, אַזוי ווי מאַסקעס, אָפּגעריסענע פון דעם פּנים פון אַ קלאָון, בין איך אַהיימגעגאַנגען און איך האָב אָנגעשריבן דעם אידישן פליכטלינגס דערציילונג...

עס איז געווען אין אַ שטורעמדיקער נאַכט ווען פעליקס אויערבאַך איז אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ האַסטיקן קלאַפּן אין טיר. ער האָט שוין געוואוסט וואָס דאָס באַדייט. דאָס איז די געשטאַפּאָ אים געקומען אַרעסטירן, צום וויפילטן מאָל?

ער איז שנעל אַראָפּ פון בעט, געעפנט די טיר און אַ גאַנצע מחנה שטייפע געשטאַפּאָ־לייט מיט אויסגעשטעלטע רעוואָלווערן און נאַקעטע באַיאָנעטן, מיט ציינישע פּנימער פון קאַלטע פאַרברעכער, זיינען אַריינגעפאַלן אין הויז. עטלעכע פון זיי האָבן געמאַכט אַ גרינטלעכע רעוויזיע אין הויז און זיי האָבן מיטגענומען דאָס לעצטע פאַרמעגן וואָס עס איז נאָך איבערגעבליבן: די לעצטע שטיקער צירונג, די לעצטע אוצרות פון אַ באַרימטער יוועלירן־פירמע, וואָסהאָט עקזיסטירט אין בערלין אין משך פון הונדערט און פופציק יאָר און וואָס האָט געציילט אין איר פאַמיליען יחוס צירונג־הענדלער פון פּאַריז, פון לאָנדאָן און פון רוים, וועלכע האָבן צוגעשטעלט צירונג צו קעניגין מאַריאַ אַנטואַנעט, די שיינע קעניגין פון פראַנקרייך, און וועלכע האָט באַדינט מיט גאָלדוואַרג די קעניגין וויקטאָריאַ פון ענגלאַנד, און דעם גאַנצן קלאַס פון אַדעליקע אין די לענדער פון אייראָפּע.

ווען די געשטאַפּאָ־לייט האָבן געהאַט צוגענומען מיט זיך די טייערסטע זאַכן פונם אַמאָל־רייכן הויז, האָבן זיי דעם דערשלאָגענעם פעליקס אויערבאַך אַריינגעשלעפּט אין זייער אויטאָמאָביל, אים ברוטאַל געשלאָגן, און האַלטנדיק אים פעסט ביי די אָרעמס, האָבן זיי אים געפירט דורך די בערלינער גאַסן.

די לבנה איז יעדעס מאָל אַרויסגעשוואומען פון אונטער אַ וואָלקן. נאָר נייע שווערע וואָלקנס האָבן זי יעדעס מאָל אויפדאָסניי צוגעדעקט. עס איז געווען אַ קאַמף אויפן הימל. אַרמייען מיט אַרמייען האָבן זיך געשלאָגן. און דער ווינט האָט זיך געטראָגן מיט אַ ווילדער ברוטאַליטעט. די גאַסן פון בערלין זיינען געווען פאַרלאָשן. „אַ טויטע שטאָט!” — האָט פעליקס אויערבאַך געטראַכט. ער האָט צייט געהאַט צו טראַכטן. אין דער פינצטערניש זיינען צו אים דערשינען זיינע עלטערן. זיינע זיידעס, גרויסע, שטאָלצע אידן געווען, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען פון די בלעטער פון תנ״ך, מיט פּנימער ווי

די אָבות, שטאָלצע, מעכטיקע, ווי פון פעלזנשטיין אויסגעהאַקטע, מיט בערד ווי די בוימער, מיט אויגן ווי בליצן. מיט פיגורן ווי די בערג. אַזוי זיינען זיי געווען, שטאַרקע און אייביקע אידן. זיי האָבן זיך זינט פילע יאָרן פאַרנומען מיט גאָלדוואַרג. זיי האָבן געפירט די טראַדיציע פון זייער גאָלדשמידעריי, געטריי, פון די אַלטע צייטן אָן, פון די עגיפּ־טער, פון די באַבילאָניער, פון די גריכן, פון די זעלטענע גאָלדשמידן וואָס האָבן אַריינגעלייגט זייער בלוט און מאַרך אין אַ גאָלדענעם קונסט־ווערק. האָבן עס אויסגעאַרבעט מיט די איידלסטע הענט. אַזוי אַז קיינער האָט נישט געקענט דערגיין דעם סעקרעט פון דעם באַהאַלטע־נעם צויבער פון די קונסטווערק, דעם סוד פון דער געהיימער טעכניק. זיי האָבן געפירט מסחרים, זיינע עלטערן און אור־עלטערן, מיט די קעניגן און די פירשטן פון איראָפּע. זיי האָבן צוגעשטעלט די טייערסטע גאָלדשטיקער צו די יונגע, שיינע דאַמען פון די קעניגלעכע הויפן. זיי זיינען געווען רייך. אין זייערע זעלטענע קאָלעקציעס האָבן זיי געהאַט קונסטווערק־ביזשוטעריע פון די עלטעסטע צייטן אָן. צירונג פון דער פיינסטער אויסאַרבעטונג און קוואַליטעט.

פעליקס אויערבאַכס זיידעס האָבן אויך געשיקט צו פאַרשיידענע קהילות פון דער אידישער וועלט זעלטענע קרוינען פאַר דער תורה; אידן האָבן נישט געהאַט קיין קעניגן, קיין אַריסטאָקראַטן. אָבער אידן האָבן געהאַט די תורה, וואָס זיי האָבן זינט דור־דורות באַקרוינט און פאַרגילדעט מיט טייערע גאָלד און זילבער און מיט די שענסטע איידל־שטיינער. די דאָזיקע קרוינען, נישט באַשאַפן פאַר קיין שטערבלעכן מענטשנס קאָפּ, נאָר פאַר דער הייליקער תורה, האָבן געלויכטן ווי די שטערן. די אויערבאַכס האָבן באַקרוינט די תורה אין פאַרשיידענע אידישע קהילות, און זיי האָבן אויך געשענקט זילבערנע ידן; טייערע מענטעלעך פון סאַמעט באַצירט מיט גילדערנע לייבן; און פרוכתן מיט בריליאַנטענער אָרנאַמענטירונג. די אויערבאַכס זיינען געווען באַ־רימט פאַר זייערע תורה־קרוינען און ידן אין גאָר די מדינות. אַז די אידן פון אַ שטאָט האָבן באַדאַרפט געבן אַ מתנה צו אַ גרויסן שררה, אויף אָפּצורופן אַ גזירה, האָבן די אויערבאַכס געלאָזט אויסאַרבעטן און זיי צושטעלן די גאָלדענע מתנות.

און אַזוי זיינען זיי אַוועקגעשטאָרבן, די אויערבאַכס, גליקלעכע, זאַטע, אין טיפן עלטער. פול מיט מעשים טובים, מיט אַ סך אוצרות צוגעגרייטע אין גן־עדן. די שיינע פירשטלעכע דאַמען פון איראָפּע־אישע הויפן האָבן געטראָגן מיט שטאָלץ זייערע צירונגען. און די שיינע דאַמען זיינען אַלט געוואָרן און געשטאָרבן. די קעניגן האָבן, אויסער אין זייערע אָפּיציעלע מסחרים מיט די אויערבאַכס, אויך איינגעקויפט אין געהיים טייערע זאַכן פאַר זייערע מעטרעסעס, זייערע קעפּס ווייבער. מיט דער צייט זיינען די מעטרעסעס אויך אַלט געוואָרן. די מעכטיקע קעניגן אַליין זיינען געוואָרן מיד און מאַט און זיי זיינען אויסגעגאַנגען אויף זייערע קעניגלעכע טראָנען. און מיט זיי, מיט די קעניגן, זיינען זייערע צירונג־הענדלער אויך אַוועק אויפן טונקעלן וועג פון טויט. די גרויסע דינאַסטיע פון צירונג־הענדלער האָט געהאַט איר לעצטן מאַהי־קאַנער אין אים, אין פעליקס אויערבאַכן. און וואוהין, אייגנטלעך,

טראָגט ער זיך איצט אין דער שפּעטער נאַכט? וואוהין קענען די נאַציס אים דען נעמען? דער ענטפער איז אַ קלאָרער: צום טויט. צו אַ זיכערן טויט.

די שוואַרצע וואָלקנס אין זייער גראָטעסקער פאָרם פאַרשווינדן. די לבנה זעט איצט אויס ווי דאָס געלע פּנים פון אַן אָריענטאַלישע קעניגין אויף אַן אַלט־גאָלדענער מטבע. עטלעכע שטערן רינגלען איר אַרום, ווי הויף־דאַמען אַרום אַ קעניגין...

פעליקס אויערבאַך קוקט אין הימל אַריין דורך די שויבן פונם אויטאָמאָביל, בשעת די געשטאַפּאָ־לייט האַלטן אים פעסט ביי די אָרעמס. זיי וועלן אים שוין קיינמאָל מער נישט אַרויסלאָזן, טראַכט פעליקס אויערבאַך. דאָס איז אוודאי זיין לעצטער וועג איבער די גוט־באַקאַנטע בערלינער גאַסן, אויף וועלכע ער האָט זיך באַוועגט אַ האַלבן יאָרהונ־דערט, זינט זיין קינדהייט אָן. דאָס איז זיין לעצטער גאָלגאָטאַ־וועג. אָבער דערפאַר באַמיט ער זיך אין די שטערן צו זען זיין רייכקייט, זיינע אוצרות. אָט די קאָנסטעלאַציע פון פינקלענדיקע שטערן דאָרט, בילדן זיי נישט דאָס בליציקע פּנים פון אַ רוימישער פּרינצעסין?! עס איז אַ גאָלדענע בראָשקע, אין סטיל פון רענעסאַנס, מיט מאַסיווע גאָלדענע דראָטן, ווי אַן אַרעאָל פון פייער אַרום דער שיינער פרוי, וואָס האָט געקענט זיין דאָס ווייב פון אַ צעזאַר. דער סטיל, דער געבוי פון דעם קונסטווערק, דייטעט אָן אויף אַן אימפּעריע וואָס איז זיכער און מעכ־טיק, אויף קיינמאָל נישט צו פאַרשווינדן פון דער ערד. פונדעסטוועגן איז זי צעבראָכן געוואָרן, די רוימישע אימפּעריע... אַלע אימפּעריעס, מיט זייערע ריזיקע אַרמייען, ווי אומבאַזיגבאַר זיי זאָלן נישט געווען זיין, מוזן צעבראָכן ווערן פון דער אייזערנער האַנט פון גאָט פאַר זייערע זינד און פאַרברעכנס אַנטקעגן די שוואַכע...

ביי די דאָזיקע געדאַנקען פון פעליקס אויערבאַך זיינען די געש־טאַפּאָ־לייט געוואָרן נערוועז. זיי האָבן ממש דערפילט וואָס דער דער־שלאָגענער איד טראַכט. די גרויסקייט און די זיכערדיקייט פון זיינע מחשבות האָט זיך געלאָזט פילן אין דעם עקשנותדיקן און קנאַכיקן גוף זיינעם, ווען זיי האָבן אים פעסט ביי די אָרעמס געהאַלטן.

און יענע גרופּע שטערן דאָרט, נאָענט צו דעם בליציקן אַרקטורוס, ערשט אַרויסקומענדיק אין פייער געוואַשענע פון אונטער אַ וואָלקן מיט קאָסמישן, מילכדיקן שטויב, דערמאָנען אים נישט די שטערן אין אַ גרויסער בראָשקע וואָס די נאַציס האָבן ביי אים ערשט נישט לאַנג צוריק צוגענומען? זי איז געווען פון פערצענטן יאָרהונדערט. אַ גע־ניאַלער גאָלדשמידט האָט אין איר באַהאַלטן זיין גאַנץ לעבן. עס איז געווען אַן אמתע קאַמעאָ, פאַרשטעלנדיק אַ וואונדערשיינע, יונגע פרוי. די קלאָרקייט פון איר פּנים האָט דערציילט פון מילך־ווייסער אומשול־דיקייט און יוגענט. די האָר זיינען געווען וואונדערשיין פאַרבונדן, אַלאַ מאַדאַם דע פּאָמפּאַדור. די נאָז, אַ גראַדלייניקע און דאָס מויל — קליין און זיס, ווי אַ קליינע, גאָלדענע בלום. מען האָט געקענט אַ גאַנץ לעבן אָפּלעבן מיט דער בראָשקע, וואָס יונגע, פאַנטאַסטישע קעניגינס פון דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט האָבן געטראָגן.

פעליקס אויערבאַך אַליין פלעגט אין די פריערדיקע יאָרן מאַכן די פאַנטאַסטישסטע רייזעס כדי צוצופּאַסן אַ בריליאַנט צו אַ גרעפין. אַזוי ווי די קליידער, אַזוי באַדאַרף מען צו יעדער שיינער דאַמע צופּאַסן איר צירונג. מען פלעגט דאָך פאַר זייערסוועגן, פאַר די פירשטלעכע דאַמען, אַרונטעררייסן די רינגען, די בראַסלעטן, די האַלדז־שנירן, די אויערינגען פון טויטע פרויען, פון די עגיפּטישע מומיעס, פון יונג־פאַרשטאָרבענע פּרינצעסינס, פון אַמביציעזע קעניגינס; רויבער פלעגן נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק אויפברעכן פאַרפוילטע טרומנעס; אַראָפּרייסן דאָס גאָלד פון די מתים פון ווייבלעכן געשלעכט; מען פלעגט זיך דורכשלאָגן דורך בערג און שטיין און פּיראַמידן, צו גע־היימניספול־פאַרזיגלטע קברים, און גנבענען דאָס שיינע, קונסטרייכע צירונג און עס ווידער ברענגען צו די לעבעדיקע און רייצנדע דאַמען פון דער וועלט. עס ווידער אָנטאָן אויף די אויערן, העלדזער, הערצער און שניי ווייסע דעקאָלטעס פון דעם שוואַכן מין... — —

בשעת פעליקס אויערבאַך האָט אַזוי געטראַכט, האָט זיך דער אויטאָמאָביל פּלוצלונג אָפּגעשטעלט. אין איין מאָמענט האָבן אים די געשטאַפּאָ־לייט אַרונטערגעשלעפּט מיט געשרייען און זידלערייען. אויערבאַך איז געווען אַביסל איבערראַשט ווען אַנשטאָט אין דעם פינצ־טערן קערקער, האָט מען אים גאָר אַריינגעפירט אין אַ גערוימען פּלאַץ. ער האָט זיך באַלד געפונען אין אַ פּרעכטיקן, פירשטלעכן שלאָס. ער האָט גוט געקענט דאָס מעבל, פון דעם אַכצענטן יאָרהונדערט, פון מאַדאַם דע פּאָמפּאַדורס צייט. עס איז אַ וואונדער וואָס די נאַציס האָבן עס נאָך נישט באַוויזן צו פאַרניכטן, ווי אַן איבערבלייב פון פראַנקרייכס געשיכטלעכער גלאָריע. אוודאי זיצט ער דאָ צום לעצטן מאָל אין זיין לעבן אין אַ פיין־אויסגעבעטער שטול און ער קוקט אויף די פיינסטע פאַטאָ־גראַווירן פון וואַטאָ, פאַרשטעלנדיק דרײַ סעזאָנען פון יאָר, מיט אַזוי פיל גראַציע און כישוף, מיט אַזוי פיל פּאָעזיע און פיינגייסט, וואָס איז געווען טיפּיש פאַר יענער זאָרגלאָזער עפּאָכע.

די טיר האָט זיך איצט געעפנט און אַ מאַן האָט זיך דערנענטערט צו פעליקס אויערבאַך. פון דעם אויסזען פון דעם מאַן איז אים פינצ־טער געוואָרן אין די אויגן. עס איז געווען איינער פון די מערדערלעכסטע הויפּט־פירער פון דער נאַצי־פּאַרטיי. אַ פעסטער, אַ דיקער, מיט אַ ריזיקן בויך, האָט דער זעלבסטצופרידענער נאַצי־מערדער אָנגעהויבן צו רעדן:

— איך האָב דיך גליך געקענט לאָזן פירן צום טויט, יודע, נאָך היינטיקע נאַכט. אָבער דו ביסט אַ גוטער יוועליר־מאַן. אידן האָבן שטענדיק געהאַט אַ סך גאָלד און זילבער. ווען איך וואָלט געלעבט אין דער צייט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, וואָלט איך איך זיכער נישט דערלויבט אַרויסצופירן אייער גאָלד פון שפּאַניען. אידן האָבן זיך שטענדיק פאַרנומען מיט גאָלדוואַרג און לוקסוסן פאַר די רייכע קלאַסן... אַלזאָ, יודע, דו קענסט ראַטעווען דיין פאַרפלוכט לעבן פאַר אַ געוויסן פּרייז...

פעליקס אויערבאַך איז געווען מיד און דערשלאָגן. ער האָט גע־

האַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ בשעת דער פּעטער נאַצי־פּירער איז איבער אים געשטאַנען מיט זיין גאַנצער פּיזישער שווערקייט און האָט ווייטער גערעדט:

— איך ווייס גאַנץ גוט אַז דו האָסט נאָך באַהאַלטענע אוצרות... דאָס וואָס מיינע לייט האָבן ביי דיר געפונען, איז בלויז אַ קליינער טייל פון דיין פּאַבלהאַפּטן פאַרמעגן. אפילו ווען מיר וועלן דיר דעם פאַר־פלוכטן קאָפּ אַרונטערנעמען, וועסטו דאָך נישט אויסזאָגן וואו דו האָסט דיינע אוצרות באַהאַלטן...

— אַלזאָ, איך וועל לאָזן דיין קאָפּ אויף דיינע פּלייצעס פאַר דעם פּרייז פון אַ טייערן שנירל פּערל, פאַר אַ יונגער, שיינער דאַמע... די דאַמע הייראַט מאָרגן אָוונט מיט מיין בעסטן פריינט, אַ העלד פון פּוילישן און פון פראַנצויזישן פראָנט... איצט וועלן דיך מיינע לייט צוריקפירן אין דער נאַכט אַהיים, כדי מיט דיר זאָל קיין שלעכטס נישט געשען. מאָרגן, פּינקטלעך אַרום זיבן אַזייגער אין אָוונט, וועלן מיינע לייט דיך ווידער באַזוכן און זיי וועלן דיך מיטנעמען צוזאַמען מיט דעם פּערל־האַלז־באַנד. דו וועסט עס אַליין אָנמעסטן אויף דער אידעלער דאַמעס האַלדז... האָסטו אַלץ געגוי פאַרשטאַנען, יודע?

פעליקס אויערבאַך איז געבליבן זיצן אַ דערשלאָגענער, ווי פריער. ער האָט זיך געוואָלט ווערן, זיך פּאַרטיידיקן, זאָגן אַז ער האָט מער נישט קיין שום צירונג, אַז אַלץ האָבן די נאַציס אויסגערויבט און אויס־געפּלינדערט אין די פאַרגאַנגענע חדשים.

וואו וועט ער נעמען אַזאַ טייערן שנירל פּערל? אָבער דער נאַצי־פּירער, זעענדיק אַז פעליקס אויערבאַך גרייט זיך עפּעס צו זאָגן, האָט אים שנעל איבערגעשלאָגן, און, צום סוף, ווי עפּעס דורך אַ ווייטער אידייע דערמוטיקט, האָט פעליקס אויערבאַך איינגעשטימט, דורך אַ קוים באַמערקלעכן צושאָקלען מיט זיין קאָפּ. ער איז אויפגעשטאַנען אַנטשלאָסן פון דער שטול, און, אין אַ ווילע אַרום, אַרומגערינגעלט פון געשטאַפּאָ־לייט, איז פעליקס אויערבאַך געזעסן אין וואָגן, וועמענס רעדער האָבן געסקריפּעט איבער דעם שאָסיי פון דער נאָך שלאָפנדי־קער שטאָט בערלין.

די געשטאַפּאָ־לייט האָבן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט נישט געזען אַז אַ ביטערער, אַ טרויעריקער שמייכל קילט דאָס פּנים פון פעליקס אויערבאַך.

דער באַליידיקטער איד האָט זיך פּלוצלינג פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַ פלאַמענדיקן נביא, און ווען די געשטאַפּאָ־לייט האָבן אים אַרויסגע־וואָרפן פון אויטאָמאָביל ביי זיין הויז, איז ער שוין געווען גרוי און אַלט. אַן אַלטער, גרייז־גרויער איד. אָבער עפּעס האָט אין זיינע אויגן געגליט אַ שרעקלעך פייער. זיין פּנים האָט געפלאַמט און ווען ער איז אַריין אין זיין אויסגעליידיקטן הויז, וואו אַלץ איז געווען פאַראַמירט, צעבראָכן און צעוואָרפן, האָט ער געעפנט דעם תנ״ך און ביים ערשטן מיש פון די זיידענע בלעטער, האָט ער אָנגעטראָפן אויף די שטאָלצע, נקמהדיקע ווערטער פון יחזקאל הנביא:

—...און איך וועל צעברעכן זיינע אָרעמס, דעם שטאַרקן און דעם

צעבראָכענעם און איך וועל מאַכן אַז די שווערד זאָל פאַלן פון זיין האַנט און איך וועל פאַרשפּרייטן מצרים צווישן די פעלקער און איך וועל זי פאַרשפּרייטן צווישן די לענדער" (קאַפּיטל ל׳, יחזקאל).

גאָט וועט צעברעכן זיינע אָרעמס און גאָט וועט נקמה נעמען פאַר אונזער בלוט, וואָס גיסט זיך אויס ווי אַ טייך פון זיינע ברעגן. און איידער גאָט דער אַלמעכטיקער וועט נעמען נקמה, וועל איך אַליין דערוויל נקמה נעמען, האָט פעליקס אויערבאַך פעסט געהאַט באַשלאָסן. ער איז געווען מיד איצט. שנעל איז ער פאַרזונקען אין אַ טויטלעכן שלאָף, זיצנדיק ביים גרויסן, ביים דעמבענעם טיש, וועמענס טישטוך אפילו די נאַציס האָבן אַוועקגענומען. דאָס איז געווען אַ טיש פון דער פאַמיליע, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון עלטערן צו קינדער. —

אויף צומאָרגנס, אַרום זיבן אין אָוונט, זיינען די געשטאַפּאָ־לייט געקומען. פעליקס אויערבאַך איז געווען באַזונדערס יום־טובדיק געקליידעט און אונטער דעם גוטן אַנצוג האָט ער געטראָגן אַ דינעם, ווייכן טלית. ער איז געווען אָפּגעוואַשן און אויסגעקעמט, ווי ערב יום־טוב. זיין באָרד האָט פירשטלעך געגלאַנצט.

— אַזוי גייט אַ איד אויף קידוש השם! — האָט פעליקס אויערבאַך געמורמלט שטילערהייט.

דער אויטאָמאָביל, אַזוי ווי די פריערדיקע נאַכט, האָט זיך שנעל געטראָגן איבער די פוסטע בערלינער גאַסן. די זון איז פאַרגאַנגען און פעליקס אויערבאַך האָט געטראַכט: איצט איז עס דאָס לעצטע און דאָס גרעסטע שטיק גאָלד אין הימל וואָס פאַרגייט פאַר אים אויף אייביק... וואָרים זיינע אויגן וועלן שוין מער נישט אַנזען דאָס ליכט פון באַגינען...

עס איז געווען אַ בלאַסער שנירל פערל וואָס פעליקס אויערבאַך האָט מיט זיינע אַלטע, אָבער פעסטע אַנטשלאָסענע הענט אַנגעטאָן דער נאַצישער כלה אויפן דיקן האַלדז. בשעת די בלאָנדע געקרויזלטע לאָקן פון דער יונגער, אַרישער כלהס קאָפּ האָבן פאַרפלייצט דעם לויכטנדיקן פערלדיקן האַלדז־באַנד, האָבן גאָלדיק איינגעהילט איר האַלדז און איר פעטע פלייצע, האָט פעליקס אויערבאַכן זיך אויסגעדאַכט אַז שוימיקע כוואַליעס פליוסקען זיך, וואַרפן זיך, און דעקן צום סוף צו דעם גאָלדענעם אוצר, אַ גרודע מיט גאָלד און מיט זילבער, וואָס דורות אידישע יוועלירן האָבן מיט שווערער מי אָנגעזאַמלט דורך די צייטן... דער בלאָנדער כלהס לאָקן האָבן פאַרפלייצט און צוגעדעקט דאָס לעצטע מיסטעריעזע מייסטערווערק פון זיינע צויבערהאַפטע, גאָלדשמידערישע הענט...

עס האָבן זיך איצט אָנגעהויבן די הייראַטס־פייערלעכקייטן. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אָן אַ שיעור געסט. די פירער פון דער פאַרשאָלטענער נאַצי־פּאַרטיי. אונטערוועלט־מענטשן, משוגעים, דעגענעראַטן און מערדער, וואָס זיינען איצט געוואָרן די אמתע מיוחסים.

אַלערליי קאַלטבלוטיקע פאַרברעכער, בלוטדורשטיקע רוצחים, הינט אין מענטשלעכן געשטאַלט, מיט קאָפּ־סקעלעטן און הענט־און־פיס־קנאָכנס אויף די היטלען. ווי וואַסער האָט זיך געגאָסן דער ווײַן אין טריפהנע נאַצישע העלדזער, דער אַנגערויבטער ווײַן פון פראַנקרײַך. דער אויסגעצייכנטער קעז, פאַרפלעקט מיט בלוט, וואָס נאַצי־האָרדעס האָבן געבראַכט פון האָלאַנד. סערדינען און אַלערליי געטריקנטע פיש, אַנגערויבטע אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. די דאַמען, די ווייבער פון די נאַצישע מערדער, זײַנען געווען געצירט אין צירונג, וואָס זײַנען געגזלט געוואָרן פון אידישע פרויען אין פוילן, פראַנקרײַך, אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיי. גרויסע ליכט האָבן געברענט אין זילבערנע לייכטער, וואָס זײַנען ערשט נישט לאַנג צוריק געשטאַנען אין אידישע היימען פון רומעניע און אוקראַינע און די באַלטישע לענדער. בילדער האָבן פאַרהאַנגען די ווענט, קונסטווערק, וואָס מען האָט אַרויסגעפירט פון די מוזעאומס פון אייראָפּע, פון גריכנלאַנד און פון איטאַליען. אַלץ איז געווען געגנבעט, גערויבט, געלקחנט און פאַרבלוטיקט מיטן בלוט פון די דערמאָרדעטע אייגנטימער. און צווישן אַלע שיכורים און גע־מיינע זויפערס און היסטעריקער און דעגענעראַטן — די בלייכע גער־מאַנישע כלה מיטן טייערן שנירל פערל וואָס לייכט בלייך אַרויס פון די גאָלדענע, לאַרעלייאישע האָר אירע. אָבער דער כלה ווערט אַלץ ענגער און שטיקנדיקער אין האַלדז, עפּעס אַזוי ווי דער אָטעם וואָלט איר שטיקן. אַזוי ווי אַ האַנט אַן אײַזערנע, די מעכטיקע האַנט פון גערעכטיקייט, וואָלט איר וואַרגן און דריקן מיט זײַנע ביינערדיקע, סקעלעטישע פינגער, מיט זײַן שטאָלענער פויסט.

די כלה ווערט אַלץ בלייכער און בלייכער. עפּעס אַ וויסטע נישט־גוטקייט באַהערשט די כלה. קיינער קען נישט דערקלערן די סיבה פון איר פילן זיך שלעכט. קיינעם פאַלט גאָרניט איין אַז ווי אַ פּעטליע פאַר־ציט זיך אַלץ שטאַרקער און פעסטער דער האַלדזבאַנד אַרום איר האַלדז. און ווען די כלה בעט פאַר אַ ווײַלע אַז מען זאָל זי אַרײַנפירן און לאָזן אַליין אין אַן אָפּגעזונדערטן צימער, טוט מען איר צוליב. מען לאָזט זי איבער אַליין אין איר כלה־צימער. מען לעגט זי אַרויף אויפן בעט. אפילו איר חתן פאַרבלייבט נישט מיט איר. וואָרים עס רופט צום טאַנץ די פרעכע און חוצפּהדיקע מוזיק. עס רופן צום טרינקען און זויפן די פלעשער פראַנצויזישער שאַמפּאַניער וואָס שוימט... עס רופן די צעהיצטע דײַטשע פריילינס, געקליידעט אין קליידער וואָס מען האָט אַנגערויבט פון אידישע פרויען... זיי האָבן אפילו נישט געזען ווי אַ האַנט, אַ שוואַרצע האַנט, איז דערשינען איבער דער קאַלעכדיקער וואַנט און האָט אין אַן אַלטן לשון, אין אוראַלטע אותיות, פעסט און קלאָר געצייכנט דעם באַרימטן שפּרוך: „און דאָס איז דאָס געשריפט וואָס איז אַנגעצייכנט געוואָרן: „מנא מנא תקל ופרסין“.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען די שיכורע און לוט־באַטרונקענע נאַצים זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין דער כלהס צימער, ערשט זי ליגט אויפן בעט, אַ קאַלעך־בלייכע, אירע גרויסע, בלוט־פאַרלאָפענע אויגן אויסגעגלאָצטע צום סופית, איר בלוטיקע צונג שטעקט אַרויס פונם

אפענעם מויל. אן אוממעכטיקע, א פארגליווערטע האלט זי אירע הענט ביי איר שנירל פערל, אים וועלנדיק ארונטעררייסן פון איר האלדז. אבער אירע הענט זיינען שטייפע. די כלה איז דערשטיקט געווארן צום טויט פונם געהיימניספולן שנירל פערל, אזוי ווי פון א פעטליע... זי איז פאראורטיילט געווארן צו שטארבן אויף דער תליה...

ביז זייער שפעט אין דער נאכט האבן די נאציס געפייניקט דעם גרייז־גרויען פעליקס אויערבאך, אז ער זאל זיי אויסזאגן דעם סוד פון דעם גרויזאמען שגירל פערל דורך וועלכן די דייטשע כלה איז דערוואַרגן געווארן. זיי האבן אבער פון אים קיין איינציקן ווארט נישט געקענט ארויסקריגן. ענדלעך, אויפגעבנדיק זייער האפנונג פון אים עפעס געוואויר צו ווערן, האבן זיי פאראורטיילט פעליקס אויערבאכן אין גרויען באגינען אויפגעהאנגען צו ווערן אויף א בוים, אין גארטן פון שלאס. כדי ער זאל שטארבן מיטן זעלבן טויט ווי די דייטשע כלה איז געשטארבן. שטאלץ, מיט זיכערע טריט, איז צו דער תליה געגאנגען דער אלטער, גרייז־גרויער איד. זיינע ליפן האבן כסדר געשעפטשעט הייליקע תפילות. און ווען די זון האט אין באגינען געשיקט די ערשטע שטראלן פאראויס, אזוי ווי העראלדן מיט גאלדענע שופרות, אנצוזאגן דעם אויפברוך פון טאג, האט פעליקס אויערבאך מיט א שטארקער שטימע הויך אויסגעשריגן: „שמע ישראל!“ און ער האט אויסגעהויכט זיין גרויסע אידישע נשמה.

ווען מען האט דעם אלטן איד אראפגענומען פון דער תליה, איז אויף זיין פנים, טראָץ די שפורן פון שרעקלעכע, אנגסטלעכע שמערצן, געווען א געהיימניספולער שמייכל... א גליקזעליקער שמייכל פון דערפילטער נקמה... א שמייכל פון א הייליקן, א מארטירער, וואס האט אומדערשראקן גענומען נקמה פארן פארגאסענעם בלוט פון אי־דישע קינדער, אידישע מאמעס און טאטעס, אידישע זקנים און זקנות... פארן גאנצן פאלק ישראל. פעליקס אויערבאך איז געשטארבן א היי־ליקן יסורים־טויט על קידוש השם...

נאר אין אויסברוך פון דעם ווינטיקן טאג האט דער בוים שטורמיש געשלאגן זיינע צווייגן אין דער וואנט פונם שלאס, ווי ער וואלט זיך געשלאגן קאפ אין וואנט... ער האט מיט די צווייגן ווי פארבראכן מיט די הענט און ער האט צו גאט הויך געיאמערט וואס מען האט אים, אן אומשולדיקן גרינעם בוים, פארשוועכט און אויף אייביק פארשאלטן צו ווערן א תליה פאר א גרויסן איד פון דעם אייביקן שטאם פון ישראל...

דער איד אין ברוקלינער פּאַרק

איך בין געזעסן אַן איינזאַמער אין אַ ברוקלינער פּאַרק. עס איז צוגע־פאַלן דער פאַרנאַכט. דער פּויליש־האַרבסטיקער פאַרנאַכט. מיר איז געווען ניט גוט אויפן האַרצן און דערזעענדיק פונדערווייטנס דעם פּאַרק, האָב איך זיך צו אים דערנענטערט. איך האָב געוואָלט זיך אַריינוואַרפן אין זיין שאָטנדיקער טיפעניש.

יעדער מין וועטער פרעסט אַראָפּ אַ שטיק פון דיין לעבן. עס איז האַרבסט איצט. נאָר דער ברענענדיקער זומער האָט דיך אויפגעגעסן. ווי דעם שינדלדיקן דאַך פון אַן אַלטן הויז, וואָס עס רייסן די בייזע ווינטן, האָבן די שנייען און די רעגנס דיך געריסן און זיי האָבן גרוי געמאַכט דיין קאָפּ. אָט די פייכטע, די געזאַלצענע נאַכט האָט דיר דאָס האַרץ אַ ביס געטאָן. אָט דער גרויער, קאַלטער וואָלקן האָט אַריינגעטריפט אין דיר שטיקער טרויער. אָט דער ווינט, וואָס רייסט אין פּאַרק די בלעטער און די צייטונגען פון טאָג — דו מעגסט דיך פאַר גאָט אַמאָל באַקלאָגן — האָט דיך געשלאָגן ווי אַ קליין אינגל. דער הוראַקאַן האָט דיך געפּרוווט אויסרייסן פון דער ערד. און דער שטורעם האָט דיך צו דער ערד געשליידערט אַזוי ווי אַ קיזלשטיין. דיך האָבן די אַלע וויסטע וועטערן צעבראָכן און דיך מיט פייערדיקע מיילער געביסן, אַזוי ווי די בליצן וואָס עסן שוואַרץ אַרום די קאָרע פון די בוימער. דיך האָט דאָס דאַזיקע ווינטערדיקע וועטער די ביינער דורכגעדרונגען און דורכגענעצט און האָט דיין נשמה געמאַכט ציטערן אין דער גרויסער פראָסט פון דער וועלט.

אַ לאַמטערן האָט זיך אָנגעצונדן. דאָרט שטייט אין דעם ליכט פונם לאַמטערן אַ בוים. זעט דער בוים אויס ווי אַ בוקעט מיט בלומען, מיט זיינע זשאַווערנדיקע בלעטער, אַזוי ווי אַ קינסטלער וואָלט זיי מיט פייכטע פלאַם־פאַרבן אַרויסגעבראַכט אויף אַ שטיק לייוואַנט. דער בוים זעט אויס ווי אַ בוקעט מיט נערוון. דער בוים ציטערט. אַזוי ציטערט אַ מענטש אין פאַר־צווייפלונג. אַזוי ציטערט אַ איד. אַזוי ציטערט אַ פאָלק אין די טונקעלע און מוראַדיקע וועלדער פון דער וועלט־געשיכטע.

דער ווינט האָט געיאָמערט איבער אַן אַלטע, אידישע צייטונג. רעגנ־טראָפּנס האָבן באַרירט און צעשמאָלצן די אַלט־אידישע אותיות. די אותיות האָבן זיך שמערצפול געבויגן און געקאָרטשעט. דאָס ליכט פונם לאַמטערן האָט ווי גרינע גאַל געטריפט איבער די ביטערנישן פון דער צייטונג. וואָס יאָמערט אַזוי דער וועלט־ווינט איבער אַ אידישע צייטונג?

איך האָב אָפּגעריסן אַ שטיק צייטונג, ווייל דעם איבעריקן טייל פון דער דורכגעווייקטער צייטונג האָט די ערד צוגעהאַלטן ווי מיט קרומע הענט. האָט דער קרזשאַק, האָט דער בוים, האָבן די שפּיציקע בלעטער צוגעהאַלטן און צוגענאָגלט צו דער נאַסער ערד.

איך האָב ווי אין אַ פאַרגעלבטע און פאַרוויאַנעטע מגילה־בלאַט גע־לייענט. געלייענט וועגן אַ שטיק ערד פון בערגען־בעלזען. די אידן שטעלן

איוף הילצערנע ברעטלעך נאָך זייערע פאַרלוירענע, פאַרגאַזטע און פאַר־אַשיקטע קרובים. די אידן שטעלן שטיקלעך שטיינדלעך אין דער קאַלטער ערד, צום אָנדענק פון אַ טאַטן, אַ מאַמען, אַ הייליקע שוועסטער. עס וואַרפט אַ דינע, אַ ציטערנדיקע האַנט צאַרטע בלומען נאָך אַ מיידל וועמענס נשמה יאָמערט אייביק אין די הימלען, פאַר גאָט. וועמענס צאַרטער גוף איז אין אַש. וועמענס קבר איז אפילו נישטאָ אין דער וויסטער ערד פון בערגען־בעלזען, נאָר איז פאַרשפּרייט אין אַלע פיר זייטן פון דער וועלט. און בשעת די אידן וואָס האָבן געזען ווי אידישע באַגרעבער שלעפּן די טויטע גופים פון אידן מיט שטריק צוגעבונדן צו זייערע העלזער, צו זייערע אָרעמס, צו זייערע פיס, ווייל זיי האָבן נישט קיין כוח געהאַט צו טראָגן די מתים אויף זיך; ווילן זיי, די דאָזיקע אידן, לאָזן שטיין דעם חרובן פּלאַץ פאַר די אויגן פון די קומענדיקע דורות נאַקעט און רוי, פאַרבלוטיקט און צעריסן, ווי פאַר־בלוטיקט עס איז דאָרט געגאַנגען אונזער פאָלק צום גאַז־אויוון —

קומען איצט די ענגלענדער און זיי זוכן צו פאַרווישן יעדן שפּור פון אידישע ליידן און אידישן מאַרטירערטום. נישט ערשט נאָך הונדערטער יאָרן, ווי עס ווערט געזאָגט אין קאַרל סאַנדבורגס אַ ליד — ווערן פאַרצויגן מיט גרינע, שטילע, אידילישע גראָז באַרימטע שלאַכטפעלדער און היסטאָ־רישע סצענעס. נישט ערשט נאָך טויזנטער יאָרן ווערן וועגן, פאָרטיפיקאַ־ציעס, גאַנצע שטעט און קעניגרייכן פאַרצויגן מיט שטויב און מיט זאַמד און מיט לאַווע —

נאָר בלויז נאָך צוויי יאָר איז בערגען־בעלזען, אַ שחיטה־הויז פאַר אונ־זערע הייליקע אידן, פאַרווישט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גערטנער, אין מיט הויכע, ווילדע גראָז פאַרוואַקסענע פּלעצער, וואו בוימער וועלן אַרויס־טאַנצן ביז צום הימל הויך און דעם פּלאַץ פון אונמענטשלעכן גרויל פאַר־וואַנדלען אין אַן אידיליע... די ערד ווערט אין דער ענגלישער זאָנע, וואו עס געפינט זיך בערגען־בעלזען, צעאַקערט און צעגראָבן. דייטשע קאַ־לאָניסטן וואוינען אַרום דעם ריזיקן בית עולם. מיט גענויער דייטשער אָרדנונג און פּרעציזקייט פאַרפּלאַנצן זיי און באַאַרבעטן יעדעס שטיקל ערד. זיי ווילן גאָרנישט געדענקען די פאַרשאָלטענע, די אומגליקלעכע, די געטרי־בענע אידן פון בערגען־בעלזען. מענטשן וואָס האָבן געזען אידן, ערב פאַר־ברענט צו ווערן, מיט משוגענע פּנימער, מיט געזיכטער ווי פלאַמען, מיט אויגן ווי בליצן; קינדער וואָס זיינען גרוי און אַלט געוואָרן ווי זקנים ביי דער מוטערס אויסגעדאַרטע בריסטן; די אַלע זעאונגען ווערן פון די דייטשן נישט געדענקט; ווערן אויסגעריסן מיט געוואַלט פון זכרון און פון דער ערד.

דער ווינט האָט געכליפּעט און געריפּעט אינם ברוקלינער פּאַרק. איבער די פאַרזשאַווערטע בלעטער, ווי איבער גאָלדענע פידלען וואָלטן יאָמערן די צעברענטע און איינגעריסטע נשמות פון כלי־זמרים. פון אידישע כלי־זמר וואָס זיינען אומגעקומען אין בערגען־בעלזען, אין טרעבלינקע, אין מאַידאַנעק, אין אָשווענטשים. איך ציטער פון דער האַרבסטיקער קעלט. פון דעם שוידער. די פייכטע צייטונג טריפט אַריין ווילגאַטש אין מיינע ביינער.

פלוצלינג איז פון דער פינצטערניש פון פּאַרק אָנגעלאָפן אַן אַלטער איד. זיין באָרד — רויטער וואַקס. זיין פּנים — געלער ליים. איך האָב געזען פונדערווייטנס אַזוי ווי ער וואָלט זיך טראָגן מיטן שוואונג פון ווינט.

ער באַרירט כמעט נישט די ערד מיט זיינע פיס. ער טראָגט זיך אין דער לופטן ווי אַ נשמה. צוקומענדיג נאָענט צו מיר, האָט ער געוואָלט פאַרבייַשוועבן, מיך אויסמיידן. איך האָב אים אָפּגעשטעלט. ער האָט אַוועקגעשטעלט זיינע פּעקלעך אויף דער פּיכטער באַנק. איך האָב ביי אים געקויפט אַ פּעקל שוועבעלעך.

דער איד הויבט אָן הייזעריק צו רעדן:

— הונדערט מיטגלידער זיינען געווען אין מיין משפחה. היטלער האָט זיי אַלע אויסגעשאָכטן. איז פאַראַן אַ גאָט אַזאַ, אַ אידישער גאָט, אַ גאָט פון רחמים, וואָס קען זען ווי אַזוי מען שעכט אידן? געוואַלט, איז פּאַראַן אַ אידישער גאָט?

— איך זאָג אייך דעם אמת, ר׳ ישראל, דערזעענדיק אין דער נאַכט לויפן אַ איד מיט אַ באָרד, האָב איך אייך געוואָלט שטעלן דיזעלבע קשיא. נאָר, איך האָב-אייך נישט געוואָלט מצער זיין... עס איז שווער צו פאַרבינדן, ר׳ ישראל, אַ אידישן-גאָט מיט שוואַנגערע פרויען וועלכע באַהאַלטן אונטער זייערע מאַמעשע קליידער זייערע זויגלינגען און די נאַציס צעפּליקן און צעשמעטערן די קעפּלעך און די גופימלעך פון די זויגלינגען פאַר די מאַמעשע אויגן. שווער צו פאַרבינדן גאָט־עקזיסטענץ מיט אַזאַ שחיטה איבער אידישע קינדער. אויב די ערד פאַלט נישט פאַנאַנדער, אויב דער קאָסמאָס ווערט נישט צעברעקלט אין אַזאַ מאָמענט, איז קיין גערעכטיקייט נישטאָ אויף אַלע פיר זייטן פון דער וועלט.

דער איד נעמט די פּעקלעך. אָבער ער קומט צוריק. אין דער דאָזיקער קאַלטער, האַרבסטיקער נאַכט טרייבט עס אַ איד צו אידן.

ער שטעלט ווידער אַוועק די פּעקלעך:

— איך האָב ביים דאַוונען געפרעגט אַ פרומען אידן: „היתכן?" — האָט ער מיר געזאָגט: „גאָט האָט אַזוי געוואָלט!" איך האָב איינגאַנצן אַ ציטער געטאָן פון זיין ענטפער. האָט גאָט געוואָלט אומברענגען אונזערע שוועסטער און ברידער, אונזערע קליינע קינדער? פאַרשטייט איר אפשר אַזאַ מערדערישן ענטפער פון אַ איד? איך בעט אייך, איר זעט אויס צו זיין אַ געלערנטער, דערקלערט דאָס צו אַ פּראָסטן אידן.

— ניין. איך פאַרשטיי נישט דעם אידנס ענטפער. דער איד וויל נישט ברעכן זיין גלויבן. ער וויל זיין שטאַרקער פון אייזן. אויב עס איז פאַראַן אַ גאָט אין די הימלען און ער האָט דאָס אַלץ געקענט צוזען, איז ער געמאַכט פון אייזן.

דער איד אַנטלויפט שנעל ווי איבער בערגער און טאָלן. אפשר איז דאָס נישט קיין לעבעדיקער איד, האָב איך געטראַכט. ער איז אַריין אין דער פינצטערניש אַזוי ווי אַ שטיק פינצטערניש, מיט זיין רויט־וואַקסענער באָרד. אפשר איז ער איינער פון די נשמות פון טרעבלינקע. אַ יאָמערנדיקע נשמה וואָס לויפט מיט די פּעקלעך איבער דער ערד. וואָס קומט צו מיר אין ברוקלינער פּאַרק אַזש פון די הימלישע ספערן צו פרעגן אַ שאלה... זיין באָרד האָט געפלאַמט. ס׳האָט פינצטער געפלאַמט זיין ליימיק פּנים. זיינע זשאַווערנדיקע אויגן האָבן געבליצט.

דער איד וויל נישט ליגן אין דר׳ערד און ער וויל נישט שוועבן ווי אַש אין דער לופט. דער איד לעכערט שאַרבנס אין הימלען מיט זיינע פראַגן.

יאָ, איך האָב דעם איד געזען אין תנ"ך. ער איז געשטאַנען ביים באַרג סיני. ער האָט די תורה געדריקט צום האַרצן אַזוי ווי אַ געליבטע. דאָס איז דער איד פון מצרים, וואָס האָט געבויט פּאַלאַצן פאַר די פּרעהס. שטיקער ליים זיינען נאָך געבליבן קלעפּן אויף זיין פּנים. דאָס איז אַ נביאס פּנים. דאָס פּנים פון פּרינץ ישעיהו. פון דעם פּאַסטוך עמוס. פון דעם לאַמענט־קעניג ירמיהו. דאָס איז דאָס דורות־צעאַקערטע פּנים פון דעם אייביקן איד.

די בוימער ציטערן ווי נערוון אין דער פייכטער לופט. איך דריק אין דער האַנט די שוועבעלעך. דער איד פאַרקויפט די שוועבעלעך צו די מענטשן. עס איז אַ פאַרשטעלטער איד. ער סימבאַליזירט דעם היסטאָרישן איד וואָס „פאַרקויפט" צו דער וועלט שטיקער תהלים. שטיקער נביאים־פּראָזאַ. ער שליידערט צו דער וועלט עטישע לערעס און רעוואָלוציעס. עס זיינען נישט קיין שוועבעלעך, וואָס דער היסטאָרישער איד פאַרטיילט, נאָר גרויסע פלאַמען. עס זיינען ביזן הימל שטייגנדיקע גאָלד־לייכטער מיט פייער־קנויטן. אַזוי פון די ערשטע, גרויע, היסטאָרישע צייטן אָן, ווען מענטש האָט אין דער גרויסער נאַכט דערפונדן דאָס פייער און געריבן מיט אייז־פאַרפרווירענע הענט אַ שטיין אָן אַ שטיין. דער איד גייט דורך דער וועלט געהילט אין דינאַמיט. ער שלאָגט זיך אין אַלע ארמייען, אויף אַלע פראָנטן. דער איד: קאָלאָמבוס, שפּינאָזאַ, מאַרקס, לאַסאַל, פרויד, טראָצקי. דער איד עפנט פאַנאַנדער פלאַמענדע תורות. ער וויקלט אויף איבער די האָריזאָנטן פייערדיקע מגילות. דער איד אַלבערט איינשטיין עפנט די סודות פונם קאָסמישן אַטאָם. נאָט אייך, פעלקער, פייער און תורה. איר פאַרוואַרפט די געטלעכע תורה. איר כאַפּט זיך אָן אינם פייער. מיר אידן זיינען דער אָנפאַנג און דער סוף. דער אַלעף און דער תיו. דער גאַנצער פּלאַנעט איז באַוואוינט און באַפעלקערט פון אידן. מיט אייך צוזאַמען, וועלט־פעלקער, וועלן מיר אַראָפּגיין פון פּלאַנעט, ווען עס וועט קומען די לעצטע שעה פון דער מענטשלעכער היסטאָריע. איר האָט אונזער תורה נישט געוואָלט אָננעמען. איר ווילט נישט לעבן ווי מענטשן. גיבן מיר אייך דאָס לעצטע גרויסע פייער — איהר וועט נישט לעבן בלייבן ווען איר וועט אונז אויסראָטן. מיט אָקעאַנען בלוט באַצאָלט איר פאַר אידישן מאָרד. איר וועט אומקומען, פאַר־שאָלטענע פעלקער, מיט אונז צוזאַמען!

אין דער נאַכט האָב איך לאַנג געזען דאָס פּנים פון דעם געהיימניספולן איד. עס איז געווען דאָס שטיינערנע פּנים פון שמשון הגיבור. ווי אַ פעלז, פון ליידן פאַרשטיינערט, איז עס אויפגעגאַנגען פאַר מיר — מיט אויסגעשטאָכענע אויגן און פאַרגאָסן מיט בלוט. זיין אייזערנער גוף איז געשמידט אין קו־פּערנע קייטן. נאָר אויפן קאָפּ וואַקסן שוין צוריק זיינע שטאָלענע האָר.

און אַזאַ ווילד געלעכטער שפּאַרט זיך פון די פינצטערע מאַסן פון פּלשתים. און די פירשטן האַלזן זיך מיט די אויסגעלאַסענע ווייבער. אין גאָלד און אין צירונג זיינען אַרויס די געצנדינער און הויך דערהויבט זיך דער שטיינערנער געץ דגון, באַהאַנגען מיט גאָלדענע קייטן. און דאָס פאָלק האָט געליבט זייער גאָט, „וואָרים זיי האָבן געזאָגט: אונזער גאָט האָט געגעבן אין אונזער האַנט אונזער פיינט, אין דעם פאַרוויסטער פון אונזער לאַנד, און דעם וואָס האָט געמערט אונזערע דערשלאָגענע. און עס איז געווען, אַז זייער האַרץ איז געווען פריילעך, האָבן זיי געזאָגט: רופט שמשונען, און ער זאָל

Ben-Zion

זיך לוסטיק מאַכן פאַר אונז. האָט מען גערופן שמשונען פון געפענגעניש, און ער האָט זיך לוסטיק געמאַכט פאַר זיי; און מען האָט אים אַוועקגעשטעלט צווישן די זיילן".

צווישן די זיילן שטייט שמשון — אַ קאָלאָס. מיט זיין פינצטערן טרויער מאַכט ער לוסטיק די שונאים.

— שפּיל, פאַרשאָלטענער איד, ביי די טייכן פון בבל. די האַרפן ציטערן זיס מיט זייערע סטרונעס אין אידישע הענט. פון אידישע ניגונים באַרירט. שפּילט, געשלאָגענע אידן, שפּילט, כלי־זמרים, אין טרעבלינקע און מאַידאַנעק, שפּילט און באַגלייט אייערע טעכטער און זין, אייערע פרויען און מאַמעס צום איווון וואָס פאַרוואַנדלט דאָס אידנפאָלק אין אַש. שפּילט מיט לעכער אין האַרצן דאָס תהלים־ליד, דאָס אידישע פאָלקס־ליד. מיר זיינען מעכטיק! מיר עסן שינקען און מיר פאַרטרינקען מיט אידיש בלוט, מיט אידישע קליינע קינדערס בלוט, מיטן אידישן וויין. מיר שיקן אונזערע פריילינס דאָס גאָלד פון אייערע פרויען. שפּילט, איר ביבלישע קלאָונען. טאַנצט צום ריטם פונם האָרסט־וועסל־ליד!

שמשון הגיבור מאַכט פריילעך און לוסטיק דאָס זיגערישע פעבל, דאָס מערדערישע געזינדל. עס לאַכן היסטעריש די ווייבער און די מענער. און פינצטער שטייט אַ קאָלאָס און בויגט זיך אין זיין פינצטערן שמערץ, און זיין פּנים איז צעקלאַפּט און זיין גוף איז ווי אַ פעלז וואָס דער שטורם האָט אים פון אַלע זייטן מוראדיק געשלאָגן.

שמשון זאָגט צום קליינעם אינגל וואָס פירט אים פאַר דער האַנט:

— „לאָז מיך איך זאָל אָנטאַפּן די זיילן וואָס דאָס הויז איז באַפעסטיקט אויף זיי, און איך וועל מיך אָנלענען אויף זיי". און שמשון הגיבור „האָט גערופן צו גאָט, און האָט געזאָגט: גאָט דו האַר, דערמאָן זיך אָן מיר, איך בעט דיך, און שטאַרק מיך, איך בעט דיך, נאָר דאָס מאָל, גאָט, און לאָמיך זיך נוקם זיין איינמאָל אַ נקמה פאַר מיינע בידע אויגן אָן די פלשתים. און שמשון האָט אַרומגענומען בידע מיטלסטע זיילן וואָס דאָס הויז איז געווען באַפעסטיקט אויף זיי, און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי; איינעם מיט זיין רעכטער האַנט, און איינעם מיט זיין לינקער. און שמשון האָט געזאָגט: לאָמיך שטאַרבן אינאיינעם מיט די פלשתים. און ער האָט זיך אַ בויג געטאָן מיט כוח, און דאָס הויז איז איינגעפאַלן אויף די פירשטן, און אויפן גאַנצן פאָלק וואָס דרינען. און די טויטע וואָס ער האָט געטויט ביי זיין טויט, זיינען געווען מער ווי די וואָס ער האָט געטויט ביי זיין לעבן". (שופטים, ט"ז). —

נערוועז האָבן די בוימער געציטערט אין דער קאַלטער, האַרבסטיקער נאַכט. די לבנה האָט זיך אַרויסגעשניטן אויפן הימל ווי דער שאַרפער קלינג פון אַ מעסער. שווערע וואָלקנס זיינען געווען אָנגעוואָרפן אויפן הימל, ווי פראַגמענטן פון צעבראָכענע זיילן. שטיקער זשאַווער האָבן צעפּרעסן די בלויקייט פונם הימל, ווי שטראָמען בלוט וואָס האָט געשטראָמט פון די טויטע פלשתים און פון שמשון הגיבורס צעבראָכענעם גוף. דאָס בלוט האָט פאַר־פלעקט די מאַרמאָרנע לייבער פון די פרויען, די קופּערנע קייטן פון שמשון, דאָס רייכע, בונטע גאָלד פון די צעהוליעטע פירשטן. דער ווינט האָט שטור־מיש געריסן די האָר פון שמשונס טויטן קאָפּ, האָט זיי ווי פלאַמיקע וואָלקנ־שטיקער פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער די האָריזאָנטן. — —

דער טאַנץ פון אַ אידישער ציַיטונג

היינטיקן זומער, אַרום חודש אויגוסט, האָב איך געהערט אַז אין בית ישראל שפּיטאָל געפינט זיך אַלס אַ פּאַציענט דער מאָלער לעאָן איזראעל (לאָלאַ). איך האָב זיך געאיילט אים צו גיין באַזוכן. איך זאָג: געאיילט, ווייל פון דערפאַרונג ווייס איך אַז מען באַדאַרף זיך איילן צו באַזוכן אַ קראַנקן פריינט...

מיט יאָרן צוריק, ווען איך בין געווען אַ פּאַציענט אין אַ געוויסן סאַנאַטאָריום, האָב איך געהאַט אַ נאָענטן חבר, אַ יונגן פּאָעט. ער איז געווען אין די פריע צוואַנציקער און ער האָט כסדר ביטער געקרענקט, ביז זיין צושטאַנד איז געוואָרן קריטיש. אויף דער טיר פון זיין חדרל פלעגט הענגען דאָס טרויעריק־מאַכנדיקע צעטעלע: ס'איז נישט דערלויבט צו באַזוכן.

ויסנדיק אַז מיין פריינט גאַרט מיך צו זען און פילנדיק אַז זיינע טעג זיינען געציילטע — האָב איך איינמאָל, אין אַ פרייטיק נאָכמיטאָג, געבעטן די קראַנקענשוועסטער אַריינצוגיין צו קענעט פעלדמאַנען און אים פרעגן צי איך מעג אים באַזוכן. אָן אַ דערלויבעניש האָב איך אים נישט געוואָלט באַזוכן. וואָרים דער דאָזיקער אומגליקלעכער מענטש האָט זיך ממש געשעמט מיט זיין שטאַרבן... ער איז געווען צו שטאָלץ צו שטאַרבן... וועגן אים קען מען איבערזאָגן די שורה פון קיטס: "Thou wast not born for death, immortal bird!" (John Keats).

די קראַנקענשוועסטער וואָס איך האָב באַלאָדן מיט דער קליינער מיסיע, איז געווען אַן עלטערע פרוי, אַן אַנטוישטע, וואָס האָט ליב געהאַט צו שפּילן אין קאָרטן, צו פאַרזוכן פונם ביטערן טראָפּן און אַ סך צו רויכערן. זי האָט געהאַט אַ פּנים אין וועלכן ס'איז געווען פאַרצייכנט און אויסגעקריצט איר גאַנץ אומעטיק לעבן. און אָט די דאָזיקע קראַנקענשוועסטער האָט מיך פאַרזיכערט אַז זי קומט באַלד צוריק מיר ברענגען דעם ענטפער...

איך האָב דעם גאַנצן פרייטיקדיקן טאָג געוואַרט אויף איר צוריקקומען. אָבער שבת אין דער פרי, ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען קענעט פעלדמאַנס חדר, איז עפּעס מאָדנע לאַנג געשטאַנען ביי דער טיר דער וואַזאָן מיט בלומען... איך האָב וואויל געוואוסט אַז יעדן אָוונט טראָגט מען פון מיין פריינטס צימערל אַרויס דעם וואַזאָן מיט בלומען און אין דער פרי טראָגט מען אים צוריק אַריין. מיין פריינט איז געווען אַ טאַלאַנטפולער פּאָעט און ער האָט ליב געהאַט דריי זאַכן: לאַנדשאַפטן, פרויען און בלומען... נישט קענענדיק זיך אויפהויבן פון זיין אייזערנעם שפּיטאָל־בעט, און גיין באַזוכן די אויפגעבליטע גערטנער מיט מיסטערהאַפט־געפאָרמטע בלומען, האָט ער זיך טרויעריק געטרייסט מיטן איינציקן מאַסיוון וואַזאָן מיט רייך־קאָלירטע קוויאַטן, וואָס אַ געליבטע האָט אים געשענקט...

און איצט, שבת אין דער פרי, ביים אויפברוך פונם נייעם טאָג מיט אַזוי פיל קאָלאָראַדער זון־פייער איז דער וואַזאָן געשטאַנען אַ פּאָר־יתומטער... מיין פריינט, דער יונגער פּאָעט, וואָס איז געלעגן אַרומ־גענומען פון די רערן פון זויערשטאָף־טאַנק ווי אין אייזערנע קייטן, האָט פּריישיק שפּעט ביינאַכט אויסגעהויכט זיין אידעלע נשמה...

זיין גייסט האָט שוין איצט ציטערנדיק געשוועבט איבער די גערט־נער פון גן־עדן... וואָרים לויט זיין יונג פאַרשניטן לעבן, לויט זיינע פיזישע יסורים, האָט גאָט אים זיכער אָנגעברייט אַ שטול אין גן־עדן...

מיר האָט איצט שרעקלעך באַנג געטאָן וואָס איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף דער קראַנקענשוועסטער מיט איר ענטפער... איך האָב אַליין באַדאַרפט גיין זען מיין שטאַרבנדיקן פריינט...

זונטיק בין איך, אין אַ פאַרשנייעט־פּראָסטיקן טאָג, געפאָרן באַ־לייטן מיין חבר צו זיין קבר, אין די הויכע ראָקי־בערג... און די גאַנצע צייט, ביזן היינטיקן טאָג, פייניקט מיך אַלץ דאָס געוויסן פאַרוואָס איך האָב אים נישט באַזוכט. וואָרים, פאַר זיין טויט, וואָלט ער מיר זיכער איבערגעגעבן זיינע לידער... אָנשטאָט צו מיר, זיינען זיינע לידער אריינגעפאַלן אין די טעמפּע הענט פון זיין עלטערן ברודער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום באַציאונג צו דער טראַגישער שיינקייט פון די דאָזיקע לידער... ער טראַכט אפילו נישט זיין ברודערס פּאָעזיע ווען עס איז צו פאַרעפנטלעכן...

ווי געזאָגט: זונטיק איז געווען קענעט פעלדמאַנס לויה... און מאָנטיק שפּעט נאָכמיטאָג קומט אַריין צו מיר די דערמאָנטע קראַנקענ־שוועסטער, מיט אַ שמייכל אויף איר פון זינד צעברענטן פּנים. איך זע אַז זי איז היפּש פאַרשניאַשקעט. פון איר ציגאַרעט גייט אַ פינצטע־רער רויך. מיט אַ הייזעריקער שטימע, הייזעריק פון בראַנפן און פון ציגאַרעטן, זאָגט זי צו מיר:

— קענעט בעט איך באַלד אַריינקומען צו אים. ער האָט איך עפּעס וויכטיקעס צו זאָגן...

איך האָב איר אָנגעקוקט מיט באַדויערן. איך האָב איר געזאָגט:

— איר האָט זיך אַ קליין ביסעלע פאַרשפּעטיקט... קענעט איז שוין אפילו באַגראָבן געוואָרן...

דאָס שרייב איך איצט אין שייכות צום מאָלער לאָלאָ. ווען איך האָב געהערט אַז לאָלאָ געפינט זיך אין שפּיטאָל, בין איך אים געלאָפן באַזוכן.

דאָס איז געווען דעם 6טן אויגוסט, 1954. מיין איינדרוק אַז לאָלאָ איז ערנסט קראַנק, האָט זיך אין די איצטיקע טעג באַשטעטיקט מיט זיין טויט... און עס טוט מיר איצט הנאה וואָס איך האָב זיך דעמאָלט געאיילט צו באַזוכן אַ אידישן קינסטלער... מיינע איינדרוקן פון דער געגנט אַרום דעם בית ישראל שפּיטאָל, האָב איך דעמאָלט באַשריבן אין מיין טאָג־בוך... אומדירעקט האָט דאָס אַ שייכות צו לאָלאָס מאָ־לעריי און צייכנונגען... די אידישע טיפּן פון דער „איסט סאַיד" זיינען אים געווען נאָענט... ער האָט זיין לעבן — פונקט אַ האַלבן יאָרהונ־דערט — פאַרבראַכט אין יענער געגנט. ער איז געשטאָרבן אין בית

ישראל שפּיטאָל. צו זיין לויה זיינען געקומען די נשמות פון די אַלע אָרעמע און אַלטע אידן וואָס ער האָט געמאָלן מיט גרויס סימפּאַטיע... עס זיינען אַוועק אין דער אייביקייט די דאָזיקע אָרעמע אידן צוזאַמען מיט זייער מאָלער... סוף כל סוף איז דער גורל פון אַלע זאַכן: צו ווערן פאַרשטיינערטע אייביקייט...

און, אומדירעקט, האָט די יאָמערנדיקע אידישע צייטונג אינם ווינט, וואָס איך באַשרייב אין מיין טאָג־בוך, אויך אַ שייכות צום מאָלער לאָלאַ וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געאַרבעט אַלס קאַרטוניסט אין דער אידישער צייטונג... דער קאַרטוניסט, אין לאָלאַס פאַל, האָט אגב היפּש איינגעשלונגען דעם מאָלער לאָלאַ... לאָלאַן האָט אפשר געפעלט דער חוש, די עקשנות און די אַנטשלאָסנקייט צו דינען בלויז צום קינסטלערישן פּענזל, אויסצושטעלן זיינע מאָלערישע ווערק, פאַראויסצוגיין אַלס אַ ריינער קינסטלער. ער האָט געצאָלט צופיל ציינז דעם טאָג־טעגלעכן, אויבערפלעכלעכן קאַרטון... ס'האָט אים געפעלט דער כוח פון אַ גראַפער, שוין אָפּגערעדט פון אַ דאָמיע, צו פאַרוואַנדלען דעם קאַרטון אין אַ מעכטיקן קינסטלערישן אויסדרוק... ער האָט זיך קיינמאָל נישט דערהויבן איבער די פּראָסטע און פּוסטע וויצן וועלכע ער האָט אילוסטרירט... מיר רעכנען דאָס צו צו דעם אָרעמען געשמאַק פון זיין סביבה, וואָס האָט זייער ווייניק פאַרשטענדניש פאַר קונסט און שיינקייט... לאָלאַ איז געווען אַ ווייכע נאַטור, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו זיין סביבה...

לאָלאַ איז שטענדיק געווען אַ גוטער חבר, אַ פריינט און אַ באַהעם... ער האָט מער צייט פאַרבראַכט אין רויכיקער קאַפע, צווישן גוטע חברה, ביים גלעזל וויין, ווי אין זיין סטודיאָ, ביי שווערער, קינסטלערישער אַרבעט...

ווען איך בין אין יאָר 1939 געקומען קיין ניו־יאָרק, האָב איך אין דער סביבה פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" זיך באַקאַנט מיטן אידעלן און פיינעם לאָלאַ. זינט דעמאָלט, ווי נאָר איך פלעג ערגעץ אויף אַ גאַס זיך אַנטרעפן מיט לאָלאַן, איז געווען אַ יום־טוב... מיר פלעגן שוין מוזן אַריינגיין ערגעץ אין אַ ווינקעלער און פאַרגיסן דעם אַנגענעמען פאַקט וואָס מיר לעבן נאָך, דאַנקען גאָט, מיט אַ געשליפענער כוסה שטראַלנדיקן וויין...

וואָס לאָלאַ האָט געטאָן פאַר דעם קראַנקן און גרויסן שריפטשטעלער משה יונה חאַימאָוויטש, וואָס געפינט זיך שוין זינט יאָרן אין אַ היים פאַר אומהיילבאַרע — דאָס אַליין וועט אים אַריינפירן מיט פאַראַד אין גן־עדן... ער האָט זיין לעבנסלאַנגער פריינטשאַפט מיט חאַימאָוויטשן פאַרשמידט מיט סאָלידע מעשים טובים...

לאָלאַ האָט זיך אויך פאַרנומען מיט מאָלן קאָמערציעלע פרעסקאָס (וואַנט־מאָלערייען). אויב אין הימל האָבן זיך אויסגעריבן שטיקער בלויע האָריזאָנטן, אויב אַ שטיק קאָסמישע וואַנט איז אָפּגעבלאַקירט געוואָרן — זייט זיכער אַז לאָלאַ וועט זיך איצט נעמען צו דער אַרבעט... ער וועט מיט זיין נאַסן פּענזל אויפדאָסניי אָפּפאַרבן די האָריזאָנטן אויף אַ פרישן, דורכזיכטיקן בלוי... ער וועט אָפּקאַלעכן

גאָטס אייביקע וועגט... ער וועט ווידער איבערמאָלעוון די הימלישע לאַנדשאַפט... פריי פון דאגות פרנסה און פון דער אָנשטרענגונג צו צייכנען קאַרטונס פאַר די לייענער פון דער אידישער פרעסע, וועט ער זיך איצט קענען אָפּגעבן צו ריינער קונסט...

לאָלאַס טויט האָט אונז טיף דערשיטערט... פונקט ווי זיין קראַנקהייט האָט אונז היפש טרויעריק געמאַכט... אין יענעם טאָג, פון מיין באַזוך ביים קינסטלער, האָב איך פאַרצייכנט מיינע איינדרוקן פון דער געגנט אַרום דעם שפּיטאָל...

***

קליינער סקווער אין דער אַלטער, נידעריקער געגנט פון דער שטאָט. דאַטע: 6טער אויגוסט, 1954. אַדרעס: אַרום סעקאָנד עוועניו און זעכצנטע גאַס, ניו־יאָרק. אויפן שטיינערנעם פּיעדעסטאַל שטייט אין מאַסיוון בראָנז דאָס געשטאַלט פון דעם האָלענדישן גובערנאַטאָר, פּיטער סטייוועזאַנט. זיין דראָבנע פּנים איז אויסגעקרימט: וואָרים אים קרענקט וואָס ער זעט אַרום זיך אַלטע אידן און סלאַוון. ער זעט כינעזער און יאַפּאַנעזער. ער זעט דאָ ווי אַזוי מענטשן ווערן אַלט, צעקרימט און צעבויגן, אַזוי ווי אַלטע אייזן און קופּער, אַזוי ווי ברוכ־וואַרג, וואָס ווערט צעשמאָלצן ביים גרויסן פייער. ער אַליין, דער האָלענדישער גובערנאַטאָר, וואָס שטייט דאָ מיט זיין הילצערנעם, פּי־ראַטישן פיסל, אַ קריפּל, איז אַ שטאָלצער, פאַרריסענער אַריסטאָקראַט. אַ האָלענדער פון תנ"ך זאָל זיין אַזאַ ביטערער אַנטיסעמיט? אָבער, ווי עפּעס צו להכעיס, זעץ איך זיך דווקא אַוועק נעבן דעם בראָנזענעם גובערנאַטאָר.

אויפן אַלטן טורעם זע איך אַ ריזיקן ציפערבלאַט מיט גאָלדענע, לאַטיינישע ליטערעס און רויטע ווייזערס. איך קען זען ווי די ווייזערס באַוועגן זיך אומענדלעך. עס איז שוין צוואַנציק יאָר ווי איך קוק אויפן דאָזיקן גרויסן ציפערבלאַט אויפן אַלטן טורעם. די זון גייט איבערן הימל אין איר אייביקן גאַנג. די לבנה גייט אייביק איר גאָלדיקן גאַנג אַרום דער ערד. און די ווייזערס דרייען זיך אַרום דעם ציפערבלאַטישן פּנים און זיי פאַרשווענקען אַוועק די כוואַליעס לעבעדיקע צייט פון די מענטשן. די מענטשן דאָ זיינען אַן ערב רב פון אַלע ראַסן. מערסטנ־טיילס: אידן און סלאַוון. אַט זיצן אויף אַ באַנק טורגעניעוו און פּושקין און זיי רעדן צווישן זיך אינטים און געמיטלעך. אַט זיצט דער באַ־רימטער פירשט קראָפּאָטקין מיט עפּעס אַ פּראָלעטאַריער. טאָלסטאָי רעדט צו אַ זשוקל וואָס קריכט זיך פּאַמעלעך זיין שטילן וועג אויף אַ שטיין. אַ פּאָר דערמאָרדעטע צאַרן, מיט שיכור־צעפלאַמטע פּנימער, זיצן אויף אַ באַנק און זיי זשלאָקן פון אַ פלאַש מיט וואָדקאַ.

די מענטשן זיינען אַלט געוואָרן מיט די טעמפּלען, טורעמס, איי־זערנע שטאַכעטן און ביימער. פוילע פייגל פאָרן זיך דאָ אַרום צווישן דער אָרעמשאַפט. זיי פאַרברודיקן אויפן קאָפּ פונם גובערנאַטאָר. זיי שטעלן זיך אויף די אייזערנע שטאַכעטן. עס גייען פויל אַרום דאָ די געלע הינט.

אַ ווייסע פרוי פּראַוווט פאָטאָגראַפירן צוויי כינעזישע קינדער.

A. Walkowitz
1908

דער לאָנדרי־מאַן טשאָפּ־טשאָפּ־טשאָפּ האָט טינט־שוואַרצע האָר און אַ פּאַרצעלייניק־בלאַסן פּנים. שוין אַ שעה צייט ווי זיי ביידע האָרעווען שווער אויף אַרויסצורופן אַ שמייכל אויפן בלאַסן פּנימל פונם כינעזערל. דאָס כינעזערל ווײנט כסדר. די ווייסע פרוי ברענגט אַ גרויסן בלאַט און גיט עס צו דעם קינד. דאָס בלאַט איז אָפּגעבלאַקירט. עס זעט אויס אַזוי ווי אַ גרויסע, גאָלדענע מאַלעריי. עס איז אַזוי ווי אַ פּאַר־בלוטיקט האַרץ, אַרויסגעריסן פון אַן אצטעקישער ברוסט. עס זעט אויס ווי די זון וואָס פאַרגייט פאַרנאַכט. דאָס אײנגעלע וואַרפט אַוועק דאָס טויטע כישוף־בלאַט און עס יאָגט זיך נאָך די מעטערלינקישע „בלויע פייגל" פונם סקוועער. די פייגל און די טויבן זיינען דאָ ענלעך צו די גרויע, קראַנקע, דעגענערירטע מענטשן. אַן אומעט גייט פון די טויבן און די פייגל.

אָבער, דאָס קליינע כינעזערל וויל בקיין שום אופן נישט שמייכלען און — טו!

די ווייסע פרוי רופט איר כינעזישן פרײנט „דאַרלינג". און ער רופט דאָס קינד: „נאַסע". גיי ווייס וואָסאַראַ כינעזישער נאָמען דאָס איז, נאַסע. אָבער נאַסע וויל דורכאויס נישט שמייכלען, כאָטש האַק אים און צעבראָק אים אויף פּיץ־פּיצלעך.

די ווייסע פרוי הייסט „ליילאַ". און אפילו דער פּראָפּעסיאָנעלער בעלעטריסט קען נישט טרעפן איר געהיימניספולע געשיכטע. איז ליילא די פרוי פון דעם לאָונדרי־מאַן, דעם כינעזישן דאַרלינג? איז ליילא אַזאַ מין געליבטע? ווער איז ליילא מיט דער בלאַסער הויט פון אַ שווינדזוכטיקער? און צו וואָס מוזן דאָס די קינדער דווקא שמייכלען פאַרן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט? און זיין נאָמען, טשאָפּ־טשאָפּ־טשאָפּ פלאָנטערט זיך עפּעס ביי מיר אין זכרון נאָך פון אַ פאַרצייטישע כינע־זישע מעשה וואָס מען האָט געלייענט אין דער היים, נאָך אין מיין קינדהייט...

אַ שיכורער נעגער גייט צו צו אַ גרופּע ווייבער. ער פרעגט:

— וואָסאַראַ בלומען זיינען דאָס?

ער מיינט אַוודאי די בלומען פונם פאַנטאַן.

די ווייבער דערשרעקן זיך. קיינער פון זיי ווייסט נישט וואָסאַראַ בלומען דאָס זיינען. און ווער באַדאַרף דען דאָס צו וויסן? זיי זיצן שוין דאָ אָפּ יאָרן, זייער גאַנץ לעבן כמעט, און זיי זעען אפילו נישט די בלומען. דער בראָנזענער נעגער, מיט אַ גוטן, שמייכלענדיקן פּנים, שטעלט אָפּ יונגע מיידלעך:

— וואָסאַראַ בלומען זיינען דאָס?

אָבער יעדער איינציקער אין דער שטאָט ניו־יאָרק איז היפּש פאַרזאָרגט מיט זיינע אייגענע עסקים. אַ נאַרישער נעגער אַזאַ: וואָס אינטערעסירן אים גאָר די בלומען פון גאָרטן? וואָסאַראַ משוגענער בטלן דאָס איז! ווער באַדאַרף צו האָבן בלומען אין דער גרויסער שטאָט? ווער האָט דאָס צייט צו לערנען באָטאַניק?...

אָט דער קינדיש־אומשולדיקער נעגער, וואָס ביינאַכט קען ער צעשטעכן מיט אַ קינזשאַל דרייצן מענטשן, פאַרנעמט זיך גאָר מיט

בלומען. אַ משוגענער אַזאַ! די וועלט איז איצט טויט־ערנסט. שווער הענגט אויף איר די געפאַר פון קאָסמישן אונטערגאַנג. שוואַרצער נעגער — שוואַרץ ווי די נאַכט אַן לאַמטערנען. שוואַרץ ווי דער טינט וואָס אַ שרייבער שרייבט מיט אים אַן זיין פאַרגאַנגענעם לעבן — שוואַרצער נעגער האָט זיך גענומען די ראָלע פון דיאַגענעס: ווי אַזוי הייסן דאָ די דאָזיקע בלומען? קיינער ווייסט נישט. קיינער וויל נישט וויסן. נאָר אין זיין שיכורן אומעט רעדט ער זיך דערוויילן אויס. רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. אַ שוואַרצער מאַן וויל רעדן אַ וואָרט צו די מענטשן. און אַלע האָבן פאַר אים מורא.

פון דער שכנותדיקער בוכהאַנדלונג שמעקט עס מיט אוקראַינע. אַ סך פאָרטרעטן פון פּאָעט טאַראַס שעווטשענקאָ קוקן דאָ יחוסדיק אַרונטער. זיינע גרויסע וואָנצעס הענגען שווער אַראָפּ. עס איז אים איצט אוודאי הייס אין דעם שווערן פוטער. נאָר פון אַ לאַנדשאַפט פון דניעפּער יאָגט אַ קאַלטער ווינט. עפּעס יאָגט עס מיט פינצטערער, סלאַ־ווישער קעלט פון דעם דניעפּערס רויע, גרינע כוואַליעס. אידן האָבן דאָ געלעבט זינט טויזנטער יאָרן אויף די ברעגעס פונם דניעפּער. אָט זעט מען אַ מאַלעריי פון הויכע צערקוועס און ביזאַנטינישע טורעמס. אוודאי איז דאָס די שטאָט קיעוו.

דעם באַגדאַן כמעלניצקי האָב איך פּשוט מורא אָנצוקוקן אין זיין רוצחישער מאָרדע אַריין. ער איז אינגאַנצן איינגעהילט אין רויטע קליידער, ווי זיי וואָלטן זיין אויסגעשמירט אין בלוט. קעניגלעכע, פלאַ־מיקע קליידער אַזעלכע. אין זיין פאַרבלוטיקטער האַנט זעט מען אַ גאָלדענעם סצעפּטער. דער סצעפּטער איז באַזעצט מיט טייערע רובינען, סאַפירן און טורקאַזן. אויך די קנעפּ פון דעם באַגדאַנס קליידער זיינען קאָלירטע איידלשטיינער. עס גייט פייערדיקע רציחה און פינצטערער פּאָגראָם פון די קאָזאַקישע אויגענעס. עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק. די זון פאַרגייט אין הינטערגרונט פונם בילד. מיר דאַכט אַז עס הענגען דאָרטן אויף די סלופּעס מחנות אידן. אויך דער אוקראַינישער הימל איז נישט פריינטלעך. ס׳איז נישט אונזער אידישער הימל. ס׳איז אַ גויִש־רוצחישער, פאַרפלאַמטער הימל, פאַרפלאַמט און פאַרגאָסן מיט אידיש־היסטאָרישן בלוט.

איך קוק אויף נאָך עפּעס אַ מאַלעריי: טאַראַס בולבא, גאַגאָלס הויכער און ברייטער קאָזאַק, טאַנצט מיט זיינע זין. די בלאַנקע סאַבלעס בלאַסקן. טאַראַס בולבא זעט אויס געננוי ווי דער העטמאַן כמעלניצקי. עס זעען זיך אין הינטערגרונט קליינע, געקאַלעכטע הייזלעך. ס׳האָבן אידן דאָ אויך געוואוינט. דאָ האָט געוואוינט אַ רבי מיט אַ גרויסער, ווייסער באָרד און אַ צעפלאַמטן שטערן.

אָ, מיט וויפיל בלוט אידישע געשיכטע איז אויסגעווייקט! איך נעם אין זיך אַריין דעם ווינט פון דניעפּער. מיין פריע יוגנט גייט אויף, מיין אידיש־פּוילישע יוגענט. איך דערפיל דעם ווייסלס אָטעם אויף מיין קינדישן פּנים. פּויליש מיידל מיט פלאַקס־האָר גייט מיט מיר קלייבן יאַגדעס און שוואָמען אין וואַלד. אין דעם טיפן, פּוילישן וואַלד פון מיין קינדהייט...

צווישן די בוימער און די קזשאַקעס טאַנצט איר לעצטן טאַנץ אַ טרויעריק־געוואָרענע אידישע צייטונג. די דערנער רייסן שטיקער פון אירע אידישע אותיות. עס דאַכט זיך אַז די צייטונג שילט די סלאַווישע איינוואוינער. עפּעס שרייט אויס אַ נביאס אָפּגעשרפהט מויל פון די בלעטער. עס ברעכט אַרויס׳אַ שטראָפנדיק קול פון אוראַלטע, קרומע און עקשנותדיקע אותיות. דער ווינט טרייבט די צייטונג מיט אַ פּייפעריי דורך צווייגן און דורך קינדער־וועגעלעך. עס וויקלט זיך אויף אַ נעק־ראַלאָג אויפן טויט פון אַ פּריצייטיק־פאַרשניטענעם, אידישן פּאָעט. אַן אות האָט זיך לוצקיש אָפּגעריסן און לויפט מיט זיין אייגענעם פאַר־צווייפלטן וועג אין דער פּאַטאַלער אומענדלעכקייט אריין. אַ שטיק אידישע צייטונג שוועבט צו דער אוקראַינישער בוכהאַנדלונג און טוט עפּעס אַ שריי אַריין דעם בלוטיקן העטמאַן כמעלניצקין אין זיין רויט־חזרישן פּרעסער אַריין. פּלוצלינג קערט זיך אום אַ שטיק צייטונג צו מיינע פיס, גלעט מיר די פיס אַזוי ווי אַ פּאַלירטע, ווייכע קאַץ, און יאָמערט עפּעס אויס צו מיר, קוקנדיק צו מיר פאַרטרערט און פאַרוויינט מיט אירע אותיותדיקע אויגן. מיך כאַפּט אָן אַ טיף רחמנות. די צייטונג שרייט און האַווקעט און בילט און יאָמערט ווי אַ פאַרשאָלטענער דיבוק. אַ נביאישע שפּראַך יאָמערט און זעצט בלוטיק־שוימיק אַרויס פון אירע פאַרפלאָמטע אינגעווייזן.

אַ אידישע צייטונג טאַנצט איר טראַגישן טאַנץ אויף אַ סקווער אין ניו־יאָרק. זי שרייט אויס אַ גרויס געשריי איבער די געמאַרקן פון דער וועלט. אירע אותיות ווערגן זיך ווי אויף תליות די קעפּ און העלזער פון געהענקטע מאַרטירער. אין דער וויטרינע פון דער אוקראַינישער בוכהאַנדלונג ווערט עפּעס אַ מין פּייערדיקע פינצטערניש. פון כמעל־ניצקיס פּנים גיסט זיך אַ ים מיט אידיש בלוט. זיין סצעפּטער ווערט צעשמאָלצן אין דעם פייערדיקן ים פון בלוט. די איידלשטיינער — פאַרטרערטע אויגן פון אומגעקומענע אידישע קינדער. פון דניעפּער יאָגן שוואַרצע, פינצטערע וואָלקנס.

איך זיץ דאָ ביים בית ישראל־שפּיטאָל. איך גיי באַזוכן אַ קראַנקען אידישן קינסטלער. די בראָנזענע ווייזערס אויפן ציפערבלאַט טרינקען וואַמפּיריש דאָס בלוט פון אַלעמענס צייט אויס. די קליינע וורובלעס, מיר דאַכט, קומען פון דעם פוילישן פעלד פון מיין קינדהייט. די טויבן גייען מיר נאָך פון פוילנלאַנד אָן. זיי זיינען נישט קיין טויבן — נאָר שוואַרץ־בלויע וואָראָנעס מיט קורצע, דיקע שנאָבלען. עס איז געקומען די שעה: איך מוז גיין באַזוכן מיין פריינט, דעם מאָלער פון די אַלטע אידן פון דער "איסט־סאַיד", אין אידישן שפּיטאָל. אויף גיגאַנטישע הילצערנע קוליעס רוקט זיך די זון צום ראַנד פון דער ערד. זי לעגט פאַמעלעך אַנידער איר קאָפּ אויפן גרינעם אַקסל פון אַ נייעם קאָנטינענט, וואו עס ציטערט אומגעהייער אויף דאָס יונגע בראָנז פון אַ נייעם טאָג.

ניו־יאָרק, 6טער אויגוסט, 1954.

דער פעטער פון כעלם

מיין פאָטער האָט געהאַט עטלעכע ברידער; איינעם אין זוואָלין, אין דער שטאָט פון מיטלאַלטערלעכן פוילישן פאָעט יאַן קאָכאַנאָווסקי; אַ צווייטן ברודער אין שעדליעץ; אַ דריטן ברודער אין וואַרשע; אַ פערטן ברודער אין כעלם. מיר, קליינע קינדער, האָבן אונזער משפחה נאָענט נישט געקענט. מיין פאָטער האָט געהאַט אַ נייגונג זיך צו ציען יעדער האַלבן יאָר פון איין דאָרף צום אַנדערן. איז ערגעץ געשטאַנען אַן אַלטע חורבה, האָט ער זי געדונגען, אויפגעבויט, צורעכט־געמאַכט מיט זיינע אייגענע הענט און אַריינגעטאָן ליכט און זון אין דער אַלטער, פוסטער קרעטשמע. נאָכדעם ווי מיר האָבן אָפגעוואוינט אַ האַלב יאָר, האָט מיין פאָטער שוין ווידער אויסגעזוכט עפעס אַ פאַרוואָרלאָזטן פלאַץ פון אַן אַלטן גראַף און מיר האָבן זיך אויפדאָסניי אַהינגעצויגן. מיין פאָטער האָט אין איין צייט געהאַנדלט מיט פערד; האָט ער נאָר אויפגעקויפט קראַנקע פערד; ער פלעגט אַהיימקומען פון יאַריד מיט אַזאַ קראַנק, פאַרוואונדעט פערד, אַז עס איז געווען אַ רחמנות דערויף צו קוקן. ער האָט עס אין משך פון לאַנגע וואָכן געהיילט, געוואַשן עס ביים דאָרפישן סטאַוו, גערייניקט; ביז ער האָט עס פאַרצויגן די וואונדן מיט אַ פרישער הויט; דאָס פערד האָט פשוט אויפגעלויכטן אין דער גוטער היים. מיר אַלע, קליינע קינדער, האָבן זיך צוגעוואוינט צום פערד — ערשט מיין פאָטער פאַרקויפט עס פאַר אַ שיבוש און ער פאָרט שוין ווידער אויפן יאַריד מיט מיין ברודער דוד, כדי צו קויפן עפעס אַ פאַרבלוטיקט, פאַרחושכט און צעמזיקט פערד, כדי עס וואָכן לאַנג ווידער צו היילן זיינע וואונדן...

איינמאָל האָט געטראָפן אַז מיין פאָטער האָט געקויפט ביים אָבלאַסער פריץ אַ חולה פערד. דאָס פערד איז געלעגן אין שטאַל אַ צונויפגעקאָרטשעטער אין שמערצן. מיין פאָטער האָט שוין פעסט באַשלאָסן צו קריגן דאָס פערד פאַר יעדן פרייז. ער האָט באַצאָלט, און, ווי נאָר מען האָט דאָס פערד מיט גרויס שוועריקייטן אַרויסגעפירט אין דרויסן, איז עס אומגעפאַלן און אָפגעפגרט אויפן פריצס פעלד. מיין פאָטער האָט יאָרנלאַנג געפירט ספראַוועס מיטן פריץ. אָבער דער בייזער פריץ האָט נאָך געמאָנט געלט פון מיין טאַטן פאַרן ברענגען אויף זיין לאַנד אַ טויט פערד... ער האָט געלייקנט אַז מיין פאָטער האָט ביי אים אַליין געקויפט דאָס שטאַרבנדיקע פערד...

אין איין צייט האָט מיין פאָטער זיך פאַרנומען מיט זייגערמאַכעריי. פלעגט ער אָפקויפן אַלטע, טויטע זייגערס. זיי אויסלאַדעווען, פאַריכטן, זיי זאָלן גיין און אַזוי שנעל ווי זיי האָבן באַקומען מעכאַניש לעבן, האָט ער זיי פאַרקויפט. אונזער הויז איז שטענדיק געווען אַ שפיטאָל פאַר טויטע זייגערס מיט שטומע ציפערבלאַטן, ווי פנימער פון מתים. אָט אַזאַ זייגערמאַכער איז געווען מיין פאָטער. אפשר איז אין אים פאַרלוירן געגאַנגען אַ גרויסער דאָקטאָר, וואָס האָט געוואָלט היילן די וועלט.

איז, וואַנדערנדיק פון דאָרף צו דאָרף, האָבן מיר די פאַמיליע אונ־זערע נישט גוט געקענט. און ס'רוב, אין אומעטיקע מאָמענטן, באַ־דויער איך דאָס. איצט, ווען זיי זיינען שוין אַלע פאַרשוואונדן, ווי אין אַ פינצטערן אָפּגרונט, לייד איך שטאַרק וואָס איך האָב זיי נאָענט נישט געקענט. איך וואָלט זיי געוואָלט באַשרייבן. פון צייט צו צייט פלעגט דאָך אויפטויכן אַ היימיש פּנים פון אַ פעטער, אַ מומע, און מיין מוטער פלעגט וויינען ביים טרויעריקן געזעגענען זיך און מיין פאָטער פלעגט שנעל „אָפּפּרייען" זיך און צוריקגיין צו זיינע פאַר־וואונדעטע פערד, אָדער צו זיינע טויטע זייגערס, צו זיינע פאַרלאָ־זענע חורבות אויף דער פוילישער ערד...

וועגן מיין פאָטערס פאַנטאַסטישן כאַראַקטער וואָלט איך געוואָלט אַמאָל אָנשרייבן אַ גאַנצן גרויסן בוך. וועגן זיינע אויסערגעוויינלעכע טאַלאַנטן אַלס שרייבער, מאָלער, רעדנער. די ווענט פון די הייזער, די זייגערס, אַלץ פלעגט מיין פאָטער אָפּפאַרבן אין גאָלדענע און זיל־בערנע פאַרבן. די ברעגן פון די ספרים־בלעטער פלעגט ער פאַר־שרייבן מיט פאַסירונגען און מיט מעשיות פון די פינצטערע מלחמה־צייטן. אין מיין פאָטער האָט געלעבט אַ פילפאַכיקער קינסטלער, וואָס איז צוזאַמען מיט אים פאַרלוירן געגאַנגען פאַר דער וועלט. מיין אייגענעם שרייבערישן טאַלאַנט האָב איך געירשנט פון מיין טאַטן. אָבער דאָס איז בלויז אַ פונק פון דעם גרויסן פלאַם וואָס האָט אין זיין גרויס האַרץ געפלאַקערט.

מיין טאַטנס אַנדערע ברידער זיינען געווען איינזאַמע, קראַנקע און אָרעמע אידן. זיי האָבן זיך אין לעבן ביטער געמאַטערט. נאָר דער פעטער פון כעלם איז געווען אַ איד אַ גביר. ער האָט געהייסן ר' פסח. און זינט איך געדענק, האָט ער געוואוינט אין כעלם. און רעדנ־דיק וועגן אים, וועגן זיין גוטן מזל, וועגן זיינע געראָטענע קינדער, וועגן זיין שיינער פרוי, האָט מען שוין אויך דערציילט די באַרימטע כעלעמער פריילעכע מעשיות. אין כישוף פון פאַנטאַסטישן הומאָר איז אויפגעגאַנגען דאָס וואונדערלעכע כעלם. אין דעם צויבער פון שפּיציקן וויץ; אין דעם גראָטעסק פון די אַלע וואונדערלעכע, פליענ־דיקע, הערלעכע און קלוגע אידן, וואָס האָבן זיך אַלע באַטייליקט אין דעם כעלעמער שיקזאַל־יאַריד; אין דעם בונטן קאַרנאַוואַל פון מזל און שלימזל; פון יעדן כעלעמער איד האָט אַראָפּגעטריפט איינפאַל, שאַרפזין, קלוגשאַפט און חכמה; די כעלעמער אידן זיינען אַלע גע־ווען פאַרגאָסן מיט ליכט פון דער לבנה, וועלכע זיי האָבן געוואָלט פאַנגען; געוואָלט איינשליסן אינם פאַס די דאָזיקע הימלישע רויז, אַזוי ווי אַנדערע זשעניען און טרוימער האָבן זיך געיאָגט נאָך דעם בלויען, מעטערלינקישן פויגל; נאָך דער בלויער בלום פון נאָוואַליס; נאָך דעם טעלערל פון הימל וואָס דער געליבטער זאָגט צו די גע־ליבטע אין דער שמעקעדיקער בעז־נאַכט. די כעלעמער נאַרן זיינען מיר אַריין אין האַרצן מיט זייערע פאַרחלומט־בלויע אויגן, גרויסע קעפּ פול מיט חכמה, רויט־פלאַמענדיקע בערד פון דער לבנה אָנגע־צונדן. איך האָב זיי ליב געהאַט. די דאָזיקע הערלעכע, גרויסע, היי־ליקע נאַראָנים פון דעם גרויסן, גאָלדענעם אידישן פאָלקלאָר.

און מיין פעטער פסח האָט געהאַט אַ ווײנהאַנדל אין כעלם. אפשר פאַרבײגײענדיק זײַן שײנעם ווײנהאַנדל, קוקנדיק אין שױ־פענצטער אויף די אָנגעצונדענע פלעשער מעד און ראָם אין דער פרימאָרגנדי־קער זון, זײַנען די כעלעמער אידן געוואָרן אַזוי שיכור־אָנגעצונדן און זײ האָבן באַשלאָסן צוזאַמען צו זאַמלען אַ פאַס מיט ווײַן... נאָר זײ זײַנען נעבעך געווען גרויסע אביונים און יעדער אײנער פון זײ האָט נעבעך געגאָסן אין געהיים וואַסער אָנשטאָט ווײַן, אינם גרויסן היל־צערנעם פאַס...

בלויז אײנמאָל איז מיין פעטער פסח דערשינען בײ אונז אין דער הײם. ער איז עפּעס ווי פון הימל אַרונטערגעפאַלן. דערוואַרטנדיק צו זען אַ פריילעכן כעלעמער פעטער, איז גאָר בײם טיש געזעסן אַן אומעטיקער פוילישער איד. ער איז געווען שטאַרק ענלעך צו מיין פאָטער. אַזוי אַז מיר איז אײנגעפאַלן אַ געדאַנק אַז דער פעטער פסח יועט חלילה נישט ווײסן צי ער איז טאַקע דער פעטער פסח, צי גאָר מיין פאָטער... אין האַרצן האָב איך אפשר געוואונטשן אַז דער פעטער פון כעלם זאָל פאַרגעסן ווער ער איז און אַז ער זאָל בלײבן מיט אונז, און מײנען אַז ער איז אונזער טאַטע און מיין טאַטע וועט אַוועק אַלס דער פעטער פון כעלם. שטום, נאָך אַזוי פיל יאָרן, איז געזעסן דער פעטער פון כעלם. און אויך מיין טאַטע האָט געשוויגן. בײדע ברידער האָבן זיך נישט געזען לאַנגע, לאַנגע יאָרן. זײ זײַנען בײדע גרוי גע־וואָרן דורך דער צײַט. זײערע קעפּ און זײערע בערד זײַנען געווען באַדעקט מיט שנײ.

מיין מאַמע האָט געשטעלט עסן אויפן הילצערנעם טיש, מיט דער צעשניטענער צעראַטע, אויף װעלכער עס זײַנען געווען גרויסע פלעקן פון טינט. דאָס האָבן מיר, קינדער, זיך געלערנט שרײַבן די ערשטע גרויסע אותיות. מיין פעטער פסחס בלאַסע, אײדעלע הענט, מיט אַ בלוטלאָזער פאַרמעט־הויט, האָבן געשאַרט אויפן טיש די קריש־קעס ברויט. ער האָט נישט טועם געווען פונם עסן. אָנשטאָט מיין מוטערס פראָסטע שפּײַזן, האָט ער אַרויסגענומען פון זײַן קלײן רענ־צעלע אַ פעקל מיט מאַקאַראָנדלעך און מיט זײַנע דינע צײן געביסן פון אַ מאַקאַראָנדל און צוגעטרונקען פון אַ גלאָז מילך...

— וואָס עסט מען בײ אײַך, פסח, אויף פרישטיק? — האָט מיין מאַמע געפרעגט, זײענדיק נײַגעריק צו ווײסן וואָס מען עסט אין אַ רײַך אידיש הויז.

— אַ מאַקאַראָנדל... אַ ביסל אײַנגעמאַכטס... — האָט מיין פע־טער געענטפערט, ווי יוצא צו זײַן...

— און וואָס עסט מען פאַר מיטאָג־צײַט? — האָט מיין מוטער ווידער געפרעגט.

— אַ שטיקעלע הון... אַ ביסל יויך.. מען פאַרבײסט מיט אַ מאַקאַראָנדל...

— און וואָס פאַר אַ וועטשערע?

— זײער ווײניק. מען טרינקט אַ גלאָז מילך מיט אַ מאַקאַראָנדל...

מיר, קינדער, האָבן זיך צוגעהערט צום דאָזיקן „גרויסן שמועס"...

איצט זיינען מיר געווען שטאַרק איבעראַשט פון דעם פּעטערס רייכ־קייט. אַז מען קען זיך אין אידיש הויז פאַרגינען צו עסן ביי אַלע דריי מאָלצייטן מאַקאַראָנדלעך, דאָס איז געווען איבער אונזער פאַנ־טאַזיע. בלויז אַ קיסר קען זיך פאַרגינען צו עסן מאַקאַראָנדלעך ביי יעדער מאָלצייט... אויב אַזוי, איז דער פּעטער פון כעלם טאַקע אַ גביר אַדיר...

אומעטיק איז געווען דאָס צעשיידן זיך מיטן פעטער... מיטן קרומען, בלאָטיקן וועג, ביי דער פייכטער אָלשיניע, (וועלדל), האָבן געשפּאַנט פאָראויס צוויי אַלטע, טרויעריקע אידן... מיט גרויע בערד און שטומע פּנימער. און הינטער זיי איז געגאַנגען מיין מאַמע, מיט אונז, קינדער. עס איז געווען פאַרנאַכט. ס'האָט אין וואַלד אַ קוקאַווי־קע איר לעצטן קו־קו געזאָגט. ס'האָט אַ גאָלדענע נאַכטיגאַל אין וואַלד געטרילערט אַ גאָלדן ליבע־ליד. ס'איז געווען גרויס די זון, ווי אַן אומגעהייער אויג פון גאָט, וואָס האָט שוין דעמאָלט געזען די קינפטיקע פאַרברעכנס איבער דער פּוילישער ערד...

— — — טרויעריקע זיינען מיר אַהיימגעגאַנגען, ווי נאָך אַ לוויה... יענעם אָוונט האָט מען ביי אונז אין דער היים נישט גערעדט. עפּעס האָט מען מוראדיק געשוויגן. אַזוי ווי מען וואָלט פילן אַז עס גרייט זיך אַ גרויס אומגליק. אַז אונזער פּעטער פסח פון כעלם וועט מיט זיין גאַנצער משפּחה פאַרשניטן ווערן צוזאַמען מיטן פּוילישן אידנטום.

נאָר אין די שפּעטערע וואָכן און חדשים האָט מען אַלץ גערעדט וועגן דעם רייכן פּעטער, און זיין משפּחה, וואָס עסן מאַקאַראָנדלעך צו אַלע דריי מאָלצייטן...

ניו־יאָרק, יוני 27, 1951.



אדם און חוה

עס איז געווען אַ הייסע, אַ ליכטיקע נאַכט. פֿאַמעלעך האָט די פולע לבנה, אַ לבנה — אַן אַלטע, קופּערנע מטבע, מיט אַ קאָפּ פון אַ רוימישן צעזאַר, וועמענס פּנים איז צעפרעסן פון צייט, אַזוי ווי פון מייז, זיך דערנענטערט צום פענצטער. עטלעכע מאַגערע וואַזאַנען דינען פאַרגאַסן געוואָרן מיטן לבנהדיקן קאַלעך־ליכט. די בלומען, דערשלאָגענע, פאַרשמאַכטע, האָבן דערוואַכט. ווי אַנגערירטע דורך מאַגישע פינגער, אויפהויבנדיק זייערע דינע שטענגלעך, עפענענדיק זייערע צאַרטע, געפאַרבטע בלעטלעך. עפענענדיק די גאָלדענע בע־כערס, זייערע הערצער, זייערע זעלן. זייערע סענסיטיווע אינערלעכ־קייטן אַנטפּלעקנדיק. די לבנה האָט זיך דערנענטערט צום פענצטער, צו די וואַזאַנען מיט דערוואַכנדיקע בלומען, צום פאַרטרעט אויפן וואַנט — אַ פאַסטעל־מאָלעריי פון אַ יונגער, פאַרפירערישער דאַמע. אַ דאַמע, אַזוי ווי געבוירן פאַר ליבע, פאַר ליבע־בעסטלעכקייטן. פאַר די ימים־טובים פון ליבע אין די פעטע, פייערלעכע סעדער פון אַלטן גריכנלאַנד. די לבנה־שטראַלן האָבן כישופדיק וויברירט אויפן פאַסטעלישן פאַר־טרעט, אַ שפּיל געטאָן מיט דעם פולן פלייש פון אירע בריסט, באַרירט די שוואַרצע וואַרצלען, וואָס האָבן ווי טונקעלע קנויטן געברענט אין דער קיל־מאַרמאָרענער בלייכקייט.

די לבנה האָט געמיטלעך שפּאַצירט איבערן צימער און זיך צו־געשאַרט צום קליינעם בעט, וואו אַ פרוי און אַ מאַן זיינען געלעגן. דער־פילנדיק דעם ליכט־באַריר, ווי דורך הענט טראַנספאַרענטע, אידעלע, האָט די פרוי אינסטינקטיוו אַראָפּגעשאַרט די דינע קאָלדרע פון גרינעם סאַמעט, האָט פאַרשאַרצט איר זיידענעם, בלייך ווי מילך דינעם און דורכזיכטיקן העמד, און אַ ליבער, קליינער און חנוודיקער קערפּער האָט זיך אַנטפּלעקט, ראָזעווע־רענואַריש, אין האַרטן מאַרמאָר גע־שניטן. עס איז געווען דער גוף פון אַ קאָקעטקע. אירע טיציאַן־פלאַמיקע האָר האָבן גאָלדיק זיך צעשפּרייט איבערן זיידענעם קישן. זיינען געווען צעוואָרפן איבער אירע פולע בריסט, וואָס זיינען געווען ברייט אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע און האָבן ווי פריי געקעניגט אין באַזונדערע טעריטאָריעס. דאָס ליכט האָט איר צוגעגעבן די פאָרם פון אַ קאַלטע, פאַרגליווערטע, בראָנדזענע סטאַטוע. עס איז מערקווירדיק ווי אַ ווייבלעך־דעליקאַטער, וואַרעם־אָטעמענדיקער גוף קען אָננעמען די אייזיקע פאָרם פון אַ סאָליד־רוענדיקער סטאַטוע.

פון לבנה־ליכט באַרירט האָט זיך אויך אויפגעוועקט איר מאַן. שמערצפולע גרימאַסן אויף זיין פּנים האָבן פאַראַטן דעם ביטערסטן ווייטיק אין זיין ברוסט־קאַסטן. ער האָט זיך מיט אָנשטרענגונג אויפ־געזעצט איבערן בעט און באַטראַכטנדיק די מאַרמאָרנע פאָרם פון זיין פרוי, אַזוי כסטאַטועסק אַרויסגעבראַכט, איז ער איבערראַשט גע־

ווארן. ער האט כמעט ווי צום ערשטן מאל דערזען ווי שיין זי איז. ווי וואונדערלעך שיין. ער האט אנגעהויבן צו טראכטן, צו רעפלעקטירן, קוקנדיק אויף זיין פרויס גאלדענעם גוף, וועמענס פארמען זיינען ארויסגעקומען שארפער, רעליעפער, אין דעם קאלטן, פליסנדיקן ליכט פון דעם טויטן, אפגעקילטן שטערן־פראגמענט — די לבנה.

און ווייטיקן האט ער דערפילט טונקעלע אנונגען פון זיין גורל. און צוגלייך מיט איר געטלעכער שיינקייט האט ער דערזען זיין אונטערגאנג, זיין ביטערן סוף. עפעס שרעקלעכעס און אומפארמיידלעכעס דערנענטערט זיך צו אים, ווי א געוואלטיקער אוואלאנש פון א הויכן בארג ארונטער. ער האט רעפלעקטירט:

— פארוואס האב איך זי ליב? האט דאס אלץ געלוינט? האט געלוינט צו לײדן אזוי פיל צוליב דער דאזיקער רייצנדער שיינקייט? האט עס געלוינט צו ווערן איר אונטערטעניקער שקלאף, און נישט קריגן קיין שום באלוינונג פון איר? און ווער איז זי אייגנטלעך? פון וואנען קומט אט־דאס מארנע באשעפעניש? פארוואס פיל איך ווי זי וואלט דאס ערשטע מאל דא געקומען אין מיין בעט, זיך ארייגרייסנדיק ווי צעשטערערישער בליץ־פייער אין מיין לעבן? ווי א בליץ־שווערד מיט א בלויען ליכט, געפערלעכן בלויען ליכט פון אירע אויגן...

— און ווי פרעמד זי איז מיר די גאנצע צייט געבליבן — אן איינגעהילטע אין דעם העמד פון לבנה־ליכט, אזוי ווי אין זייד. און ווי פרעכטיק שיין זי איז. ווי זי איז פאלש און ווי זי איז וואונדערלעך־שיין. איך האב קיינמאל נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי גאט האט געשאפן א וועזן וואס איז אי שיין — אי פאלש. איז די נאטור, איז גאט, אומאויפריכטיק? דא ליגט זי, א שטערבלעכע פרוי, דו קענסט זען ווי קרישטאליק זי איז. ווי איז כמעט ענלעך צום דורכזיכטיקן ליכט פון דער לבנה, ווי מילך פליסנדיק, שוים־כוואליענדיק. זי איז ענלעך צו דעם ליכט וואס שטארבט אין דעם מאמענט וואס עס ווערט געבוירן. זי איז שטערבלעך, שרעקלעך שטערבלעך, מיטן מאמענט פארגייענדיק, זיך יעדער ווײלע פארענדערנדיק אזוי ווי א בוקעט מיט בלומען. און דאך, פארוואס רופט אט דאס דאזיקע שטערבלעכע, עפעמערישע וועזן — פאלש און באטריגעריש — ארויס אין מיר אומשטערבלעכע געפילן? געפילן הימלישע, וואס קענען אין זייער ווילדן פייער ארומנעמען דעם גאנצן הימל. עמאציעס וואס קענען אין דעם צענטער פון דער זון נישט פארברענט ווערן, ווייל זיי זיינען פלאמענדיקער. עמאציעס — אייביקע, מעכטיקע, גרויסע ווי די זון און שטארקער ווי דער טויט. טיפער ווי דער אפגרונט פון ים און העכער ווי די ספיראלן פון רוים. עמאציעס, מיט וועמענס זיילן פלאמען מען קען אויפשטעלן א טעמפל ברייטער ווי דער קאסמאס. פארוואס רופט דאס וואס איז געבונדן צו שטארבנדיקער צייט ארויס אין מיר איבערלעבענישן פון אן אייביקן ווערט, פארבונדן מיט דער אייביקייט. א גאנצע הימלישע אפערע קלינגט אויס כאראליש און סימפאניש אין מיין ברוסט. ווער איז זי אין דער אמתן? וועלכע צויבעריי, וועלכן וואנזין, וועלכע קראפט בינדט אין מיר די דאזיקע ברייטע, טיפע, אפגרונטיקע, איי־

ביקע געפילן אַן? וואו, אין וועלכע צעלן פון איר פאַרגייענדיקן גוף, איז פאַרבאָרגן גאָט, כדי אין מיר דאָס געטלעכע צו וועבן, צינדן, אויפשטראַלן? כדי אין מיר אַ ים מיט ליבע־ליריק אָנצוצינדן?

און וואו, אין וועלכע אברים, איז פאַרבאָרגן אין איר דער שטן, דער טיוול, וואָס ברענגט איר צו פאַראַט? וואָס צווינגט איר צו טאַנצן אַ הויל־נאַקעטע, אין מוטער חוהס קליידער, ביים קלאַנג פון פויק און קאַסטאַניעט, ביים קלינג פון גאָלדענע בעכערס מיט שטראַלנד־שוי מיקן שאַמפּאַניער?

— זי האָט קיינמאָל קיין מיטלייד ג'שט געהאַט צו מיר. איך האָב איר קערפּער געוואַשן אין פּערפיומען און געשמירט אין טייערע באַל־זאַמען. איך האָב אירע רונדע, ווייבלעכע גלידער געצירט און גע־שמידט און אַרעסטירט אין גאָלד און אין זילבער. איך האָב געהאַלטן באַשעפטיקט די פיינסטע גאָלדשמידן כדי צו שמידן פאַר איר די טייער־סטע רינגען, בראַסלעטן, אויער־רינגען, שנורן פּערל און בראָשקעס. זי האָט אַלץ אָקצעפּטירט אַ קאַלטע. אַ פלעגמאַטישע. אָן סאַטיספאַק־ציע. אָן דאַנקבאַרקייט. עס איז קלאָר: זי האָט מיך נישט ליב געהאַט. און די גאַנצע ערד, אַלע טאָלן פונם פלאַנעט, די גאָלד־גרובן אין אויס־טראַליע און אַפריקע, האָבן נישט גענוג גאָלד אויף אָפּצוקויפן דאָס האַרץ פון אַ פרוי...

— און דאָך האָב איך שטענדיק געלעבט פאַר איר. איך האָב שווער און ביטער געאַרבעט און כ'האָב איר געגעבן רייכטום. איך האָב שטענדיק געזוכט זי צו געווינען. איר צו קויפן טייערע מתנות. איר אָנצוטאָן און די שטראַלנדיקסטע קליידער. איר צו הילן אין די פיינסטע פוטערס. אָבער ווי אַזוי קען מען זי ווירקלעך אָפּקויפן? אינ־גאַנצן אָפּקויפן, מיט איר לייב, מיט איר נשמה, מיט איר האַרץ, מיט דעם ציטער פון ליבע און לוסטן? מיט וואָס, מיט וועלכע טיוולישׂ־פאַנטאַסטישע אוצרות, קען מען די דאָזיקע פרוי אינגאַנצן אָפּקויפן? איך האָב אַלץ פאַרן דאָזיקן קליינעם ווייב געטאָן. איך האָב מקריב געווען דאָס פייער און דאָס גאָלד פון מיין לעבן פאַר איר. מיט וואָס פאַרט קען מען איר אָפּקויפן? האָט די נאַטור אין איר באַזיץ אַ געשאַנק אַזאַ, גענוג שיין, גענוג רייך, גענוג צוציענד, גענוג צויבער־האַפט, אַז אַ פרוי זאָל דערפון ווערן אויפגעציטערט און וועלן געבן צום מאַן, צום באַזיצער פון דאָזיקן פאַנטאַסטישן רייכטום, איר האַרץ, איר גאַנץ האַרץ, איר פולע ליבע? האָט דען דאָס לעבן אַזאַ בלענדנדע מתנה פאַר אַ פרוי וואָס האָט נישט ליב?

— אויב דאָס לעבן האָט נישט אַזאַ פאַנטאַסטישע מתנה, טאָ האָט אפשר דער טויט? פיליכט וואָלט איך זי געקענט אָפּקויפן מיט מיין פולן אָפּזאָגן זיך פון איר? מיט מיין פרייוויליקן און טרויעריקן אַוועקגיין אינם טונקעלן שאָטן־לאַנד? פיליכט וועט מיין טויט זיין פאַר איר די שענסטע מתנה? אפשר וועל איך דעמאָלט, אין די ערשטע מאָמענטן נאָך מיין אַגאָניע, אַ טויט־פאַרגליווערטער, אַרויסרופן אין איר די טיפסטע מיטלייד, די שטאַרקסטע סימפּאַטיע? אַ טראָפּן ליבע פון איר פאַרסמטן האַרצן? איך בין דאָך שטענדיק געווען גרייט צו

שטאַרבן פאַר אַ ביסל סימפּאַטיע. פאַר אַ ביסל מיטליד. פאַר אַ טראָפּן ליבע. די סימפּאַטיע, דער רחמנות צו מיר, וועט עס מיט דער צייט אין איר אפשר פאַרוואַנדלט ווערן אין פאַרערונג, אין באַגייסטערונג, אין ליבע פאַר מיר? אפשר וועט זי מיך באמת ליבן ווען איך וועל שוין מער דאָ נישט זיין?..

— מיין טויט — וועט עס איר נישט געבן פרייהייט און גליק? האָב איך דאָך דורך מיין גאַנץ לעבן געהאַט איין באַגער: איר צו שענקען פרייהייט און גליק. און אַפילו פאַרן פרייז פון מיין טויט בין איך גרייט איר צו שענקען גליק. מיין טויט וועט איר גליקלעך מאַכן. וועט איר אַרויספירן מיט אַל' איר שטאָלצער שיינקייט אין דער וועלט, אַזוי ווי קעניגין קלעאָפּאַטראַ. מיין טויט וועט אָנצינדן איר איר דאָס פייער פון לעבן, פון יוגנט, פון ליבע... איך האָב פאַר איר כסדר צוגעגרייט געלט און גאָלד און פאַרזיכערונגען... איצט וועט זי זיך מיט טריאומף און מיט געשמאַק צירן אין מיין טויט. די זשאַלאָבנע, די שוואַרצע טרויער־קלײדער וועלן איר וואונדערלעך פּאַסן. זי וועט געפעלן ווערן אין איר חנעוודיקן, רייצנדיקן, וואונדערלעכן טרויער. די שבעה־טעג וועלן איר צוגעבן אַ רייצנדיקן, טונקעלן קאָלאָריט און זי וועט פאַרפירעריש אויסציען די שבעה־טעג אויף לאַנגע יאָרן... אַזוי וועט איר פּאַסן. דאָס סאַטאַניש־תאוותדיקע אין איר וועט זיך הערלעך סינטעטיזירן מיטן טרויער נאָך איר טייערן, פיל געליבטן מאַן..

און פון דער אַלייע פון שיינע מענער וועט אַרויסשפּאַנען צו איר דער שענסטער, דער זיגער, דער טריאומפאַטאָר, און זי פייערלעך נע־מען, זי באַזיצן מיט אַלע אירע גלידער, זי געהאַרכזאַם שמידן אין די אייזערנע קייטן פון ליבע... — — —

פּלוצלונג, בשעת דער מאַן איז געווען אַריבערגעבויגן אַזוי ווי אַ פינצטערער קאָלאָס איבער דעם פאַרפרוירענעם גוף פון זיין ווייב, האָט זי דערוואַכט. זי עפנט ברייט אויף אירע גאָלדענע, מיט שטיקער חייכן, פּלושענעם שלאָף באַקלעפּטע אויגן. זי רייסט זיי שטוינענד אויף פאַרוואונדערט אויף, פול מיט קילן בראַנדז פונם לבנהדיקן ליכט, וואָס שטראָמט פון דער לבנהס פאַרוואונדעטן גוף. זי מורמלט אויס:

— וואָס איז געשען מיט דיר, אדם? דו שלאָפסט נישט? דו ביסט קראַנק?

און דערקענענדיק אינסטינקטיוו ווי טרויעריק און ווי פאַרצווייפלט ער איז, גיט זי זיך פּלוצלונג אַ צי צוריק. זי דעקט זיך איצט צו איר בלייכן קערפּער. ער פילט ווי די פרוי פאַראַכט אים ביטער אין דאָ־זיקן מאָמענט. און בשעת ער זעט אין איר טיגערישער דערשייטונג די העכסטע פאַרקערפּערונג פון שיינקייט — זעט זי אין אים זיין היג־טישע מיאוסקייט. זיין שרעקלעכע צוגעבונדנקייט און פאַרשקלאַפט־קייט צו איר. זי שליסט צו די אויגן — און אינסטינקטיוו, דורכ־געבערענט אינגאַנצן פון שנאה צו אים, פון ווערעמדיקער שנאה צו דעם מאַן וואָס האָט ערשט באַשלאָסן צו מקריב זיין זיך מיט זיין לעבן פאַר איר, כדי זי זאָל אים ליב האָבן — דערפילט זי אַז עפּעס איז אין איר פאַרגעקומען אין דעם מאָמענט. עפּעס אומדערקלערלעכס. רעטעניש־

פולס. זי איז געצוואונגען אויפצורייסן צוריק די אויגן — בלינדע פון דעם לבנהדיק־שאַרפן בלענד, און זע: זי קוקט אויף אים און זי זעט נישט מער קיין עקלהאַפטיקייט אין אים. נאָר שיינקייט. מענערישע שיינקייט. זי דערפילט און דערזעט פלוצלונג ווי שיין ער איז — איר העלד, איר מאַרטירער. זי פילט פלוצלונג אַז לעבן איר, אויפן בעט, ליגט אַ מאַן — נישט מער פון דער דאָזיקער ערד... אַ מאַן — איינגע־הילט אין אַ נישט־ערדישן פלאַם. זיין פיגור ברענט. זיינע גרויע, זיינע האָר פון אַ מאַרטירער, אַ גלאַדיאַטאָר, זיי פלאַקערן ווי צווייגן פון דער זון, ווי גליענדיקער בראַנדז. עס דערוואַכט אין איר פלוצלונג אַ פאַרבאָרגענע, אַן אַטאַוויסטישע שרעק. זי איז ביים קעניגרייך פון טויט. זי איז אויפן ברעג פונם נאַכטיק־שוואַרצן וואַלד פון טויט. דער וואָס איז איצט אין שטיק ריוכערנדיקער פלאַם, אין גאָלד־אַנגעצונ־דענע סטאַטוע, איז אין דער אמתן אַ שאָטן, איז אַ געקרייציקטער מאַרטירער אדם. און זי איז דער פרישער, גרינער בוים, מיטן מילך־בלייכן, ראָזעווע־רענואַרישן פלייש, אויף וועלכן ער, דער מאַן, איז געקרייציקט געוואָרן בלוטיק און וואַנדאַליש, דורך אַלע טעג און נעכט פון זייער צוזאַמענלעבן...

און אדם, ער זעט פלוצלונג די פאַרענדערונג אין איר, אין דער אלמנה... ער איז נישט מער ערדיש. אָבער ער פילט ווי שטאַרק אין איר האָט אויפגעפלאַמט אַ ליבע־פייער צו אים. אַז זי האָט ערשט איצט דערזען, ווי דורך אַ בליץ באַרבאַריש אָפּגעדעקט, די גאַנצע הער־ראָאישע שיינקייט אין אים, אין דעם טראַגישן אדם. די גאַנצע אָפּער־וויליקייט זיינע. זיין גאַנץ טראַגיש לעבן האָט זיך צו איר אַנטפּלעקט אין זיין איצטיקער קאָנצענטרירטער געשטאַלט און טראַגיש־ווירדיקע פאָרם. און זי פלאַמט אויף מיט באַגייסטערונג פאַר אים. מיטן עקסטאַז פון ווייבלעך־עכטער ליבע און ליידנשאַפט. און אדם טריאומפירט. אדם האָט געזיגט. אדם האָט אָנגעצונדן צו זיך דאָס פייער פון ליבע אין אַ לעבעדיקן, שטראַלנדיקן ווייב — דורך זיין טויט...

צוויי גופים זיינען געלעגן און זיך געהאַלדזט. זי איז געווען פון עקסטאַזן פאַרחלשט. ער איז געווען פאַרגליווערט־טויט. די לבנה איז אַרונטער אונטער אַ שאָטנדיקן וואָלקן. דער הימל איז געווען אַ קאַלטע, מרה־שחורהדיקע לאַנדשאַפט. אין דער גאַנצער גרויסער נאַטור איז איינגעטראָטן טיפע שטילקייט...

ניו־יאָרק, מאַי, 1943.

רומענישער ווינקעלער

צווי אַלטע כלי־זמרים זיינען געזעסן אין אַ ווינקל און געשפּילט. איינער האָט מיט זיינע גרויע, ערדיקע הענט געהאַלטן אין האַנט אַ גרויסע האַרמאָשקע. די האַרמאָשקע האָט זיך געריבן אין זיין בויך. זיינע הענט זיינען געווען ווי צוגעפּאַנגען און צוגעקאָוועט צו דער האַרמאָשקע. זיין קאָלעגע איז געווען אַ דינער, שלאַנקער פידל־שפּי־לער, מיט אַ זייער איידעלן, פּאַטעטישן פּנים. ער האָט געשפּילט שטייענדיקערהייט אויף אַן אָפּגעריבענעם, אַלטן פידעלע. און ס'האָט זיך מיר דערמאָנט אין דעם מאָמענט דאָס צאַרטע לידעלע:

„נעמט ער דאָס סמיקעלע,
ציטערט זיין הערץ;
און שפּילט ער אַ שטיקעלע,
קוועלט אויף דער שמערץ".

ווען ביידע פּאַטעטישע כלי־זמרים האָבן געשפּילט, האָבן זיך עטלעכע פון די געסט געבייזערט:

— שפּילט נידעריקער! שפּילט אַ ביסל שטילער! מען קען דאָך נישט רעדן!

מיר האָט זיך געגלוסט צו זאָגן:

— חשובע געסט! זיינען דען אייערע רייד שענער ווי די מוזיק פון די דאָזיקע צווי כלי־זמר? קענט איר דען טאַקע רעדן שענער ווי עס רעדן די סטרונעס פון דער פידל און די וואונדערלעכע, פּראָסטע האַרמאָשקע, וואָס דערמאָנט אַזוי שטאַרק אין די סלאַווישע דערפער. בין איך דען געקומען הערן אייערע רייד, חשובע געסט?

מיינע אויגן זיינען כסדר געווען געווענדט צו די צווי ליבע, איינזאַמע כלי־זמרים. אָ, שפּילט, אידישע ציגיינער! שפּילט אַ טייערן, זיסן, אידישן זמר. דערמאָנט מיך אין די רומענישע ווינקעלערס און קרעטשמעס. פירט פאַר אונז אַרויס מיט אייערע זיסע ניגונים די גע־שטאַלטן פון בערל בראָדער און וועלוול זבאַרזשער־ערענקראַנץ...

אַ הויכע פרוי, מיט פעסטע, געשמידטע פּלייצעס, מיט געקאָוועטע אָרעמס, מיט אַ בוזעם אַזוי ווי אַ פּאַנצער, דרייט זיך אַרום אין ווינקע־לער. איר פּנים איז נישט פריינטלעך און נישט פרוילעך. זי באַדינט די געסט. זי טראָגט די געריכטן. זי דערלאַנגט טאַצן ווין. זי רעדט צו די געסט. זי קניפּט אָן קאָנטאַקטן. און זי בייזערט זיך אויך אויף די אָרעמע כלי־זמר:

— שפּילט נישט אַזוי הויך. שטילער אַ ביסל. גרעמפּלט נישט אַזוי שרייענדיק!

פון דעם אַלטן האַרמאָשקע־שפּילער גייט בלוט פון האַרצן. פון זיינע אויגן גייען טרערן. די כלי־זמרים ווערן פאַרשעמט. אינסטינק־טיוו רוק איך זיך צו נעענטער צו זיי. דער האַרמאָשקע־שפּילער קוקט מיך אָן. ער דערקענט אין מיר אַ סימפּאַטיזירנדיקן קאָלעגע. ער לייענט אין מיר טיפן מיטלייד. וואָרעם אויב ניגון, אויב געזאַנג, אויב פּאָעזיע

פון ליד — איז ער מיין ברודער... אויך ער רוקט זיך נעענטער צו צו מיר...

— זאָרגט נישט, ברודער כלי־זמר, איך בין די גאַנצע נאַכט היינט מיט אייך. איך און מיינע פריינט, די דיכטער־קאָלעגן, מיר זיינען מיט אייך. מיר האָבן היינט אַ פייערלעכן בונד געשלאָסן. איר זענט אין גוטער קאָמפּאַניע...

פון דעם שילד איבערן ווינקעלער, ביים נידעריקן קעלער־אַריינגאַנג, גייט אַראָפּ די רזמעניִשע קעניגין קאַרמען סילוואַ, וואָס האָט געשריבן פּאָעזיע. אַז אַ קעניגין שרייבט פּאָעזיע, געהערט זי דאָך צום צעך. איז זי ראוי צו זיין אין אונזער ברודערישן מיטן... מיר צעקושן זיך מיט דער קעניגין. פון אירע דינע קליידער שמעקט מיט נאַפטאָלין און מיטן ריח פון האַרבסטיקע בלעטער. אין דרויסן גייט אַ שניי און עס יאָגט אַ קאַלטער ווינט. אָ, זאָל די קעניגין ניט פאַרשנייט ווערן. מיר נעמען זי אויף אַ ווײַלע אַראָפּ פון דעם שלעכט־געמאָלטן שילדל. און פון מרחקים קומען אָן די טייערע גוטע ברידער: בערל בראָדער און וועלוול זבאַרזשער־ערענקראַנץ. זאָרגט נישט, טייע־רע כלי־זמר. איר זענט היינט ביינאַכט אין דער ריכטיקער קאָמפּאַניע...

דער דיכטער צווישן אונז כאַפּט אַ כוסה נאָך אַ כוסה. און מיט דער כוסה רויטן וויין אין האַנט שטעלט ער זיך אויף און ער זינגט לכבוד די געסט זיין אייגן־פאַרפאַסטן ליד. אַלע הערן זיך איין. דער דיכטער זינגט אויף:

„זאָגט ר׳ יוחנן, זאָגט:
„זאָגט ר׳ יוחנן, זאָגט:
די וועלט איז אַ חתונה,
אַ חתונה,
אַ חתונה,
אַ חתונה איז די וועלט!
דעריבער —
דעריבער כאַפּ אַריין!
דעריבער: כאַפּ־זשע,
כאַפּ־זשע, כאַפּ־זשע!
דעריבער כאַפּ אַריין!
כאַפּ אַריין און עס!
כאַפּ אַריין און עס!
דעריבער: כאַפּ־זשע,
כאַפּ־זשע, כאַפּ־זשע!
כאַפּ אַריין און עס!

כאַפּ־אַריין און טרינק,
כאַפּ אַריין און טרינק!
דעריבער: כאַפּ־זשע,
כאַפּ־זשע, כאַפּ־זשע!
כאַפּ אַריין און טרינק!
כאַפּ אַ ריקודל אַריין!
כאַפּ אַ ריקודל אַריין!
דעריבער: כאַפּ־זשע,
כאַפּ־זשע, כאַפּ־זשע!
כאַפּ אַ ריקודל אַריין!
זאָגט ר׳ יוחנן, זאָגט,
זאָגט ר׳ יוחנן, זאָגט:
די וועלט איז אַ חתונה,
אַ חתונה,
אַ חתונה,
אַ חתונה איז די וועלט!״

(ווערטער פון דיכטער יצחק ליבמאַן)

***

יאָ, דאָס איז געווען אַ ריכטיק ליד. אַלע באַדאַנקען דעם דיכטער. די קאָמפּאַניע ביים צווייטן טיש הייסט אונז דערלאַנגען שנאַפּס. דער וועיטער טראָגט צו אַ טאַץ מיט גאָלדענע כוסות. וואָס דען? די וועלט איז נישט מער ווי אַ חתונה... די רוישיקע פריידן פאַרגייט.

דער טומל ענדיקט זיך... דער פאָרהאַנג פאַלט אַראָפּ.. ס'איז טיפע, שטאָק־פינצטערע נאַכט. ס'זיינען אַלע טויט שוין: דער חתן, די כלה און די מחותנים...

ביים באַר שטייען גוטע ברידער און זיי כאַפּן אַריין אַ שנעפּסל נאָך אַ שנעפּסל. גוטע ברידער פון רומעניע, פון פּוילן, פון גאַליציע. די זאַפטן פון בעסאַראַביעס פעטע פּרוכטן און די טראָפּנס ווײַן אין טיפע, קילע ווײַנקעלערס רינט זיי פון די נאָסע, פעטע ליפּן. זיי דער־מאָנען מיך אין די טייערע קעשענע־גנבים, טרעגערס, קצבים און קורעוויניקעס. זיי שטייען ביים באַר און עס גייען פעטע וויצן פון זייערע גלאַנציקע אויגן און מײַלער. פון די פלעשער לויכטן אַרויס די קאָלירטע ווײַנען און די ליקערן. אין די פלעשער איז געפאַנגען פייערדיקער גייסט פון שכרות. דער דעמאָן פון ווײַן איז גלידערווײַז צעריסן און געפאַנגען אין יעדער קאָלירטער פלאַש באַזונדער. פאַר מיר שטייט אין אַ ווינקל אַ שוואַרצע פלאַש. איך טרינק פון איר מיין לעבן לאַנג. דאָס איז די פינצטערע פלאַש פון טינט. מיט די כוואַליעס פון דער פינצטערער פלאַש וואַש איך מיין נשמה. איך שמיר מיין פנים און דעם קוואַל פון נאַכטיקן טינט. חושך און כאַאָס גייט פון דעם טונקעלן דעמאָנס אינגעווייד. ווי נאַרציז, באָד איך מיינע גלידער אין דער תהומיקער פלאַש מיט טינט. אָ, טייערע, גוטע ברי־דער! איר זענט שיכור און באַזויפן פון ווײַן. און איך בין באַטרונקען פון אַ גרויסע פלאַש מיט טינט. ווי אַ נעגער קוקט אַרויס פון תהום, אין שוואַרצע פלאַמען, מיין פאַרשאָלטענע אידישע מוזע. ביזן דנאָ מוז איך אויסטרינקען די שוואַרצע פלאַש מיטן ים פון טינט. איר גיפט פאַרגיפטעט אַלע מיינע טעג און נעכט. מיט אירע שווערע טראָפּנס טינט שרייב איך פלאַמענד־בלוטיק אַן די טרויעריקע שורות מיינע. די אידישע שורות פּראָזע.

עס ווערט איצט היימלעכער. ביי צוויי לאַנגע רייען טישן זיצן צוויי גרופּעס מיט געסט. זיי פייערן זייערע געבורטסטעג. ביי איין טיש זיצט אַ גרופּע פון צוויי פרויען און צוויי מענער. הויכע, גע־שטאַלטנע. אויסגעוואַקסענע ווי די סאָסנעס אויף אַ פּוילישן פעלד, ביי אַ קרומען טייך, וואָס דריים זיך איבער בערגער און טאָלן מיט דער מיסטעריע פון אַן אומגעהייערן אידישן אות. מיר זיינען נאָענט די צוויי פאַרפעלקער. עס גייט פון זיי אומעט און שווייגן. איין פרוי בינדט מיך צו צו זיך: מיט איר בלאַסן פנים. מיט איר טיפער מע־לאַנכאָליע. עס קען דער ווײַן איר נישט צעשטרייען. עס קען די מחיק איר נישט אַנציגדן. פאַרקערט גאָר: סטרונעס פון פידל און האַרמאָשקע מאַכן רויטער די טיפע וואונדן אין האַרצן. עס שיינט ווי זי וואָלט רעדן מיט דער שפּראַך פון פּאָעט לענוי:

„איך טראָג אין האַרץ אַ טיפע וואונד,
און וועל זי ביז צום ענדע טראָגן".

איר טרויעריקע בלאַסקייט פרייט מיין אויג. עס רירט מיך די ערנסטקייט פון איר פנים. מיך לאָקט די צאַרטע, די געהיימע מיסטעריע פון איר פערזענלעכקייט. דאַמע טרויעריקע! כאָטש דו ביסט אין דער ענגער סביבה פון די דייניקע, אין דיין אייביקער באַשערטער קאַמפּאַ־

ניע, זאָלסטו וויסן זיין אַז איך בין מיט דיר שטענדיק. ס׳האָט דיך דער פּאָעט דערזען און דיך מיט ליבשאַפט און מיט סימפּאַטיע גע־קרוינט. זיי נישט בייז וואָס יעדעס מאָל פאַלט מיין בליק אויף דיר...

דער פיינער, אידעלער סערווירער ברענגט צו די פאַרביקע, די גאָלדענע געטראַנקען. די מענער און די פרויען פון דער צווייטער גרופּע ווערן בגילופנדיקער. אין זייערע העלזער זינגט דער דעמאָן פון וויין: — „אין ווינאָ ווערימאַס״! — (אין וויין איז דער אמת!) — זאָגט אַן אַלט, לאַטייניש שפּריכוואָרט, אַוודאי שוין אַזוי אַלט ווי אַ סאָנעט פון האָראַץ.

די צווייטע גרופּע באַשטייט פון אַ צען־צוועלף פּערזאָנען: גע־זונטע מענער און פרויען. וואָס מער זיי טרינקען, אַלץ פריילעכער ווערן זיי. עס ווייעט פון זיי מיט עכטער, מיט אמתדיקער פאָלקישקייט. ס׳איז דאָ ביי זיי געזונטע לעבנסלוסטיקייט. די הויכע, ריזיקע זינגערין שטעלט צו צו זייער טיש איר מיקראָפאָן. זי זינגט איצט אין שרייענ־דיקע, מעכטיקע טענער:

„אוי, אַ ליבעלע וויל איך שפּילן.״

זי וואַרפט אַריין ניבול פה, פון וואָס דאָס פאָלק האָט הנאה. די לייט ביים ערשטן טיש זיינען ערנסטער, רעזערווירטער. אָבער די מענטשן ביים צווייטן טיש פּאַטשן מיט די הענט, פייפן און שרייען. די זינגערין, מיט איר מעכטיקער, היזעריקער שטימע זינגט אַלעמען איבער. איצט זינגט זי דאָס טייערע פאָלקס־ליד: „מחותנתטע גע־טרייע״ און די פרויען האָבן שטאַרק הנאה. די צוויי אָרעמע כלי־זמר גייען אומעטום נאָך, שטעלן זיך אַוועק לעבן יעדן גאַסט, אויף אויפצו־שפּילן אַ ניגון.

עס קומען פאַר צוויי געבורטסטאָג־פייערונגען.ביידע גרופּעס ווינטשן זיך איינע די אַנדערע גליק. ביי דער ערשטער גרופּע רעדט מען די גאַנצע צייט ענגליש. ביי דער צווייטער רעדט מען געמישט: אידיש מיט ענגליש. איין פרוי, מיט פאַרחלומטע אויגן, מיט נאָך נישט אויסגעלאָשענער ראָמאַנטיק, בעט זיך ביי די כלי־זמרים:

— שפּילט „אַי לאַוו פּאַריז״ („איך האָב ליב פּאַריז״).

— שור! — זאָגט די זינגערין. און די קלאַנגען פון אַן ענגליש ליד צעגייען זיך איבם וויינקעלער. די פרוי העלפט אונטער. עס גייען אויף רעמיניסענסן פון פּאַריז. עס ווייעט מיט איבערלעבענישן. עס איז עמעצער געווען אין פּאַריז. ס׳האָבן קושן אויפדאָסנײַ אויפגע־קלונגען. ס׳איז דעמאָלט געווען פרילינג. עס גדעדנקען זיך פּאַריזער בולוואַרן. דער טאַנץ פון די אַפּאַשן אין אַ מאָנמאַרטער קעלער. דער געליבטער זערגעט די געליבטע צו דער ערד. זי הענגט זיך אָן אויף זיין אַפּאַשן־טוך ביים האַלז. אָ, איך האָב ליב פּאַריז... איך האָב ליב פּאַריז...

איך קוק אַריין אין די שפּיגלען. דאָרטן זע איך גרעסערע מענטשנ־מאַסן ווי די וואָס זיצן דאָ. איך זע דאָרט אַלע די וואָס האָבן דורך די יאָרן באַזוכט דעם ווינקעלער. איך זע דאָס גאַנצע פּובליקום. זיי זיינען געבליבן שטיין אין די זילבערנע, פאַרגליווערטע שפּיגלען, ווי אין שטייענדיקע טייכן. דאָרטן זיינען געווען לעבעדיקע און טויטע. דאָרטן

זיינען אויף אייביק געבליבן שטיין די כלי־זמרים. דאָרטן שטייט די כלה אין ווייסן. אין די שפּיגלען איז אַ העכערע רעאַליטעט. אַן אייביקייט. דאָרט ווערט פון אַלץ אייביקייט. אין דעם דאַזיקן זילבערנעם שפּיגל ווערט פון אַלע מענטשן—עסענץ. פון אַלע לעבנס ווערט — אידייע.

דער אייגנטימער פון ווינקעלער הייסט אַנטשל. אַנטשל גייט יעדעס מאָל צו צום באַר, מישט עפּעס אַ טייוולישע געטראַנק, דרייט עס איבער אין זיין מויל אַריין. ער מוז עס נעמען. דאָס איז זיין אויסדערוויילט געטראַנק. ער איז אַלט און טרויעריק. נאָר דער עליקסיר מאַכט אים בגלופין. ער פּאַטשט איבער די פּלייצעס פון גוטע ברידער. ער האָט זיינע פּאַרערערס. דאָ, אינם ווינקעלער, איז ער אַלט געוואָרן. אַלט געוואָרן אין בענקשאַפט. דאָ קומט ער אָפּ כמעט זיין גאַנץ לעבן, דער דאָזיקער אַנטשל פון דער שטאָט יאַסי.

זיין פרוי, בעלאַ, איז ברייט ווי אַ דעמב. זי איז אומנאָרמאַל פעט. זי אַרבעט דאָ נישט איבער די כוחות. זי טוט קליינינקייטן. זי דערלאַנגט אַ סערוועטקע. זי איז אומגעהויער גרויס. נאָר ס'איז איר פּנים געבליבן קינדיש. ערגעץ־וואו אין דיין לעבן האָסטו געזען דאָס דאָזיקע קינדישע פּנים. אין דיין קינדהייט דער סאַמעטענער. אַ מיידל איז געזעסן ביי אַ שוועל פון אַ דאָרפיש הויז. ס'האָבן זילבערן די ביימער געבליט. ס'האָבן פּילפאַרביקע בלומען געשפּראָצט ביים קרומען וועג. ס'איז געווען אַ קינדיש פּנים אַזוי ווי די לבנה. אָבער זע נאָר: ווי פעט זי איז געוואָרן. אירעביידע הענט זיינען אַזוי ווי צווייגן בוימער. אפשר איז זי אין שפּיגל מאַגערער. כ'וועל אַ קוק טאָן אין שפּיגל. ס'איז געווען ביים שוועל פון אַ היימיש הויז. זי איז געזעסן אויף דער ערד און זי האָט זיך געשפּילט. די זון איז געווען גרויס ווי אַ גלאָק. ס'האָט אַ וואַנזיניק־שיכורער מלאך די ביימער געפאַרבט אויף גרין מיט אַ גרויסן פּענדזל.

ביי אַ טישל זיצט אַ ברייטער איד מיט אַ פעטן, שמייכלענדיקן פּנים. אַרום אים — זיינע זין. אַרום אים — אידן פון אינסטיטוציעס. מען פרייט זיך. מען איז זיך משמח מיטן ברייטן פעטער עוזר. ביי יעדער לידל וואָס די זינגערין זינגט און זי פּאַטשט צו מיט אירע אייזערנע הענט, ווערן זיינע פעטע אויגן פאַרטרערט. אָט דאָס ליד דערמאָנט אים אין זיין שטעטל קאָנסקעוואָליע. וואָס דען? ער געדענקט נישט ווי אַזוי דער חזן האָט געזונגען? שוין קליינערהייט האָט ער ליב געהאַט זיך אונטערצוגנבענען צום חזן, ביים אָרון קודש, און אונטערברומען די יום־טובדיקע תפילות. דער פעטער עוזר האָט ליב דאָס אַמאָליקע אידישע לעבן.

אַ דינער איד קומט צו. רוימט איין דעם פעטער עוזר עפּעס אַ סוד. דער פעטער עוזר נעמט אַראָפּ די ווייסע סערוועטקע פון זיין גראָבן בויך, עס רינט אים דאָס בלוט פון דעם „סטייק" איבער זיין געגאָלטע גאָמבע. ער שמייכלט גוטמוטיק און ער זאָגט הויך:

— וואָס מיינט איר: צי איך גיב פאַר „הכנסת כלה"? איך גיב פאַר אַלע אידישע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע. איך קען אַ האַלבע

וועלט. איך גיב פאַרן „דזשאַינט". פאַרן „יו־דזשעי־עי". פאַרן „האַ־יאַס". פאַר דער קאַנסקע־וואַליער לאַנדסמאַנשאַפט. דאַנקען גאָט, עס איז דאָ ביי אידן צו וועמען צו געבן. און אידישע ביכער שיקט מען אַריין. איך האָב דען צייט צו לייענען אַזוי פיל? אַסור אויב איך לייען איבער אַפילו דאָס שער־בלאַט פון אַ בוך. מיך קען די גאַנצע וועלט. איך קען זיך דען אויסבאַהאַלטן? יעדן טאָג קומען צו מיר שליחים. ס'זאָל נאָר זיין אַזוי פיל וויפל מען באַדאַרף צו געבן. געלויבט איז השם יתברך — הלוואי ווייטער!

דער דינער איד רוימט ווידער עפּעס איין דעם פעטער עוזר. און דער פעטער עוזר רעדט ווידער אין אַלגעמיינע טערמינען:

— וואָס דען, איך גיב נישט? הלוואי זאָלן אַלע אידן אַזוי געבן ווי איך גיב. לענאַרד, — ווענדט ער זיך צו זיין זון, וואָס רעדט ענגליש, — לענאַרד, דו ביסט אַן עדות, ווי זיי קלאַפּן אָפּ ביי מיר די טירן. אַלע טאָג — אַן אַנדערער שליח. אַז עס זיינען דאָ קיין עין הרע ביי אידן אַזוי פיל שליחים.

דער איידעלער איד, שוין אַ ביסל געפאַלן ביי זיך, וויל ווידער עפּעס זאָגן דעם פעטער עוזר. נאָר דער פעטער האָקט אים איבער די רייד:

— וואָס דען, איך גיב נישט? קיין עין הרע, יעדער טאָג קאָסט מיך שווערע געלטער פאַר צדקה. נאָר וואָס קען מען טאָן? מען איז דאָך אַ איד. אַ איד מוז געבן...

די ליידיקע פלעשער פון וויין מערן זיך אויפן טיש. דער פע־טער עוזר גיסט אַריין אין זיך טייכן מיט וויין. וואָרעם ווער וועט טרינקען און פרעסן אַז דער פעטער עוזר וועט חלילה אַוועקגיין?

די כלי־זמרים שטעלן זיך אַוועק פאַרן פעטער עוזר ווי די היי־מישע פורים־שפּילע״ס, וואָס קומען אָפּשפּילן מבירת־יוסף. עס שטעלט זיך אַוועק ווי אַ דעמב די הויכע, די ריזיקע זינגערין. זי זינגט ספּע־ציעל לכבוד דעם פעטער עוזר דאָס שיינע, סענטימענטאַלע ליד:

„אוי, אַ איד זאָלסטו זיין!"

דער פעטער עוזר איז טיף גערירט. אַ שטיק „סטייק" בלייבט ליגן אויפן טעלער — אַ שטיק אויסגעשניטן פלייש פון אַ לעבעדיקע חיה. דעם פעטער עוזרס פאַרלאָפענע אויגן נעצן מיט גרויסע טראָפּנס טרערן. ער האָלט אוממעכטיק אויסגעשפּרייט זיינע הענט. די זינגערין פּאָמפּעוועט אין אים אַריין די טייערע ווערטער פונם ליד און ער ווערט אַלץ מער און מער גערירט. די כלי־זמרים קלאַפּן. דאָס געלע, מע־שענע פידעלע האָט אַ גוואַלטיקע מאַכט איבערן מענטשלעכן האַרץ. עס יאָמערט ממש. פון דער האַרמאָשקע גייען טענער אַז עס קען ממש צעפליקן דאָס האַרץ פון אַ מענטש.

ערשט איצט איז דער איידעלער איד צוגעטראָטן צום פעטער עוזר אין אַ לעצטער גענעראַל־אַטאַקע. אַ באַזיגטער, האָט דער פע־טער עוזר געעפנט זיין פעטן, געלן טייסטער, געמאַכט פון אַ רויען שטיק פעל, און אים דערלאַנגט אַ באַנקנאָט. דער איידעלער איד האָט אויפגעשמייכלט אַ דערלייזטער. דער פעטער עוזר האָט זיך געלאָזט היפּש אָנווינטשן און אַלץ כסדר געטענהט:

— וואָס דען, איך גיב נישט? איי, גיב איך, כ׳זאָל אַזוי בטוח זיין פּאָר גוטס וויפל ס׳האָט מיך געקאָסט דער היינטיקער טאָג אַליין. זאָג עדות, לענאָרד, האַ?

זיין זון לענאָרד שמייכלט צופרידן. שטילערהייט ליידיקט ער אויס דעם טאַטנס פלעשער וויין. צי ער וועט אויך געבן דעם טאַטנס ברייטע צדקה מיט דעם טאַטנס אָפענער האַנט — די פראַגע בלייבט אומעטיק הענגען אין דער לופט...

עס איז שוין שפּעט ביינאַכט. פּנימער ווערן מידער און מאַטער. דער רויך ווערט אַלץ ווייסער און געדיכטער, אַזוי ווי אַ נעפּל. קליינע אינגלעך און מיידלעך שטייען ביי די טרעפּ, זיי קוקן אַריין אין דעם ווינקעלער. מידע זיצן די כלי־זמרים. זיי זיינען מיד פון אַלעמען אָפּשפּילן און קוים זען אַ לעבעדיקן טאָלער. די שפּיגלען האָבן אין זיך אַריינגענומען אַלע געשעענישן. אַלץ, אַלץ בלייבט דאָרט שטעקן, אין די טיפע, שווייגנדיקע שפּיגלען. אין דער זילבערנער אייבי־קייט.

שפּעט ביינאַכט. איבער די גאַסן וואַקלען מיר זיך אַהיים. שטי־לע, אויסגעשטאָרבענע גאַסן. קרום־אָוועקגעשטעלטע הייזער, ווי אויף טעאַטער־דעקאָראַציעס. עס טריפט מיט גליענדיקן וואַקס די לבנה איבער די ברוקן און די דעכער. מיר גייען אַהיים: איך און די קע־ניגין קאַרמען סילוואַ. זי איז הייזעריק. זי איז נעבעך שטאַרק פאַר־קילט. זי דעקלאַמירט צו מיר אידס אַ רומעניש ליד. איך פאַרשטיי נישט קיין איינציק וואָרט. די לבנה גאָלדיקט איר געלע קרוין. עס גייען מיט אונדז מיט די דיכטער בערל בראָדער און וועלוול זבאַרזשער־ערענקראַנץ. פון אַ ראָג קומט אָן דער אַלטער אברהם גאָלדפאַדן. אַ קליין מענטשעלע, אַ קאַרליקל, שפּאַנט אַרויס פון אַ גאַס — ס׳איז דער פאַבעליסט אליעזר שטיינבאַרג. ער זעט אויס אַזוי ווי סאָקראַטעס. אפשר איז ער דאָס טאַקע. אַלע גייען מיר נאָך האַלבע נאַכט איבער די פינצטערע גאַסן. איפּן וועג פון צייט שפּאַנט דער גרינגער יום־טוב פורים. ס׳איז שוין נישט ווייט פון פורים. די לבנה ציטערט אַזוי ווי אַ הילצערנער גראַגער אין הענטל פון אַ קינד. נישט די קעניגין קאַרמען סילוואַ — נאָר אסתר המלכה שפּאַנט מיט אונז אין דער נאַכט. פון דער גאַנצער ליבע און פון אַלע נעכט מיטן מלך אחשורוש וואָס איז איר דען געבליבן? אָט דאָס דינע ספרל, וואָס זי האַלט אין האַנט, גע־בונדן אין ברוינעם סאַמעט. ס׳איז איר נעבעך נישט געבליבן מער ווי „מגילת אסתר״, וואָס זי לייענט און מאַכט צו יעדעס מאָל דאָס ספרל מיט אַ פרומען קוש — — —

איך קום אַהיים. דורכן פענצטער קומט אַריין די לבנה. איר אידיש פּנים איז נאַס פון טרערן. — — —

ניו־יאָרק, 24טן סעפּטעמבער, 1954.

אַ גלגול פון פּאַגאַניני

עס איז שוין עטלעכע יאָר זינט איך קען זיך מיטן אַלטן מאַן, וואָס הייסט מאָנסיער עדמונד וואַרניער. צוגעצויגן מיין אויפמערק־זאַמקייט צו אים האָט זיין מאָדנער אויסזען און קליידונג: ער טראָגט אַ ברייטן, שוואַרצן הוט, אַזאַ ווי קינסטלער און פּאָעטן טראָגן אין מערב־אייראָפּע, איבערהויפּט אין פּאַריז, אין דעם לאַטיינישן קוואַרטאַל. זיין צעלולאָיד־קאָלנער איז אַ שטייפער און אַ קלאָרער. קענטיק אַז ער וואַשט אים מיט קאַלטע וואַסער יעדן פרימאָרגן, אײדער ער טוט אים אָן. דער קראַוואַט איז אַ שוואַרצער, אַ זאַרגפעלטיק־אויסגעבונדענער. זיין אַנצוג איז אַ ביסל אַ העלער, און עס פּאַסט זיך גוט אויף זיין קליינער, דינער און שלאַבעריקער פיגור. דאָס וואָס עס מאַכט אים אויס־זען מאָדנע ביזאַר אויף די גאַסן פון ניו־יאָרק, זיינען נישט נאָר זיינע גאָלדענע פּאַנסנע, אונטער וועלכע עס קוקן אַרויס אַ פּאָר בלויע, מענטשלעכע אויגן, ערלעכע און שטילע, ווי די טויבן. אויגן וואָס קוקן אַרויס פון אַ גאַנץ אַנדערער צייט און אַטמאָספערע. אויך נישט זיין בלייך, אָפּגעצערט, אַסקעטיש פּנים, וואָס רופט אַרויס דרך־ארץ און מיטלייד און צווינגט מענטשן אים ערנסט אָנצוקוקן, אַפילו אים צו באַטראַכטן מיט רעוועדענס. און אויך נישט די זייער לאַנגע, שוואַר־צע האָר, וועלכע זעען זיך אַרויס פון אונטער זיין הוט, האָר ווי ביי אַ פּראָפעסיאָנעלן כישוף־מאַכער. דאָס אַלץ פּאַר זיך איז גענוג ביזאַר און אינטערעסאַנט. אָבער דאָס סאַמע ביזאַרע, ווי געזאָגט, וואָס ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פון דעם פּובליקום, איז דער אַלטער מאַן וואָס פירט זיך אַרום שטענדיק מיט זיינע צוויי געטרייע הינט.

עס טרעפט: דו גייסט אַרויס ביינאַכט אַ ביסל שפּאַצירן פאַרן הויז. דו ווילסט אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון דער בייטאָגיקער היץ און פון דער ביינאַכטיקער שטיקעניש. דו גייסט אַרויס צום פּאַרק, צו די גרינע בוימער וואָס הילן זיך מיסטישע אין דעם בלויען שלייער פון דער נאַכט. פּלוצלונג דערזעסטו שטיין פאַר אַ מיסקאָסטן מאָנסיער וואַרניער. די צוויי נידעריקע, פעטע און אַלטע הינט וואַרטן מיט גרויס געדולדיקייט, ביז זייער מייסטער פּאַרטיקט זיך אָפּ ביים מיסטקאַסטן. די פראַנצויזן האָבן אַ מאָדנע אייגנשאַפט: זיי קלייבן צוזאַמען אַלטע זאַכן. אַנטיטשנע מלבושים. אַ שטייגל פון אַ געשטאָרבענעם פויגל. אַן אַרויסגעוואָרפענע מאָלעריי פון אַ לאַנדשאַפט, שוין היפּש אָפּגעבלאָ־קירט. אַן אַלטן, געלן פּאָרטפעל. אַ שווערער, אַלטמאָדישער טינטער. אַ לייכט קוישל פון היימישע צווייגן געפלאָכטן. אַ דאַמעס צעריסענער האַנט־בייטל. אַ צעבראָכענע פּלייט. אַ האָרענע קעמל. אַ פּאָר דינע פּאַנטאָפל. אַלטע צייטונגען און זשורנאַלן. און ענלעכע זאַכן.

איך האָב געוואוינט עטלעכע יאָר ביי דער פראַנצויזישער פאַ־מיליע גאַראָ. געדענק איך ווי אַלע זייערע צימערן זיינען געווען פול מיט אַלערליי שמאָכטעס, צונויפגעקליבענע אין די גאַסן. מאָנסיער וואַרניער איז אויך אַ טיפּישער פראַנצויז. ער האָט אַוודאי געירשנט די גוטע און די שלעכטע אייגנשאַפטן פון זיין שיין און גייסטרייך פאָלק.

וואָס קען ער דען געפינען אין די מיסטקאַסטנס אויף ניו־יאָרקער גאַסן? צייטונגען, ענגלישע צייטונגען. די אייראָפּעער, ווען זיי קומען אַהער, וואונדערן זיך ווי אַזוי די אַמעריקאַנער וואַרפן אַוועק גאַנצע פּעק מיט צייטונגען. די ערשטע צייט קלייבן זיי צונויף צייטונגען און טראָגן זיי אַהיים. זיי ווערן אָבער שנעל מיד. עס איז אַ גרויסע אַר־בעט צונויפצוקלייבן ניו־יאָרקער צייטונגען אין די סאָבווייס, אין די פּאַרקן, אין די אָמניבוסן, אויף די טראָטואַרן. זעלטן ווען איך הויב אויף אַ פרישע, נאַרוואַס געדרוקטע צייטונג. דער דרוק איז כמעט נאָך פייכט און וואַרעם פון דער פּרעס־מאַשין.

בשעת מאָנסיער וואַרניער קלייבט געוויינלעך צונויף די אַלטע צייטונגען, טרעפט אַז איך קום אָן. מאָנסיער וואַרניער, מיך דער־זעענדיק, פאַרשעמט זיך אַ ביסל און ער שטרעקט מיר אויס זיין קליינע, דינע, אויסגעאיידלטע האַנט, בשעת מיט דער צווייטער האַנט האַלט ער די לעדערנע ציימלעך פון זיינעביידע געטרייע הינט. מיר זיינען נאָענט באַקאַנט. מאָנסיער וואַרניער ווייסט אַז איך בין אַ שריי־בער. ער האָט גרויס רעספּעקט פאַר קינסטלער. אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך אין פּאַריז געטראָפן מיט אַנאַטאָל פראַנס, דעם שאַרפן סקעפּטיקער און חכם פון דער פראַנצויזישער נאָוועלע. ער האָט גוט געקענט עמיל זאָלאַ, דעם באַרימטן דרייפוס־קעמפער און פאָטער פון נאַטוראַליזם אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. און אויך אַלפאָנס דאָדע, דער מחבר פון „טאַרטאַראַן פון טאַראַסקאָן״, און אויך די אינ־גערע גענעראַציעס פון שריפטשטעלער: שאַרל פּעגי, קאַטול מענדעס, אַנדריי ספּיר, אַנרי באַרביס. מיר רעדן ס׳רוב וועגן פראַנצויזישע ליטעראַטור. נאַטירלעך רעדן מיר אין פראַנצויזיש. מאָנסיער וואַרניער, עס איז נישט דווקא נויטיק צו פאַרזיכערן דעם לייענער מיט אַן ערנ־וואָרט, רעדט אַ פאָלקאָמענעם, גייסטרייכן פראַנצויזיש, וואָס איז רייך ווי מוזיק.

ווי אַלט איז מאָנסיער וואַרניער? שווער צו ענטפערן באַ־שטימט. ער אַליין זאָגט אַז ער איז פינף און זיבעציק יאָר אַלט. אָבער, נאָכדעם ווי ער דערציילט מיר אַז ער האָט געקענט פּאָל ווערלענען און האָט מיט אים צוזאַמען געטרונקען אין קנייפּעס און קאַפעען און אַז ער האָט אַמאָל אין אַ געזעלשאַפט געטראָפן אָסקאַר ווײַלדן און אַז ער האָט געהאַט גרויס מיטלייד מיטן געפאַלענעם ענגלישן שיינגייסט, ווען ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו טורמע. און ווען ער דערמאָנט שוין לאַנג־פאַרגעסענע נעמען, ווי וויקטאָר הוגאָ, מאַדאַם דע סטאַל, בענ־דזשאַמין דע קאָנסטאַן, און ווען איך קום שפּעטער אַהיים אין מיין צימער און איך נעם דעם „לאַרוס״ און הייב אָן צוזאַמענצורעכענען די יאָרן, זע איך אַז מאָנסיער וואַרניער איז פיל עלטער ווי אַ הונדערט אין פופציק יאָר... און זיין טיפע עלטער איז אַ נאַטירלעכע. איך מיין צו זאָגן: אַז איך גלויב אים אַלץ. אַז בשעת איך רעד מיט אים, וואָלט איך נישט איבעראַשט געוואָרן ווען ער וואָלט מיר זאָגן:

— איך האָב פּערזענלעך גוט געקענט דעם פילאָסאָף וואָלטער, דעם דענקער דעקאַרט, דעם שאַרפזיניקן און מעלאַנכאָלישן שפּינאָזאַ,

דעם מיסטיקער פּאַסקאַל, דעם רעליגיעזן סקאַנדינאַוויער סוועדענבאָרג...

איך וואָלט אים אַלץ געגלויבט.

סיי ווי, מאָנסיער וואַרניער איז פון אַ גאַנץ אַלטער, פאַרגאַנגענער צייט. ווען איך זע אים אויף דער גאַס, ביינאַכט, ווען דער נאָענטער פּאַרק איז מיסטעריעז־פינצטער; צי ביי טאָג אַפילו, ווען מאָנסיער וואַרניער גייט אייגנטלעך ווייניקער אַרויס פון הויז, צוליב דעם וואָס ער קען די זומערדיקע זון נישט פאַרטראָגן, סיי־ווי זעט מאָנסיער וואַרניער אויס צו זיין פון אַ לאַנג שוין פאַרגאַנגענער עפּאָכע, פון אַן אַלטער צייט, וואָס האָט באַזעסן מער געמיטלעכקייט און געשמאַק. ווען מענטשנבלוט האָט זיך נישט געגאָסן אַזוי הפקר. ווען גייסטיקע מענטשלעכע ווערטן זיינען טיפער אָפּגעשעצט געוואָרן. ווען די מענטשהייט איז געווען דורכגעדרונגען מיט גרויסע האָפענונגען אויף אַ בעסערער, אַ מער שלימותדיקער וועלט. ווען דער שמערץ פונם איינצלנעם איז צוגעהערט געוואָרן פון פריינט און פאַמיליע. ווען מענטשלעכע ליידן האָבן אַרויסגערופן פּראָטעסט ביי לאַנדסלייט און ביי פרעמדע פעלקער. מאָנסיער וואַרניער רעפּרעזענטירט נאָך די דאָזיקע אַלע גוטע קוואַליטעטן, וועלכע זיינען אין די איצטיקע טרויעריקע צייטן אַזוי זעלטן.

מאָנסיער עדמונד וואַרניער, ווי געזאָגט, רעספּעקטירט זייער הויך אַ קינסטלער. ער אַליין רעכנט זיך אויך צו צו דער דאָזיקער הויכער קאַסטע פון פאַרביקע און פון שטאָלצע נאַטורן. זיין „מעטיע”, זיין פּראָפעסיע, איז געווען מוזיק. מאָנסיער וואַרניער האָט באַהערשט מיט גרויס ווירטואָזיטעט די פידל. שוין אין זיין פינף יאָריקן עלטער האָט ער אָנגעהויבן זיינע מוזיקאַלישע שטודיעס. אַלס אַ ניין־יאָריק אינגל האָט ער שוין אַרויסגערופן ענטוזיאַזם און באַוואונדערונג, אויפטרעטנדיק אויף קאָנצערטן. און ער פאַרגעסט קיינמאָל נישט צו דערמאָנען וועגן זיין אַמאָליקער גלאָריע. וועגן די פּראַכטפולע קאָנצערטן וואָס ער האָט געגעבן אין די אייראָפּעאישע הויפּטשטעט. וועגן די בוקעטן בלומען וואָס מען פלעגט אים טומלדיק צוטראָגן. וועגן די שיינע און די גראַציעזע דאַמען פון פאַריקן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן אים באַוואונדערט. וועגן די רוסישע און ענטוזיאַסטישע אַפּלאָדיסמענטן וואָס קלינגען אים נאָך אין די אויערן. וועגן די גרויסע סומעס געלט וואָס מען האָט אים געצאָלט פאַר זיין שפּילן. וועגן די רעקלאַמע און פייערדיקע אַרטיקלען אין דער וועלט־פּרעסע.

מאָנסיער וואַרניער באַרימט זיך אַ ביסל, אָבער זיין באַרימען זיך איז נישט אומסימפּאַטיש. אַן אַלטער מאַן מוז דאָך עפּעס רעדן וועגן זיינע אַמאָליקע גרויסע טעג. מאָנסיער וואַרניער איז אַ טיף־רעליגיעזע נאַטור. און זיין איינגעבוירענע איידלקייט, און אַפילו מענטשלעכע באַשיידנקייט אַנטקעגן גאָט, דערלויבט אים נישט צו זיין וואולגאַר־באַרימעריש. ער זאָגט אַליין אַז לויט זיין נאַטור ציט אים צו שטילקייט, צו איינזאַמקייט און רו. און דווקא אים האָט דער גורל באַשערט אַ שטורמיש לעבן, אַ קאַריערע פון גלאַנץ און לוקסוס. אָבער, זיין איבערלעכע מאָראַל, זיין רעליגיעזע נאַטור, האָט אים שטענדיק אויסגע־

היטן פון אַריינצופּאַלן אינם פּערווערזן און דעגענערירטן. ער איז שטענדיק געבליבן דער שטילער, דער באַשיידענער מאַן.

מאַנסיער וואַרניער האָט געקענט די באַרימטסטע מוזיקער פון זיין צייט. און ער האָט באַזונדערס ליב צו רעדן וועגן פראַנץ ליסט, דעם אונגאַרישן פּיאַנאָ־מייסטער. און וועגן איסאַיע, דעם בעלגישן וויאָלין־ווירטואָז. ער האָט גוט געקענט פּוטשיני, דעם קאָמפּאָזיטאָר פון „מאַדאַם באַטערפליי". מאַעסטראָ אַרטוראָ טאָסקאַניני ציילט זיך צווישן זיינע נאָענטע פריינט. פּאַבלאָ דע סאַראַסאַטע האָט אין דעם יונגן וואַרניער דערקענט דעם געניוס פון אַן אויפוואַקסנדיקן ווירטואָז. ער באַרגט אים אָפּט אויס זיין זעלטענעם סטראַדיוואַריוס. אין יענע גרויסע טעג האָט וואַרניער געשפּילט קאָנצערטן צוזאַמען מיט אַזעלכע באַרימטע מייסטער ווי טעאָדאָר דובואַ, אַלפרעד ברונאָ, סעסיל שאַ־מינאַד, בורגאָ־דוקאָנדריי און סען־סאַן. מייסטער וואָס האָבן אַמאָל געהאַלטן געשפּאַנט דאָס פּובליקום פון די איראָפּעאישע הויפּט־שטעט. סאַראַ בערנאַר, די גרויסע טראַגישע אַקטריסע, נאָכדעם ווי זי האָט אויף מאַנסיער וואַרניערס אַ קאָנצערט הייס אַפּלאָדירט, שרייבט צו אים פאָלגנדיקע שורות, וואָס דריקן אויס איר באַוואונדערונג פאַר זיין שפּילן: „מוזיק איז די שטימע פון גאָט".

מאַנסיער עדמונד וואַרניער האָט געשפּילט פאַרן בעלגישן קע־ניג, לעאָפּאָלד דער צווייטער, וואָס האָט געלאָמט אויף אַ פוס און ער פלעגט שטענדיק גיין מיט אַ באַגלייטער. לעאָפּאָלד האָט געהאַט אַ לאַנגע, ווייסע באָרד און ער האָט זיין לאַנד בעלגיע פאַרוואַנדלט אין אַן אימפּעריע, אויפקויפנדיק פאַר שפּאָט־ביליק דאָס ריזיקע שטיק לאַנד קאָנגאָ. מאַנסיער וואַרניער האָט געשפּילט פאַרן ענגלישן קעניג עדוואַרד דער זיבעטער. מאַנסיער וואַרניער האָט נאָך דעם גאָלדענעם מעדאַל וואָס באַערט אים אַלס שעוואַליער פון גוסטאַוו וואַזאַ, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר זיין שפּילן וויאָלין פון דעם שוועדיש־נאָרוועגישן קעניג אָסקאַר דער צווייטער. זיין מאַיעסטעט האָט איינגעלאַדן דעם ווירטואָז צו שפּילן אין זיין פּריוואַטן פּאַלאַץ. דער קעניג האָט שטאַרק געלויבט וואַרניערס מוזיק, זיך אויסדריקנדיק אַז זיין מוזיק האָט אים, דעם קעניג, פיל געהאָלפן אין זיין גייסטיקן לעבן. די דאָטשעס דע לאַ טאָרע, אַ שפּאַנישע הויף־באַרימטקייט, האָט באַוואונדערט וואַרניערס גע־ניוס. איר מאַיעסטעט די פּרינצעסין הענדריקע פון ראָטערדאַם איז געווען זיין ענטוזיאַסטישע פאַרערערין. אין ביאַריטץ שפּילט ער, עדמונד וואַרניער, פאַר דער מאַרקיזין און מאַרקיז סאַן קאַרלאָס דע פּעדראָסאָ, אַ דיגניטאַרי פון שפּאַנישן קעניגלעכן הויף.

יאָ, גוטע, גרויסע צייטן געווען, ווען די וועלט איז געווען פיל רואיקער. ווען די קעניגן האָבן געהאַט צייט און געדולד צו באַזוכן קאָנצערטן און צו שענקען מעדאַלן צו באַרימטע קינסטלער. נישט קיין הונדערט, נאָר, דאַכט זיך, טויזנט יאָר איז שוין אַוועק זינט יע־נער צייט ווען די קעניגן האָבן זיך באַוויזן אין די לאָזשעס פון די באַ־רימטע איראָפּעאישע טעאַטערן... דער קליינער, פּראַגילער מאַנסיער וואַרניער דערציילט מיט גרויס ווירדע וועגן די קעניגן וואָס האָבן אים

באַשאַנקען מיט זייע אויפמערקזאַמקייט. וואָס האָבן נאָכן קאָנצערט געדריקט זיינע הענט . . .

מאָנסיער וואַרניער, רעדנדיק אַזוי, פילט זיך געפאַלן וואָס ער איז איצט אין אַזאַ טרויעריקן מעמד. ער זאָגט:

— איך באַדויער, מאָנסיער, וואָס דו האָסט מיך נישט געקענט מיט יאָרן צוריק. איצט בין איך אַ שאָטן פון אַ מענטש. אַ שאָטן בלויז... אָבער, איך האָב, דאַנקען גאָט, דערהאַלטן מיין נשמה... מיין נשמה איז יונג און פריש און ריין, ווי זי וואָלט מיר ערשט געגעבן געוואָרן פון דער שניי־קלאָרער האַנט פון גאָט. מיין קערפּער, מאָנ־סיער, איז אַלט. נאָר מיין נשמה איז פריש און יונג ווי קרישטאָל...

איינמאָל האָט מאָנסיער וואַרניער מיר געבראַכט אַ קליינעם אַלבום מיט אויפשריפטן פון באַרימטע לייט פון זיין צייט. עס איז געווען נאַכט. און מאָנסיער וואַרניער איז לעבן מיר געזעסן אין מיין צימער. דעם גרויסן שוואַרצן הוט האָט ער געהאַלטן אויף די קני. ער איז געווען נערוועז, בשעת איך האָב געמישט די בלעטער פונם שוין פאַרגעלטן אַלבום.

וויפל מאָל ער פלעגט מיך טרעפן, פלעגט ער מיר זאָגן אַז ער וויל מיר ברענגען אַן אויפשריפט אין העברעאיש וואָס ס'האָט מיט יאָרן צוריק אַ גרויסער קינסטלער אים אַריינגעשריבן אינם אַלבום. איך האָב אים צוגעזאָגט די געהיימע אויפשריפט דורכצולייענען. איצט שמייכל איך: די אַלטע העברעאישע אויפשריפט איז אין אַ פשוטן מאַמע־לשון- אידיש געשריבן געוואָרן, מיט גרויסע אותיות: „מיין גוטן פריינט, מאָנסיער עדמונד וואַרניער, מיט פריינטשאַפט פון זיין פריינט מאַליני, דעם קאָרטן־כישופמאַכער"... דאָס יאָר איז פון 1905. אַ דינער טויטנפּנים צירט דאָס בלאַט. צוויי לײדיקע אויגן־לעכער קוקן אַרויס פונם טויטנקאָפּ. יאָ, מאַליני איז געווען אַ מין הודיני פון זיין צייט. אַ מייסטער אין כישוף־מאַכעריי. אַ כישופמאַכער ביים שפּילן קאָרטן. אַ פריילעכער לעבע־יונג. די שענסטע אַריסטאָקראַ־טישע דאַמען האָט ער באַזוכט. אַ מין קאַזאַנאָווא־טיפּ. און דער דאָ־זיקער אַוואַנטוריסט פון זיין צייט שרייבט גאָר אין אַ פשוטן מאַמע־לשון־אידיש. אויך דאָס איז געווען אויסגערעכנט צו מאַכן צום שטוינען די מענטשן פון זיין גויאישער סביבה...

אָט איז אַן אונטערשריפט אויף נאָטן פון זשאַן קיבעליק. און איינער, אַ האָלענדישער סקולפּטאָר, שרייבט אין נידערלענדיש: „דאָס לעבן איז קורץ. די קונסט איז אומענדלעך". און איינער, אַ מאָלער פאָל, צירט דאָס בלאַט מיט אַ וויניעט פון אַ זייער צאַרטער, שלאַנקער דאָ־מע, אין וועמענס פיין־געשניצטן, מעלאַנכאָלישן פּנים און דינער פי־גור מען פאַרליבט זיך אויף אייביק. דאַמען האָבן דאָ דיסקרעט אַריינ־געצייכנט זייערע ענטוזיאַסטישע געפילן צום דעמאָלט גלאַררייכן מאָנסיער עדמונד וואַרניער... און יונגע מענער האָבן דאָ געלאָזן זייע־רע אימאַזשן פון צאַרטע, איידעלע נודס. עס איז דאָך געווען די ראָ־מאַנטישע עפּאָכע אין דער ליטעראַטור, אין דער קונסט... יעדער ראָ־פינירטע, ענטוזיאַסטישע יוגנט איז דאָך ראָמאַנטיש. יעדער פלאַמען־

M. SOYER

דיקער פעריאָד אין דער קונסט איז ראָמאַנטיש־רעוואָלוציאָנער. יעדער שעפּערישקייט איז אַ רייך־ראָמאַנטישע, אַ גליענדיקע.

און אָט איז אַ בלאַט מיט אַן אויפשריפט פון דעם באַרימטן פראַנצויזישן אַסטראָנאָם און שריפטשטעלער קאַמיל פלאַמאַריאָן. ער שרייבט צו זיין פריינט, פאַרשטייט זיך, אין פראַנצויזיש, פאָלגנדיקע פיינע און טיפע אויפשריפט, אינם גייסט פון זיין גאַנץ ווערק:

„אונזער פלאַנעט איז נישט מער ווי אַ פּראָווינץ פונם אומענדלעכן הימל; אונזער איצטיקע עקסיסטענץ — אַן עטאַפּ בלויז אין דעם אייביקן לעבן; שטודירנדיק פון מיין זייט די מאַניפעסטאַציעס פון טעלעפּאַטיע און פסיכישע דערשיינונגען, זע איך איין אַז זיי באַשטעטיקן די רעאַליטעט. קאַמיל פלאַמאַריאָן, נאַנט, 25 אָקטאָבער, 1912“.

ווען מאַנסיער וואַרניער האָט זיך געגרייט אַהיים צו גיין, האָב איך אויך אַריינגעשריבן אינם אלבום פאָלגנדע ווידמונג:

„צו מיין טייערן פריינט, דעם ריינעם קינסטלער, עדמונד וואַרניער, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אײדעלע, ריינע און קלאָרע פערזענלעכקייט, און וועמען איך באַוואונדער פאַרן דערהאַלטן זיין אָריגינאַליטעט און זיין עכטקייט: דער סימן פון אַן אמתער פערזענלעכקייט. מיט טיפער פריינטשאַפט פון ש. טענענבוים, ניו־יאָרק, יוני, 1949“.

אַלץ, ווי געזאָגט, איז פאַרגאַנגען. די טעאַטערן וואו די קאָנצערטן זיינען שוין לאַנג צוריק פאַרגעקומען, זיינען שוין איצט אַלטע געביידעס. די פאַרביקע פובליקומס וואָס האָבן אָנגעפילט די רייכע, די באַלויכטענע זאַלן, זיינען שוין לאַנג אויף פאַרשיידענע בית־עולמס פון דער וועלט באַגראָבן. די קאָלעגן קינסטלער זיינען צו שטויב געוואָרן. די שיינע, גראַציעזע דאַמען זיינען אַלט און מיד און אָפּגעבלאָקירט געוואָרן. די אַפּלאָדיסמענטן פון הילכיקע, ענטוזיאַסטישע הענט זיינען פאַרקלונגען אין דער לופט, אַזוי ווי די ווינטן אין הערבסט. יענע שיינע, בלאַסע הענט וואָס האָבן הילכיק געפּאַטשט, זיינען צו אַש און צו שטויב געוואָרן. געבליבן איז נאָך אַלץ דער שלאַבעריקער, דער פראַגילער, דער איינזאַמער מאַנסיער וואַרניער, וואָס גייט פאַמעלעך אַרום אויף די גאַסן פון ניו־יאָרק, און ער טראָגט מיט אין זיין האַרצן און אויף זיין בלאַסן פּנים די טיפע סערעניטעט, די גרויסע ערנסטקייט, די לויטערע האַרמאָניע פון זיין וועלט און פון זיין מוזיק. די האַרמאָניע פון זיין פידל איז אין אים געבליבן. און מיטן כּוח פון דער דאָזיקער האַרמאָניע שטעלט ער זיינע שוואַכע פיס אויף די טראָטואַרן פון אַ שטורמישער שטאָט, אויף די וועגן פון אַ שווידערלעכן יאָרהונדערט.

געבליבן איז מאַנסיער וואַרניער נישט נאָר די דאָזיקע סערעניטעט און רואיקייט, נאָר אויך זיין פרוי און זיינע הינט. מאַדאַם וואַרניער האָב איך קיינמאָל נישט געזען. ווייזט אויס אַז זי פאַרלאָזט קיינמאָל נישט איר וואוינונג. מאַנסיער וואַרניער גייט שטענדיק אַרום מיט זיינע צוויי הינט: אַ מוטער און אַ טאָכטער. די מוטער־הינטעכע איז אַלט דרייצן יאָר. איר טאָכטער — צוועלף יאָר.ביידע זעען זיי

אויס אַזוי ווי צוויי שוועסטערן. ביידע שיינען צו זיין אין דעם זעלבן עלטער. ווען מען זעט מאַנסיער וואַרניער מיט זיינע הינט, מוז מען זיך אָפּשטעלן און באַטראַכטן דאָס פּאַטעטישע בילד.

איינמאָל איז צו מיר געקומען צו גאַסט אַ אידישער שריפטשטעלער, אַן איינזאַמער בחור, אַן אומגליקלעכע נאַטור, אַ טרויעריקער מענטש. בשעת מיין קאָלעגע איז אַזוי געזעסן, איז פּלוצלונג אַריינגעקומען מאַנסיער וואַרניער מיט זיינע הינט. איך האָב אים געהייסן צוקומען, כדי ער זאָל דורכלייענען אַ בריוו פון אַ פראַנצויזישן שריפטשטעלער, וואָס איך האָב ערשט געהאַט דערהאַלטן. מיין אידישער קאָלעגע האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונם מאַנסיער וואַרניער. ווען ער איז שוין אַוועקגעגאַנגען, זאָגט צו מיר דער אידישער שריפטשטעלער:

— דאָס איז דאָך אַ טעמע פאַר אַ דערציילונג. זעט נאָר די געטריישאַפט פון די הינט צו דעם אַלטן מאַן. וואָלט איר מיר געקענט וויזן אַ מענטש וואָס זאָל זיין אַזוי געטריי צו אַ צווייטן מענטש ווי די דאָזיקע הינט זיינען צום אַלטן מאַן. וואו האָט איר ביי מענטשן אַזאַ געטריישאַפט? יאָ, מיין קאָלעגע האָט רעכט געהאַט.

די דאָזיקע צוויי הינט האָבן אַרויסגעוויזן מערקווירדיקן געדולד צו זייער מייסטער. זיי האָבן אים מיט גרויס געטריישאַפט געפירט אין די גאַסן. זיי וואַרטן מיט גרויס געדולד. און נאָך מער: זיי האָבן אָנגענומען דעם מייסטערס ערנסטקייט, געדולד און רואיקע האַלטונג. זיי זיינען ענלעך געוואָרן צו זייער מייסטער. אין פאַרלויף פון יאָרן האָבן זיי אָנגענומען זיין שטילע האַלטונג, זיין רואיקייט, זיין סערעניטעט.

ווען מאַנסיער וואַרניער איז אַוועק מיט געלאַסענע טריט פון הויז, באַגלייט פון זיינע געטרייע הינט־פריינט, און ווען מיין קאָלעגע איז אויך דערנאָך אַוועק, בין איך לאַנג געזעסן אין דער שטול. איך האָב געקוקט אויף די ליידיקע גלעזלעך פון וויין, אויפן פּאָרטרעט פון אַ טרויעריקער דאַמע אויפן וואַנט, און איך האָב נאָכגעטראַכט איבער דעם וואָס מיין קאָלעגע, דער איינזאַמער מענטש, האָט געזאָגט און האָט באַוואונדערט די געטריישאַפט און די לאָיאַליטעט פון צוויי אַלטע הינט צו זייער מייסטער.

דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב געטראָפן מאַנסיער וואַרניער, איז געווען טאָקע היינטיקע וואָך, אין פּאַרק. דער פּאַרק איז געווען אין גרויסע, הערלעכע מאַלעריי. יעדער איינציקער בוים האָט באַזעסן אַן אַנדערע, איידעלע פאַרב. און בשעת איך בין אַזוי געגאַנגען שפּאַצירן אין די שטילע, געלע אַלייען, זע איך ווי מאַנסיער וואַרניער גייט אַ שטילער מיט זיינע צוויי הינט צווישן די גאָלדיקע בוימער. מיר האָבן זיך באַגעגנט און איך האָב ווידער אָנגעקוקט דעם אַלטן, דעם בלאַסן מאַן, מיט די לאַנגע האָר, אַזוי ווי אַ מאַגיקער. און קוקנדיק אויף אים, דערמאָן איך זיך אַז אייגנטלעך איז ער ענלעך צו זיינס אַ פאַך־קאָלעגע, צום באַרימטן פּאַגאַניני. נאָר פּאַגאַניני, ווי ער ווערט פאַרגעשטעלט אינם פּאָרטרעט פון דעלאַקרואַ, און ווי ער ווערט באַשריבן פון דער פּרעכטיקער פּען פון היינע, איז געווען אַ „תלמיד פונם

טייוול״... בשעת אונזער אָרעמער מאַנסיער וואַרניער איז אַ טיף־רעליגיעזע נאַטור. פון זיין ספערע פון זינד און אַוואַנטיור איז ער אַרויסגעגאַנגען ריין און ווירדיק. פונדעסטוועגן דערמאָן איך מאַנסיער וואַרניער און זיין ענלעכקייט צו פּאַגאַניני.

מאַנסיער וואַרניער הויבט אויף זיינע בײדע הענט, און ער אילוסטרירט וועלכע אומגעוויינלעכע פינגער פּאַגאַניני האָט געהאַט, מיט וועלכע „טייוולישע״ הענט ער האָט באַהערשט זיין אינסטרומענט. אַזעלכע הענט, זאָגט מאַנסיער וואַרניער, האָט קיין וויאָליניסט נישט געהאַט... אָבער, איך זע אַז וואַרניערס הענט זיינען אויך אומגעוויינלעך געשניצט. פאַר זיין קליינער געשטאַלט, פאַר זיין דינער פיגור, פאַר זיין כמעט קינדערשער דערשיינונג, זיינען די הענט זיינע אומגעוויינלעך גרויס. איך קוק אָן זיינע הענט. זיינע זייער לאַנגע, סענסיטיווע פינגער. די לעבנס־ליניע אויף זיין האַנט־פלאַך איז אומגעוויינלעך־לאַנג. די קאַריערע־ליניע איז אַ שאַרפע, אַ דירעקטע, ווי דער שניט פון אַ מעסער. ער באַוועגט זיינע שאַרפע, לאַנגע פינגער, ווי ער וואָלט האַלטן אַ פידל אין דער האַנט. ער איז איצט אין זיין עלעמענט, טראַכט איך. ער חלומט אַז ער שפּילט... אַזעלכע גרויסע, דינע און אײדעלע הענט האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען... דאָס, טראַכט איך, איז אַן אמתער גלגול פון פּאַגאַנינין...

מיר האָבן שטילע שפּאַצירט אין דעם נאָוועמבערדיקן פּאַרק. עס איז געווען אַ רחמנות וואָס די שיינקייט פון דעם פּאַרק צעפאַלט. וואָס די אָפּטע רעגנס וואַשן אָפּ דעם בראַנדז פון די בוימער און דאָס זון־גאָלד פון די פעלדער. נאָר דער פּאַרק איז געווען אומגעוויינלעך־רואיק און ערנסט. קיין שום ווינטל האָט נישט אָנגערירט די מינדסטע זאַך. סערעניטעט, די רו, די גרויסע שטילקייט פון פּאַרק האָב איך געוואָלט אַריינגעמען אין זיך וואָס מער, כדי מיט דער שטילקייט צו קענען ווידערשטיין דעם שטורעם פון די צייטן.

און ווען מאַנסיער וואַרניער איז אַן איינזאַמער אַוועקגעגאַנגען, האָב איך אים לאַנג נאָכגעקוקט. דאָרטן איז מיט זיינע צוויי הינט געגאַנגען אַ מאַן פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט. מיט פּאַמעלעכדיקע טריט איז ער געגאַנגען צווישן די בוימער, אַזוי ווי ער וואָלט רואיק און געלאַסן אַריינגעשפּאַצירט אין די רעגיאָנען פון דער אַנדערער וועלט. און נאָך אים, מיט געמאָסטענע טריט, האָבן נאָכגעפאָלגט זיינע שטילע, זיינע ערנסטע הינט. און זיי האָבן אים געטריי נאָכגעפאָלגט, ביז צום סוף פונם וועג...

ניו־יאָרק, 16 נאָוועמבער, 1951.

צוואַנציק יאָר אין אַמעריקע

פאַרנדיק צו מיין שוועסטער מירעלע, האָב איך זיך פאַרבלאָנדזשעט אין די בראָנקס. דער רויטער אויטאָבוס האָט זיך געשלענגלט פאַרביי קרומע, צעבויגענע און פאַרזשאַווערטע גאַסן. איך האָב פּלוצלינג דערקענט מיין געגנט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז פּונקט מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אין די הערבסטיקע חדשים פון יאָר 1934, האָב איך דאָ געשפּאַנט און געזוכט מיין שיקזאַל. יאָ, איך בין דעמאָלט געווען מיט צוואַנציק יאָר אינגער. שוין דעמאָלט האָט נישט געפעלט קיין טרויער אויף דער וועלט. אָבער, איך בין געווען מיט אַזוי פיל יאָרן אינגער, הגם נישט פריילעכער ווי היינט. מיר איז שוין דעמאָלט געווען, ביים סאַמע אָנקום, שטאַרק אומעטיק אין ניו־יאָרק.

איך בין אַראָפּגעגאַנגען פון אויטאָבוס, וואָס איז געווען פול מיט שוואַרצע און פּאַרטאָריקאַנישע פּאַסאַזשירן. כ'האָב דאָ געוואָלט שפּאַצירן איינער אַליין. כ'האָב געוואָלט זיין געמיטלעך און געלאַסן. עס איז געווען אין דער געגנט פון דער דריטער עוועניו. אָט איז טאַקע די עלעוויי־טאָר־סטאַנציע פון 169טע גאַס. אונטער דעם עלעווייטאָר פלעגט אַ איד האָבן זיין קרעמל מיט ציטונגען. אפילו אין שניי און אין ווינט פלעג איך זיך דאָ אָפּשטעלן, און רעדן מיטן איד, וואָס האָט זיינע פיס געהאַלטן איבער אַ גרויסן טאָפּ מיט קוילן. מיר פלעגן רעדן וועגן פוילן, פון וואַנען דער איד האָט געשטאַמט. (מיר דאַכט, אַז פון שטעטל סקאַרזשיסק). דער איד האָט מיך געטרייסט אַז איך וועל זיך דאָ מיט דער צייט איינבירגערן. אין דעם אידס אליהו הנביאדיקער באָרד האָב איך געזוכט טרייסט. און די הייסע קוילן אין דעם אייזערנעם טאָפּ האָבן מיך דערמאָנט אין פּרזשע־קופּקעס אין פוילן, ווינטער צייט, וואָס וואַרעמען זיך די הענט ביי די פייערן פון די קוילן. איצט איז נישטאָ מער דער איד. ס'איז נישטאָ מער די בודע מיט ציטונגען. עס זיינען נישטאָ דאָ קיין אידן וואָס קויפן אידישע ציטונגען. ס'איז שוין קיינער און גאָרנישט נישטאָ. ס'איז פאַרשוואונדן פון דאַנען אַ שטיק אידיש לעבן.

איך לאָז זיך גיין מיט 169טע סטריט און ברוק עוועניו. איך דער־קען ממש נישט די געגנט. אַלע קראָמען, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו אידן, זיינען איצט פאַרנומען פון שוואַרצע בעלי־הבתים. אַלע הייזער זיינען ווי דורך עפּעס אַ וויסטן שטורעם אָפּגעשיילט געוואָרן. עס זיינען אָפּגעריסן געוואָרן די ווענט מיט די געמעלעכצן, מיטן טינק, מיט פאַרב און קאַלך. ס'האָט אַ האַנט אַראָפּגעשליידערט די געזימסן, די אָרנאַמענ־טיק, די באַפּוצונגען. דאָס אייזערנע מויל פון צייט האָט צעגריזשעט די ווענט, די טירן, די פענצטער. די עטלעכע נעגערישע פרויען זיצן ביי די שוועלן, זיי קוקן אַרויס דורך די לעכער פון די פענצטער: קאַלטע, אַפּאַטישע און פלעגמאַטישע פרויען. די יונגע מענער און פרויען זייגען פעט, לוסטיק, שיכור און פויל. זיי זיצן אויף נידעריקע טאַבורעטקעס און טוען גאָרנישט. זיי רעדן אַ סך און שרייען און לאַכן הויך. אַ פאָלק אַזאַ וואָס טראָגט נאָך אַלץ דעם דזשאַנגל אין זייערע בלוטן, וואָס האָט

ליב דאָס לעבן אויפֿן פּרימיטיוון אופֿן. צו וואָס טויג דאָס יאָגן זיך און די האַוועניש, ווען עס פֿירט צום שנעלן טויט ? !

איך קום צו צום הויז וואו מיר האָבן געוואוינט. דאָ פֿלעגט מיין טאַטע זיצן אין די פֿאַרנאַכטן ביים סטאָר און טיילן חכמה און שפּריכ־ווערטער און פּויליש־אידישן פֿאָלקלאָר צו די אַרומיקע אידן. די מאַמע האָט זיך צוגעהערט, זיצנדיק נידעריק נעבן טאַטן. איך קוק אויף דער גרינער וואַנט, ווי איך וואָלט זוכן זייערע צייכנס און שפּורן פֿון זייערע אָנגעשפּאַרטע פּלייצעס אין די פֿינצטערע ווענט. עס איז ממש נישט געבליבן קיין שפּור. איצט איז דאָ „זשאַרדאַנס רעליגיעזער סטאָר". די מערסטע סטאַטועטקעס פֿון קריסטוסן און פֿון די אַפּאָסטאָלן זיינען פֿון שאָקאָלאַדע־קאָליר. די „הייליקע יונגפֿרוי" טראָגט דאָ אַ הונדערט גאָלדענע קרוינען. פֿאַראַן דאָ אַ וועלט מיט הילצערנע הייליקע. עס שטייען אין די ווינקלען פֿון געשעפֿט מעשענע לייכטער. מען קריגט דאָ פֿאַרביקע ליכטלעך. עס ברענט קטורת אין געלע טעלערלעך. עס שטינקט מיט חלב. מיין מאַמע וואָלט דאָ מער נישט געזעסן, ביי אַזאַ קריסטלעכן געשעפֿט פֿון רעליגיעזע צאַצקעס. דאָך קוק איך נייגעריק אַריין דורך די שויבן. עפּעס ציט מיך דאָך די נייקייט דערפֿון : אַ רע־ליגיעז געשעפֿט אינמיטן מאָדנע, דזשאַנגלדיקע געצנדינער. ווייל וואָס זיינען דען די שוואַרצע מענטשן אויב נישט ווילדע געצנדינער, פּוסט־און־פּאַסטניקעס, גהינומדיקע עולם הזהניקעס. איך טראַכט : עפּעס איז דאָ פּאַרט פֿאַראַן אַ שייכות צווישן די דאָזיקע רעליגיעזע זאַכן און מיין גאָטזעליקער מאַמען. אין דער פּרימיטיווקייט פֿון רעליגיע. מיר דאַכט זיך פֿלוצלינג אויס, אַז אין שאָקאָלאַדע־קאָליר שטייט דאָ אויך דאָס טייערע געשטאַלט פֿון מיין מאַמען, אַריינגעשטעלט צווישן די הייליקע. איך וויל עפֿענען די טיר. איך וויל אַריינגיין כדי צו זען מיין מאַמען, נאָר איך אַנטלויף ווען איך זע צווישן די הייליקע זאַכן אַ לעבעדיקן, טינט־שוואַרצן, שיכורן נעגער.

איך קום צו צום הויז וואו מיינע עלטערען האָבן געוואוינט. אינ־סטינקטיוו גיי איך אַריין. איך קוק אויף די פּאָסט־קעסטלעך אין קאָרי־דאָר, איך זוך מיין טאַטנס נאָמען. יאָ, ס'איז נאָך דאָ זיין נאָמען, נאָך גאַנצע צוואַנציק יאָרן, נישט אינגאַנצן אָפּגעריבן. זיין נאָמען שטייט אין רויטע טינט. איך קען נאָך גענוג קלאָר איבערלייענען "Abram Motek Tenenbaum". איך קוק אַריין אינם פּאָסט־קעסטל. וואָס אייגנטלעך זוך איך דאָ ? אפֿשר מיינס אַ בריוו פֿון בעלגיע צום טאַטן ? אפֿשר זיינס אַ בריוו פֿון גן־עדן צו מיר ?... איך וויל אַרויפֿגיין די קרומע, שטיינערנע טרעפּלעך, צו דער וואוינונג וואו מיר האָבן געוואוינט. איך וויל אַרויפֿ־גיין די טרעפּ ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק. איך וויל אָנקלאַפּן אין טיר. אפֿשר וואוינען נאָך דאָרט מיינע טאַטע־מאַמע. איך וויל גיין מיין וועג אַרויפֿצו, אומבאַוואוסט פֿון צייט און פֿון פֿאַרגענגלעכקייט, נאָר איך דערהער פֿלוצלינג אַ געשריי. אַ גרויסער נעגער שלאָגט אַ נעגערטע. איך דערווייטער זיך פֿון דעם צו מיר טייערן הויז. טרערן רינען פֿון מיינע אויגן, ס'איז מיר דאָ טייער יעדער ווינקל. דאָס לעבן פֿון טאַטע־מאַמע איז דאָ, אין די ווענט, אַריינגעמויערט און אַריינגעפֿאַרבט געוואָרן. מיר דאַכט : איך ריר אָן די טיר, די קליאַמקע, די טרעפּ און די ווענט —

און איך ריר אָן טאַטע־מאַמעס לייבער. איך ריר אָן זייערע יסורימדיקע לעבנס.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק בין איך דאָ אָנגעקומען פון אַנטווערפּן, בעלגיע. כ'האָב געהאַט אונטער זיך פיר און צוואַנציק יאָר לעבן. כ'בין געווען יונג, אָבער אַלט אין דערפאַרונגען, שוין אפילו מיד פון דעם טרויעריקן לעבן. איך האָב דעמאָלט געהאַט שוין אַ סך געדרוקט. כ'האָב געהאָפט זיך דאָ אויפצומאַכן די פליגל, צו שרייבן, איינאָרדענען זיך, זיך אויפבויען אַ היים, אַ ביבליאָטעק, אַ רואיק לעבן. נאָר די יאָרן זיינען שנעל פאַרשוואונדן. אין די לעצטע צוואַנציק יאָר האָב איך אָנגעשריבן אַ וועלט מיט עסייען און מיט דערציילונגען. דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געקענט פּערזענלעך קיין איינציקן אידישן שרייבער. איצט קען איך אַלע אידישע שרייבער. אַ סך פון זיי זיינען שוין אָפּגעשטאָרבן. איך הייב אָן צו ציילן: איך צייל אָפּ אַ זעכציק־זיבעציק פאַרשטאָרבענע שרייבער. שוין דעמאָלט איז געווען טרויעריק אינם לאַנד פון אידיש. אָבער איצט איז שוין נעילה־צייט. די ערד פון די ברוקלינער בית־עולמס האָט אין זיך אַריינגענומען אַזוי פיל טייערע אידישע לייענער. מען איז געוואָרן טרויעריק, אַנטמוטיקט, כאָטש די פּען איז געוואָרן געשליפענער, איידעלער. דאָס וואָרט איז געוואָרן קלאָרער, געלייטער־טער. דער שריפטשטעלער אין מיר האָט זיך אויסגערייפט צו קלאָרקייט און דורכזיכטיקייט. נאָר די מלוכה אידיש האָט פאַרלוירן איר אַרמיי. די אָפּיצערן זיינען געגאַנגען שלאָפן, די גענעראַלן זיינען מיד, דער קעניג וואַנדערט ערגעץ פאַרזונקען אין חלומות, און די גאַנצע וועלט שטייט ביים אָפּגרונט פון אַ קאָסמישן קבר. מען וואָגט צו רעדן וועגן וועלט־אונטערגאַנג. פון צענדליקער פיינטלעכע און מלחמה־פירנדיקע פעלקער איז געבוירן געוואָרן אויפן פּלאַנעט איין גרויסע שנאה צווישן צוויי גרופּעס פעלקער. דער פּלאַנעט ציטערט פון שנאה און פון פייער.

יאָ, די מאַמע פלעגט מיר כסדר פרעגן פאַרוואָס איך בין אַזוי טרויעריק. איך פלעג זוכן אויסצומיידן אירע זאָרגעוודיקע, מאַמעשע בליקן. כ'האָב געוואָלט זיין אַליין, מיט זיך אַליין. כ'האָב געוואָלט זיין צווישן בוימער, אין אַ טיפן, געדיכטן פּאַרק. זיין פאַרטיפט אין מיין גייסטיקער איינזאַמקייט. זיין אין מיין שעפערישער שטילקייט.

אָט איז די בריק. איך גיי איצט אַ ציטערנדיקער איבער דער בריק. נאָכן פאַרנאַכטיקן מאָלצייט פלעגן מיינע עלטערן זאָגן: — „נו, מיר וועלן שיעלן נעמען אַביסל אויף דער לופט".

אויף דער לופט? איך האָב זיך דערפרייט. הייסט עס אַז מען גייט אַוודאי אין פּאַרק אַריין, אין סאָד אַריין. איך וועל ענדלעך אָפּאָטעמען אַביסל. איך וואַרט אָפּ מיט האַרצקלאַפּעניש. מען גייט ענדלעך אַראָפּ און מען זעצט זיך אויף דער בריק. אונטן לויפט די סאַבוויי. עס פאָרט יעדער פּאָר מינוט פאַרביי אַ שטאָלענע סאַבוויי מיט הונדערטער פענצ־טערלעך. פרעמדע, מידע פּנימער אין די פענצטערלעך. איך זיץ מיט מיינע עלטערן אויף דעם בריק. איך טראַכט: אָט דאָס איז דער פּאַרק! אָט דאָ כאַפּט מען לופט אין אַמעריקע! דאָ רוען זיך מיינע עלטערן אָפּ...
צוואַנציק יאָר שפּעטער שטיי איך דאָ ווידער אויף דער בריק. מען

זעט עטלעכע בוימער ביי די אָפּהאַנגעגען פונם טונעל. אָט דאָ, אָט אויף דעם פּלאַץ, זיינען טאַטע־מאַמע געזעסן. טאַטע — פון שטעטל דעמבלין, פון דעם באַרימטן מאַדזשיץ. מאַמע — פון זשעלעכאָוו, פון דורות לומדים און רבנים. דער זיידע — דעם לובלינערס רבינס ר׳ לייבעלע איגרס אַ חסיד. אָט דאָ אויף דער בריק איז מען אין די נעכט מיט צוואַנציק יאָר צוריק געזעסן.

איך גיי ווייטער אין מיין חונה המעגלדיקן דערוואכן. אָט איז טשאַר־ליס רעסטאָראַן. ס׳איז דאָרט געווען אַמאָל אַ סך לעבן: דער דיקער טשאַרלי מיטן קינדערישן, רויטן פּנים און דעם בינטל מיט וואורשטלעך וואָס ער פלעגט טראָגן פון קעלער. איך פלעג אַן אויפגערייצטער נאָכ־קוקן זיין טאָכטער וואָס האָט מיך כסדר געהאַלטן געשפּאַנט מיט דעם רייצנדיקן ריטם פון אירע בריסט ביי איר פעסטן גאַנג, מיט דעם קאָ־פּערנעם פלאַם פון אירע האָר. אין יעדער פרייער מינוט, אַרויסקוקנדיק בשעתן שרייבן דורכן פענצטערל, און דערזעענדיק די רויטע טאָכטער, האָב איך פרייער אויפגעאָטעמט. איך האָב איר אַ סך אַריינגעשריבן אין מיינע דעמאָלטיקע דערציילונגען. זי האָט מיט איר יונג־מיידלשן לייב פאַרשמעקט אַ סך פּראָזע־שורות מיינע. איך פלעג אויך נאָכקוקן דעם רויטן הונט אויפן הויף, וואָס האָט אַלעמען פאַרדעכטיקט באַשמעקט. דער איינציקער בוים וואָס האָט אין פרילינג געגרינט דאָרט וואו די סאָבווייז לויפט פאַרביי. עס איז געווען אַזוי ווי פון אַלע מיינע געדיכטע יוגענט־וועלדער און וועלט־פּאַרקן וואָלט געוואָרן איין גרינער בוים און ער וואָלט מיך דערמאָנען אין אייראָפּע, אין מיין קינדהייט אין פּוילן, אין געדיכטער נאַטור פון יוגנט, אין יאָרן פאַרגאַנגענע אין בעלגיע און אין פראַנקרייך. איצט איז נישטאָ קיין סימן פון דעם אַלעם: ס׳איז אויס־געמעקט פון דער וועלט דאָס געדעכעניש פון מענטשן. עס ווערן אויס־געריסן מיטן וואָרצל מענטשלעכע געשטאַלטן. ביסטו נישט קיין שריי־בער, בלייבסטו נישט לעבן אויף דער ערד. פּאַרפאַלן. ליטעראַטור, טראַץ אַלע דורכפאַלן, האָט דאָך עפּעס אַ ווערט. עס בלייבט שטיין דער מענטש בלויז אין קונסט. זיין נשמה פלאַמט אייביק אין אַ פּאָרציייטישער מאָלעריי. אין אַן עפּיטאַף דערציילט דער געוועזענער מענטש אויף זיין שטיינערנער מצבה פון זיין אַמאָליקער לעבעדיקער עקזיסטענץ, פון דעם פייער פון זיינע אַמביציעס. אין אַ מעלאָדיע זינגט אַ פאַרגעסענער מענטש אויף זיין ליד פון נאָסטאַלגיע.

יאָ, טשאַרלי איז געשטאָרבן פון אַ ראַק אין שפּיטאָל. זיין טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַן איטאַליענער. דער בוים איז דורך אַ בליץ פאַרברענט געוואָרן. ס׳איז דער הונט אין אַ טאָג משוגע געוואָרן פון לאַנגווייליקייט. די פענצטער פון די הייזער זיינען פינצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. ס׳איז ממש דורכגעגאַנגען אַ פייער־שטורעם און האָט אויסגעבריענט דאָס לעבן פון דער גאַס.

איך קום איצט צו אויף ברוק עוועניו צום הויז נומער 1407. כ׳האָב דאָ געוואוינט מיט מיין מוטער גאַנצע פיר יאָר. דאָ, אין אַ קליינעם, פינצטערן חדרל איז מיין טאַטע געשטאָרבן. מיין מאַמע האָט מיר כסדר קרעכצנדיק דערציילט פון טאַטנס לעצטע טעג. איך פלעג שטילערהייט

אַריינגיין אין דעם צימערל. איך פֿלעג זיך זעצן אויפֿן טאַטנס ליידיקן בעט און טראַכטן ווי דער קעניג האָט דאָ פֿאַרבלוטיקט. איך בין שטי־לערהייט אין זיין וועלט געזעסן — לויטער שוויגן און געמיט. כ׳האָב געזוכט מיין טאַטנס שאָטן. ווי פּרינץ האַמלעט האָב איך זיך דאָ טיף איינגעבויגן צו פֿאַרנעמען אַ שפּור פֿון מיין טאַטנס עקזיסטענץ. כ׳האָב געזוכט מיין טאַטנס לעבן. כ׳האָב געהערט זיין שטילן, ווייטיקלעכן קרעכצן.

איצט זיינען די זשאַלוזעס אַרונטערגעלאָזן. איך וויל צוגיין נאָענט צו דער וואוינונג — קומט אַרויס אַ ברייטע נעגערטע מיט גלעזערנע אויגן. זי האַלט אין האַנט אַ נאַקעט מיידעלע און זי שטעלט אַוועק דאָס מיידעלע זיך אויסצופּישן אויפֿן אויסגעריבענעם טראָטואַר. גיי איך שוין נישט צו נאָענט צום הויז. איך באַטראַכט „מיין" הויז: כ׳האָב דאָ פֿאַרלוירן אַ שטיק לעבן. כ׳האָב דאָ אַ סך געשריבן. דאָ אַהער פֿלעגט קומען צו מיר אַ געליבטע מיידל. ס׳איז איצט שוין אַלץ פֿאַרביי. ס׳איז געווען אַ חלום. ס׳איז מיר שווער אַוועקצוגיין פֿון די אָפּגעשיילטע ווענט. די נעגערטע קוקט מיך אָן, ווי איינער רעדט: וואָס וויל דאָ דער מחותן? וואָס דרייט ער זיך דאָ אַזוי מעלאַנכאָליש אַרום? וואָס זוכט ער דעם נעכטיקן טאָג? איז זיין האַרץ דאָ אינעווייניק געבליבן שטעקן?

יאָ, טונקעלע פֿרוי! כ׳האָבביים אַרויסציען זיך מיטגענומען די שענק און די קאַמאָדן. דעם שפּיגל און די אייזערנע טעפּ. נאָר כ׳האָב דאָרט אין צימערל פֿון מיין טאַטנס שטאַרבן פֿאַרגעסן מיטצונעמען מיין אָנגעצונדן האַרץ...

אַזוי גייענדיק מיט ברוק עווועניו, קום איך אָן צו אַ קליינטשיק, נידעריק שולכל. איך זע אויף אַ שילדל אידישע אותיות: „דאָ דאַוונט מען מיט מנין" — איז אויסגעמאָלן אין אומבאַהאָלפֿן־קרומע אותיות. וואָס דען? — טראַכט איך — מען דאַוונט דאָ אָן מנין? די פֿראַגע איז: צי פֿאַרזאַמלט זיך דאָ טאַקע אַ מנין אידן? מיין מאַמע פֿלעגט דאָ גיין יעדן שבת צום דאַוונען. ס׳איז געווען איר קאָנצערט, איר הייליקער רעציטאַל. פֿון איר אָרעמקייט האָט זי דאָך אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר טאָלער פֿאַרן רב. דאָס איז געווען איר טויער צום גן־עדן. איר אוניווערסיטעט צום גראַדואירן אין הימל אַריין. זי האָט דאָ כל־ימיו אויסגעצאָלט פֿאַרן טיקעט אין גן־עדן אַריין, צו זיין נעבן אירע טייערע חברטעס: רחל, רבקה און לאה...

איך וועל דאָ אַריינגיין אין דעם אַלטן, קליינעם שולכל, כדי צו זען מיין מאַמעס שאָטן. נאָר דאָס שולכל איז נעבעך פֿאַרקלאַפּט. עס הייסט: מען דאַוונט דאָ נישט מער. איז וואָס־זשע דאָס שילדעלע אַז מען דאַוונט דאָ מיט מנין? נו, גיי פֿאַרמוסר זיי פֿאַרן רבונו של עולם.

איך גיי מיר אַזוי מיט ברוק עווועניו און איך זע אַז אַלע פּאָר הייזער איז פֿאַראַן אַ קירכע. איינע האָט אַזאַ אויפֿשריפֿט: "Thomas Moore Memorial A. M. F. Zion Church". נאָר זי שטייט פֿאַרקלאַפּט אַזוי ווי אַ פּוסטע קרעטשמע. פֿייגל וווינען אין די געזימסן. טויבן פּיקן קערנדלעך אויפֿן טראָטואַר. אַ צווייטע קירכע האָט פֿיינע מאָזאיק פֿון ביבלישע פּאַסטוכער וואָס פּאַשען שעפּסן אין זון־אונטערגאַנג. מיר

ווילט זיך אַזוי שטאַרק אַריינגיין צווישן די שעפסן אין דעם הויכן, גע־דיכטן גראָז. וואָרום דאָ, אויף ברוק עווניו, איז זייער אומעטיק. עס זיינען ברודיק די ווענט, ברודיק די קינדערלעך, שיכור די מענער, פּעט און אָנגעבלאָזן די פרויען, פויל און ליידיק די געמיטער. זייערע שווערע, פּעטע גופים ווערן צעפאַלן פון דעגענעראַציע. יאָ, עס ווילט זיך אַריינ־גיין צווישן די וואָלענע שעפסן און זען ווי דער זון־פאַרגאַנג גייט אונטער ווי אין דער פּאָעזיע אָדער אין דער מאַלעריי.

איך קום אָן צו מיין שוועסטער. זי עפנט די טיר וואָס איז פאַר־שלאָסן אויף זיבן מעשענע שלעסער. דער שוואָגער עוזר דאַוונט שוין מנחה־מעריב. אין זיינעביידע גלע הענט האַלט ער אַ סידור. פון די בלעטלעך פאַלן אַראָפּ שטיקלעך תפילות. דער סידור קרישלט זיך. מיין שוואָגער עוזר האָט בורכשטעבלעך דאַוונענדיק צעמאַלן און צעריסן דעם סידור. איך זע אויפן שענקל אַרום אַ טוץ סידורים און תהילימלעך ליגן אַלע אויסגעריבענע. מיין שוואָגער האָט די תפילות פשוט צעמזיקט. ער האָט צעקאַראַוואַטשעט און צעממיתט די אותיות. נאָך אַ גליק וואָס ער פאַרמאָגט אַן אייזערנעם זכרון און ער קען די תפילות פון אויסנווייניק, וואָרום אין סידור איז אַ פאַרמישעניש פון אותיות. די שמונה עשרה קריכט אַריין אין ווייבערשן ליכט־בענטשן. דאָס וואָס מען באַדאַרף זאָגן צו מעריב, שטייט ביי מנחה. דאָס בייטאָגיקע דאַוונען ליגט אויף די סאַמע הינטערשטע, אונטערגעשלאָגענע בלעטלעך, אַזש „נאָ דניע" ממש. און מיין שוואָגער עוזר איז נאָך נישט פאַרטיק. דערזעענדיק מיך אַריינקומען, איילט ער זיך ממש צו און ער טוט אַ קוש דאָס געלע סידורל. פונם קוש איז אויף זיין מויל געבליבן קלעפּן אַ גאַנצער באַרג מיט פראַכנע פונם סידורס צעבראָכענע און צעמאַלענע בלעטלעך. זיין נאָז איז געל געוואָרן ווי ביי אַ קלאָון.

איך קוק זיך אַרום: איך דערזע דאָ אין די ווינקלען מיין טאַטנס סטאַטועטקעס וואָס ער האָט אויפגעקויפט אין די אַנטיקן־געשעפטן פון דער באָוערי און סעקאָנד עווניו און ער האָט אין זיין פרייער צייט זיי אָפּגעמאָלעוועט מיט אייגענע, היימישע פאַרבן. מערסטנס האָט ער די פּעדאַלע דאַמען אָפּגעמאָלן אין גאָלד און אין בראָנז. דאָ שטייען פיגורן פון קיסרים, ריטער און דאַמען אין וועלכע איך בין ממש פאַרליבט. עס גייט צאַרטקייט פון די פאַרטרויערטע געטינס און געציגס. עס גייט פון זייערע גאָלדענע לייבער ערדיש־פרוילעכער טרויער. מיין טאַטע האָט מיט גרויס פּרעציזקייט און מיט קינסטלערישן געשמאַק געלייגט פאַרבן אויף די אַלע זאַכן. ער האָט רייך געמאָלן דעם ריטערס קליידונג, ביז צו די קלענסטע דעטאַלן. די קנעפּ און די שנוראַוואַדלעס פון די שיך האָט ער געמאָלן מיט גרויס פאַרשטענדניש. אַ סטאַטועטקע פון אַ קליינעם מיידל האָט ער ממש פאַרגאָסן מיט גאָלד. מיין טאַטע איז אַן שום צווייפל געווען אַ פאַרלוירענער מאָלער. ער האָט אינסטינקטיוו געביינקט נאָך פאַרב און פאָרם. און איך האָב געירשנט זיין גרויסע ליבע צו מאָלעריי. ווי מיין טאַטן, צינדט מיך אַ קונסטווערק אָן מיט טויזנט פלאַמען. — — —

די זון פאַרגייט שוין. זי צינדט אָן מיין טאַטנס חנוכה־לאָמפּן די געלע, מעשענע לייכטער. די זון פאַרפלאַמט אַ ברוסט ביי איינע אַ גרעפין וואָס מיין טאַטע האָט באַמאָלן מיט גאָלד־קאָלירן. פון די צעבראָכענע סידורים

און מחזורים גייען אַרויס משה און אהרן מיט קרוינען אויף די שטאָלצע און מעכטיקע קעפּ. דוד המלך און זיין זון, שלמה המלך, פלאַמען אויף אין זון־אונטערגאַנג. מיין שוועסטער מירעלע האָט זיך פלוצלינג צערעדט פון דעם דערפל נאָווא־גורא, וואו מיר האָבן געוואוינט מיט אַ פערציק יאָר צוריק. עס גייען אויף אין מיין זכרון בילדער פון שטעטל: די ערשטע גרינע פּאַסטאָראַלע פעלדער, דאָס שטיק אָפּגעברוינט וואַלד אין הערבסט, שעפּסן פון וועלכע מען האָט אַראָפּגעשניטן די וואָל און זיי אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט. די גאָלדענע לבנה מיט דעם קינדישן הענטל צו דערלאַנגען.

מיר דאַכט: איך וועל שוין דאָ, ביי מיין שוועסטער, איבערבלייבן אויף שטענדיק. עס ווילט זיך מיר גישט אַוועקגיין פון דער דאָזיקער כישופדיקער, באַלזאַמירטער וועלט פון אידיש־פּוילן, אין אַ הויז אין די בראָנקס, ביי מיין שוועסטער און שוואָגער, איז געבליבן מוזעאַליש שטיין יענע פאַרגאַנגענע וועלט.

טייערע, וואַרפט מיך גישט אַרויס פון דאַנען, איך בעט אייך. איך בלייב דאָ איבער מיט אייך ביז דער מלאך המות וועט אין אַ גרויען פאַר־נאַכט פון שניי און ווינט אַנקלאַפּן אין טיר און זאָגן מיט זיין כריפּענדיקן און סקריפּנדיקן קול: ס׳איז שוין צייט צו גיין פאַר דיר... עס איז שוין צייט פאַר דיר צו זען טאַטע־מאַמעס פּנימער אין גן־עדן. עס איז שוין צייט צו פאַרלאָזן דיין שוועסטערס בראָנקסער אידיש־מוזעאום...

יאָ, טייערע, איך וויל דאָ איבערבלייבן ביז יענעם גרויען, לעצטן און שנייאיקן פאַרנאַכט...

ניו־יאָרק, 19טער יוני, 1954.

I. SeHOR

גענגסטערס ווייב

איך האָב קיינמאָל נישט געזען דאָס פּנים פון דעם מאַן וואָס האָט מיר דערציילט פאָלגנדע געשיכטע. איך האָב אים געטראָפן אין דער „קעניגלע־כער קאַפע”, בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווען מען האָט, אינם „בלאַק אויט” אויסגעלאָשן דאָס ליכט פון דער שטאָט, איז ער צוגעקומען, זיך געזעצט נעבן מיין טישל און דערציילט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, וואָס האָט אויף אייביק פאַרמאַסקירט זיין פּנים:

— „עס איז געווען אַ גילדענער פרימאָרגן אין מאַי. די פייגל האָבן געטרילערט די מחיהדיקסטע קאָמפּאָזיציעס. די איידלסטע מעלאָדיען. דער פּאַרק איז איבערנאַכט איבערגעשמירט געוואָרן אין אַ פּייכטער, טונקעלער, גרינער פאַרב, און איך האָב מיט געמאָסטענע טריט צוגעשפּאַצירט צום לויה־הויז אין דער זוניקער וועסט־סאַיד פון דער גרויסער שטאָט. עס איז געשטאָרבן מיינס אַ פריינט פון פּאַריז, דער איידעלער סקולפּטאָר פון די גראַציעזסטע פרויען־פיגורן. דאָס געלייטערטע וועטער איז געווען פּאַסיק פאַרן גרויסן קינסטלער. ווי גערן וואָלט דער פּאַריזער מייסטער אין אַזאַ הערלעכן טאָג, אין אַזאַ גאָלדיקן מאַי־פרימאָרגן, געוואָלט אַרויסגיין פון זיין ענגער, הילצערנער טרומנע און זיך דורכשפּאַצירן פאַרביי די זילבערנע וואַסערן פונם האָדסאָן־טייך, וועמענס בויגעוודיקע כוואַליעס האָבן זיך גראַציעז געוויגט, ווי ריטמישע פרויען־פיגורן. אַ גאַנץ לעבן, אין דער איינזאַמ־קייט פון דער אַריסטאָקראַטישער „קאַרטיע לאַטען”, איז דער קינסטלער נישט מיד געוואָרן אַרויסצוזיבערן פונם מאַרמאָר הערלעכע אַקסלען, מירמל מילכדיקע בריסטן, געלאָקטע גאָלד־קעפּ און ליליענבלייכע אַרעמס... ביז האַרט פאַרן אויסברוך פון מלחמה האָט דער קינסטלער געאַרבעט אין זיינע זעקס געראַמע סטודיאָס...

ער איז געווען וועלט־באַרימט, רייך און באַליבט ביי זיינע פילע פריינט און פאַרערערס ביים שיינעם געשלעכט... די פראַנצויזישע אַריסטאָקראַ־טיע האָט געקויפט פאַר הויכע פרייזן זיינע לויטערע און פולקאָמענע קונסט־ווערק. ער איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין די שענסטע סאַלאָנען. אַ טאָג איידער די נאַציס זיינען אַריין קיין פּאַריז, האָט דער גרויסער קינסטלער פאַרלאָזן זיינע זעקס גרויסע, רייכע סטודיאָס, אין די פיינסטע געגנטן פון דער שטאָט, און האָט זיך געלאָזט וואַנדערן מיט נאָך טויזנטער אידן קיין אַפריקע, קיין מאַראָקאָ, ביז ער האָט זיך, שוין אַן אַלטער און צעבראָכענער מאַן, דערשלאָגן צו די ברעגעס פון ניו־יאָרק. זיין לאַנדסמאַן, די סטאַטוע פון פרייהייט, האָט אים פריינטלעך באַגריסט ביים אָנקומען אינם פרייען לאַנד...

דאָ האָט דער גרויסער סקולפּטאָר נישט מער געהאַט ווי זעקס גרויסע, אייזערנע און אַלטמאָדישע שליסלען פון זיינע פּאַריזער סטודיאָס, און, די פאָטאָגראַפיעס פון זיינע צאָלרייכע, באַרימטע ווערק. זיין גרויסע סטודיאָ אויף דער צווייטער זיבעציקסטער גאַס איז געווען ליידיק... אין איר געראַ‏ימען רוים האָט זיך באַוועגט אַן אַלטער, גרייז־גרויער מאַן, מיט אַ פּנים פון אַ צעריסענעם נביא, די אויגן פאַרגאָסענע מיט טרערן. ער האָט טאָג

און נאַכט געוויינט. ער האָט פאַר אַ פריינט נישט מער געהאַט אויפצואווייזן ווי די רעפּראָדוקציעס פון זיינע ווערק, אויסגעשטעלטע אין גרויס־שטאָטישע מוזעאומס און ביבליאָטעקן, אין דער וועלטס פיל־גערימטע קונסט־סאַלאָנען. צייטנווייז האָט דער טרויעריקער קינסטלער גערעדט וועגן זיינע גרויסע פריינט, ווי אַ שטייגער גראַף לעאָ טאָלסטאָי, אין ווּעמענס גוט, אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, ער האָט געמאַכט עטלעכע צייכנונגען פונם רוסישן נביא און מאַן פון געוויסן. ער פלעגט אויך רעדן וועגן אַנאַטאָל פראַנס, דעם פראַנצויזישן חכם און עסטעט, מיט וועלכן ער איז געווען אינטים באַ־פריינדעט. דער סקולפּטאָר האָט אפילו געדענקט ווערלענען, דעם פראַנ־צויזישן פּאָעט, ווי ער פלעגט זיך אַ שיכורער אַרומפּאָרן איבער די מאָנ־מאַרטער שענקען און ווינקעלערן, בעטן געלט אויף אבסינט, בשעת אין האַרצן האָבן געברענט שטיקער לירישע פּאָעזיע...

לאַנג האָט דער פּאַריזער אידישער קינסטלער נישט געקענט לעבן אינם היגן קלימאַט. די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן. פּאַריז איז צעטראָטן געוואָרן אונטערן אייזערנעם קנאַפּל פון די נאַציס. די זעקס גרויסע, אייזערנע שליסלען האָבן אָנגעהויבן צו זשאַווערן. די אַמאָל בלייכע, מאַרמאָרענע נודס פון די פאָטאָגראַפיעס האָבן אָנגעהויבן געל צו ווערן. און דער אַלטער מאַן האָט נישט געקענט אויסהאַלטן. דאָס האַרץ זיינס האָט זיך שרעקלעך פאַרפּייניקט. דער קינסטלער פון הערלעכע פרויען־פיגורן איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע. — — —

איך בין אַריינגעגאַנגען אין דעם גרויסן קאָרידאָר און באַלד אויפן ערשטן גאָרן האָב איך געזען אַן אָפענע טיר פון אַ צימער. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט און געזען ווי אין אַ הילצערנער טרונע ליגט אַ מת...

דורך די געפאַרבטע שויבן, אַ מין אימיטאַציע־וויטראַזשן, רייסט זיך דורך אַ שטראַל ליכט פון דער מאַיאָווער זון און פאַלט אויפן שטייפן, פאַר־גליווערטן פנים פונם מת. דאָס גאָלדענע ליכט מאַכט אים בלייכער און שטיי־פער. אויף אַ בענקל איז געזעסן אַ יונגע פרוי אין אַ שלייער. איר פנים איז געווען בלייך און הערלעך געשניצט, ווי איינע פון די פּרעכטיקע סקולפּ־טורן פון דעם גרויסן קינסטלער. זאָל עס מעגלעך זיין אַז פון פּאַריז, פון זיין כמעט היימשטאָט, וואו ער האָט פאַרבראַכט איבער אַ האַלבן יאָרהונ־דערט פון זיין לאַנג לעבן און וואו ער האָט אין זיך רייך אַריינגעזאַפּט די פראַנצויזישע קולטור, דעם פּאַריזער גייסט, זאָל זיך האָבן אַרויסגעריסן אַ מאַרמאָרענע פרוי, איינע פון דעם קינסטלערס אויסגעחלומטע שיינקייטן, און זי זאָל דאָ זיין געקומען צו זיין לויה?... איך האָב זיך אינסטינקטיוו אַוועקגעזעצט נעבן דער דינער, זייער איידעלער פרוי. מיין האַנט האָט קוים באַרירט איר טרויעריקע, סענסיטיווע האַנט. צום ערשט קאַלט ווי מאַרמאָר האָט זיך די האַנט באַלד צעצונדן ווי אַ פייער. עס איז אויסגעקומען אַזוי אַז מיר זיינען געזעסן בײדע צוזאַמען, בשעת אין צימער האָבן זיך איינזאַם געטוליעט עטלעכע אָרעמע געשטאַלטן, אַרומגענומען פון דעם געוואַלטיקן פחד און פון ביטערן גרויל פון טויט. די לופט איז געווען אַ שווערע, אַ פאַרשטיקטע. ברודיק איז געווען דער הימל, מיט בלויע וואָלקנס, ווי טונ־קעלע טיכער, וואָס איז געווען פאַרטאַטשטע אָנגעמאָלן אויפן סופיט. מיר איז איינגעפאַלן אַז דער גרויסער קינסטלער רייסט זיך מיט אַלע כוחות פון זיין טויטן גוף אויס אַרויף אויף דער פריי, אונטערן בלויען הימל, אין

דער רייך־צעכוואַליעטער מאַיאָווער זון, צום לעצטן מאָל אַ קוק צו טאָן אויף גאָטס ברייטער, ערדישער וועלט, איידער ער גייט אויף אייביק אַוועק אין דער טיפעניש פון דעם אונטערערד, צו פינצטערניש און צו ווערים... און אין מיין זכרון זיינען אויפגעגאַנגען די ווערטער פונם נביא ישעיהו, ווען דער מלך פון יהודה, חזקיהו, איז געווען קראַנק, האָט ער אַזוי גערעדט:

„איך האָב געוועסט געזאָגט:
אין מיטן פון מיינע טעג וועל איך אַוועקגיין
אין די טויערן פון אונטערערד;
איך ווער געמינערט דעם רעשט פון מיינע יאָרן.
איך האָב געזאָגט: איך וועל ניט זען גאָט,
גאָט אין לאַנד פון די לעבעדיקע;
איך וועל מער אַ מענטשן ניט אָנקוקן
מיט די באַוואוינער פון דער וועלט.
מיין וואוינונג איז אַוועקגערוקט און אָפּגעטאָן פון מיר,
אַזוי ווי אַ פּאַסטוך געצעלט;
איך האָב אויפגעוויקלט ווי אַ וועבער מיין לעבן;
פון דער צייט וועט ער מיך אָפּרייסן;
פון טאָג ביז נאַכט וועסטו מיך ענדיקן.
איך האָב געטראַכט: ביז פרימאָרגן,
ווי אַ לייב, אַזוי וועט ער אַלע מיינע ביינער צעברעכן;
פון טאָג ביז נאַכט וועסטו מיך ענדיקן.
ווי אַ שוואַלב, ווי אַ בושל, אַזוי האָב איך געפּיפּסט,
איך האָב געברומט ווי אַ טויב;
מיינע אויגן זיינען אויסגעגאַנגען צו דער הייך:
גאָט, געדריקט בין איך, שטעל זיך איין פאַר מיר“.

בשעת איך האָב פאַר זיך אַליין געמורמלט די טרויעריקע, מאַיעסטעטישע שורות וואָס דער קראַנקער חזקיהו האָט גערעדט צו גאָט אין זיין קראַנקשאַפט, איז מיר דערוויל נאָך עפּעס איינגעפאַלן: אַז דאָס איז נישט די לויה פון דעם גרויסן קינסטלער...

איך האָב געהערט אַ טומל. מענטשן זיינען געגאַנגען. געגאַנגען אויף דער גאַס מיטן גאַנצן כוח. נאָר ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם טויטנהויז, האָבן זיי פאַרלאַנגזאַמט זייערע שריט. אינסטינקטיוו זיינען זיי געבראָכן געוואָרן, דערפילט דעם שאָטן פון טויט, און זיי האָבן שווער אַרויפגעשלייכט אויפן צווייטן גאָרן...

ניין, דאָס איז נישט די לויה פון דעם גרויסן קינסטלער. איך האָב זיך איצט איינגעקוקט אינעם פאַרגליווערטן פנים פונם מת. גאָרנישט ווי קיין קינסטלער האָט דאָס שטיק פינצטערע מת אויסגעזען. אַ טיפער שראַם פון אַ שניט איז געווען איבער זיין רעכטער באַק. און עפּעס האָט זיך דייטלעך געפילט אַז ער איז נישט געשטאָרבן אויף זיין אייגענעם בעט... זיינע האָר זיינען געווען פאַרזענקט, אַזוי ווי אַ פייער וואָלט זיי דורכגענומען... דער גאַנצער קערפּער איז געווען שרעקלעך צוזאַמענגעקאָרטשעט. דאָס פנים איז געווען דערשראָקן אין פאַרברענט. אַזוי זעען אויס אין מוזעאום די מענטשן פון פּאָמפּיי, ווען פייער און הייסער אַש פונם וואולקאַן האָט זיי אין צאָרן

דערגרייכט אויף די וועגן, ווען זיי זיינען געלאָפן אין שרעקלעכע אַנגסטן... עס האָט זיך געפילט אַ ריח פונם בר־מנן ווי פון געבראָטן פלייש...

מען האָט איצט אָנגעהויבן דורכצופירן די לויה־צערעמאָניע אין פאַר־דעכטיקטער איילעניש. געהיימניספולע, פינצטערע פאַרשוינען האָבן זיך געדרייט אין די ווינקלען. ס'האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פּאָליציילייט. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן אונז צוויי שטאַרקע מענער אַרויסגעפירט אונטער די אָרעמס, אַריינגעזעצט אין אַ לאַנגן, שוואַרצן אויטאָמאָביל און שנעל האָט די לויה־פּראָצעסיע גענומען יאָגן איבער די זוניקע ניו־יאָרקער גאַסן...

דאָס אַלץ איז געשען בליצשנעל, אַזוי אַז איך האָב נישט געהאַט קיין צייט זיך צו באַזינען, צו באַטראַכטן גענוי מיין לאַגע. די פרוי האָט געמוזט זיין דאָס ווייב, צי גאָר אַ שוועסטער פונם אָפּגעבראָטענעם גענגסטער, וואָס איז מיט געציילטע שטונדן צוריק אומגעקומען אויפן עלעקטרישן שטול... די געהיימניספולע פאַרשוינען זיינען אוודאי געווען זיינע אונטערוועלטישע גענגסטער־פריינט. און איך? ווער בין איך געווען? וואָסאַרא מחותן בין איך אויף דער דאָזיקער פינצטערער „חתונה"? איך בין אוודאי אין אַלעמענס אויגן געווען אַ הויז־פריינט, צי אַ געליבטער, אָדער גאָר אַ ברודער פון דער פרוי אינם טונקעלעם, זשאַלאָבנעם שלייער...

אָבער, קיין שום אַנדער אויסוועג איז נישט געווען ווי צו פאַרבלייבן רואיק און נישט צו פּרואוון מאַכן קיין טומל. ס'איז נישט געווען געזונט דאָ צו מאַכן אַ סקאַנדאַל...

בשעת פּאַטעטישע רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן אין דעם גרויסן זאַל וועגן דעם באַרימטן אידישן קינסטלער פון פּאַריז, וואָס האָט נעבעך לאַנג נישט געקענט אָטעמען די אַמעריקאַנער לופט, האָט זיך אונזער אויטאָמאָביל דערווייל דער ערשטער אַרויסגערוקט פון די הויפּט גאַסן פון ני־יאָרק. מען האָט געקענט זען אַז דער שאָפער קירעוועט אַזוי, אַז מען זאָל זיין וואָס ווייניקער אָנזעעוודיק אין די אויגן פון מענטשן... אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך די עטלעכע אויטאָמאָבילן געדרייט פאַרבײַ שיטערע וועלדלעך. דער ריח פון דער פייכטער און פעטער ערד פון לאַנג איילאַנד האָט זיך דערפילט אין דעם מילדן מאַי־טאָג פון וויאָסנע. שטיקלעך גראָז־אינזלען האָבן ווייך שוין געגרינט אין דער צאַרטער זון. שטיקלעך ליים־ערד האָבן היימיש באַגריסט. די דינע און בויגעוודיקע ביימלעך זיינען געלאָפן איבער די זייטן־וועגן ווי יונגע, עלאַסטישע סאַרנעס. וואַלקנדלעך האָבן מילדע אויפן הימל זיך געדרייט, אַזוי ווי היימישע, מיט דיקער וואָל באַוואַקסענע שעפּסן. איך האָב געטראַכט אַז דער גענגסטער איז סוף כל סוף צעפרידן וואָס ער קומט ענדלעך צוריק צו דער מאַמעשער ערד, צו דערזעלבער ערד וואו ער האָט זיך אַלס קינד געשפּילט אין קינדערישע שפּילן און זיך מיט קליינע חברימ־לעך געשלאָגן. די ערד נעמט צוריק אויף צו ערד, צו אַש און שטויב איר אַלטן פריינט... פון דער ערד קומסטו און צו דער ערד ווערסטו זיך צוריק־קערן אין סוף פון דיינע טעג... עס מיידט קיינעם סוף כל סוף נישט אויס זיין גורל!...

שטום און קאַלט זיינען אין דעם אויטאָמאָביל געזעסן צוויי הויכע, געשטאַלטנע מענער. און נעבן מיר איז געווען די פרוי, מיטן ליבן, אין דעם טונקעלן שלייער פאַרהילטן קעפּל, אויף מיין אַקסל אָנגעשפּאַרט. די פרעמדע

פרוי, וואָס איז איצט, אַזוי ווי אַ קליין און געהאַרכזאַם הינטל, געוואָרן נאָענט צו מיר. זי האָט געענוי פאַרשטאַנען מיין סיטואַציע... זי האָט וואויל גע־וואוסט אַז איך האָב פאַרפעלט בייצוזיין אַן אַנדערע לויה, די אמתע לויה פון מיין פריינט, דעם קינסטלער פון פּאַריז. זי האָט געקענט לייענען אין מיינע אויגן די אומרואיקע פראַגע־צייכנס... די אויגן אירע זיינען געווען מערסטנס געשלאָסן. נאָר ווען זי האָט זיי צייטנווייז געעפנט, האָב איך געזען אַז זיי זיינען בלויע, בלויע ווי דער הימל, וואָס ציטערט דורכזיכטיק און וויאָסנעדיק אין דער הויך, אַזוי ווי אַ פאָרהאַנג פון דינעם זייד... און אין די דאָזיקע פרויאיש־טרויעריקע אויגן זיינען געווען דיקע טרערן־טראָפּנס... טרערן, נישט אַזוי שטאַרק פון לאַמענט נאָך דעם פאַרברענטן גענגסטער, נאָר פון טיפער, ווייבלעכער דאַנקבאַרקייט צו מיר, איר באַגלייטער...

שנעל האָט זיך די לויה־פּראָצעסיע געטראָגן איבער די וועגן פון ניו־יאָרקער פאַרשטעטלעך. עס זיינען פאַרבייגעפלויגן ישובים און דערפלעך אַזוי גרויס ווי גענעצן. און באַלד האָט מען דערזען אַ זילבער־געפאַרבטן טויער פון אַ בית עולם. אַ מאַן מיט אַ רויט, שאַרף־פאַרשניצטן בערדל האָט געוואַרט אונטערן טויער, און עטלעכע פּאָליציילייט אין טונקעלע קליידער, מיט קאַלטע, מיט פלעגמאַטישע פנימער.

ס׳האָט זיך, סענסיטיוו צום וועטער, צום בליענדיקן מאַיטאָג, אַלעמען באַשמעקנדיק, געדרייט אַ רויטער הונט. די צוויי שטאַרקע מענער האָבן אונז שנעל אַראָפּגעפירט פון אויטאָמאָביל. איך האָב צאַרט געהאַלטן די פרוי ביי איר דינעם אָרעם. גייענדיק איבער דער רויט־ליימיקער ערד פון בית עולם, האָט זיך די פרוי געוואַקלט און זיך אינטים געטוליעט צו מיר. ס׳האָט געשמעקט מיט ליים, מיט צעפוילטע פלאַנצן און מיט פייכטע, פאַרוועלקטע קרענצלעך בלומען וואָס מען האָט געלאָזט אויף די קברים. זשוקלעך זיינען אַרומגעפלויגן, קליינע, גאָלדענע פיצלעך לעבן. און פאַר אַן אָפענעם גרוב זיינען מיר געבליבן שטיין. ס׳איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער קאַסטן. איך האָב ערשט איצט געזען אַז דער קאַסטן איז זייער גרויס. זיין לענג איז געווען אומגעווינלעך. דער גענגסטער האָט געמוזט זיין זייער הויך. דער בייכיקער חזן האָט שנעל געענומען זאָגן אַן אל מלא רחמים. ער האָט זיך איגמיטן אָנגע־בויגן צו איינעם פון די אָנטיילנעמער, מיט אַ געשטופּלט פנים, אויף צו פרעגן דעם נאָמען פונם מת. צוויי נעגער־יונגען, מיט בראָנזענע פנימער, האָבן גענומען אַרונטערלאָזן דעם קאַסטן. איצט האָב איך געפילט ווי די פרוי צאַפּלט און יאָמערט אינערלעך. כ׳האָב זיך אָנגעשטרענגט זי צוצו־האַלטן, כדי זי זאָל נישט אומפאַלן. זי איז געוואָרן שווער, שווער מיט טרערן, מיט יאָמער, וואָס האָט זי באַשווערט צו דער ערד. עטלעכע מענטשן האָבן גענומען וואַרפן די ליימיקע ערד איבערן קאַסטן. ביסלעכווייז האָט זיך דער גרוב אָנגעהויבן אָנצופילן מיט זאַמד, מיט רויע ערד. אין אַ ווײַלע אַרום איז געבוירן געוואָרן אַ ניי קבר, אַ פריש, רויטלעך בערגל... עס איז איצט נישט געווען מער קיין מענטש, וואָס האָט שטורמיש געלעבט, געראַבעט, נקמה גענומען, אַנטוויקלט ריזיקע אַמביציעס, אומגעבראַכט לעבנס און האָט אַליין מיטן אייגענעם לעבן באַצאָלט פאַר אַלע זיינע פינצטערע און בלוטיקע פאַרברעכנס. קליינקע זון נישטיק איז איצט געווען זיין סימן אויף דער גרויסער ערד, די ערד, וואָס גריזשעט אויף אַלעמענס קנאָכנס...

איצט האָט זיך אָנגעפאַנגען דער מאַרש אויף צוריק. ווידער זיצן די צוויי געשטאַלטנע מענער הינטער אונז אין דעם אויטאָמאָביל. אין לייכטן ווינט ציטערט דער וואָל אויף דער פרויס פּנים. עפּעס איז זי לייכטער געוואָרן, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט אַרונטערגעפאַלן פון איר האַרצן.

עס איז אויפן בית עולם געבליבן דער שוועגער מת, דער פינצטערער יאָמער, די בלייערנע טרערן. גרויסע וואָלקנטיכער ווישן אָפּ די סצענע, וואָס איז ערשט פאָרגעקומען אויפן בית עולם. לייכטער און פלינקער טראָגט זיך איצט דער אויטאָמאָביל איבערן שאָסיי. פאָראויס איז נישט מער פאַראַן די שטאָלערנע עגלה מיט דער טרונע. און הינטער אונז פאָרן נישט מער קיין באַגלייטנדיקע טאַקסיס. די זון באַהאַלט זיך אונטער אַ וואָלקן, כדי אין אַ ווייַלע אַרום נאָך שענער אויפצוגיין איבער דער פרישער, וויאַסנעדיקער ערד...

דאָס וואָס עס איז איצט פאָרגעקומען, האָט זיך נישט געגוויטיקט אין קיין ווערטער. און עס איז שווער געווען צו רעדן צו אַן אומבאַקאַנטער פרוי. נאָר, באַפרייט עפּעס פון אַ שרעקלעכער לאַסט, האָט די פרוי זיך געטוליעט צו מיר, זיך אין מיר פאַראַנקערט מיט איר גאַנץ ווייבלעך, טרויעריקן און פאַרקלעמטן וועזן... אַ היץ האָט געשפּאַרט פון אירע רייצנדיקע, ווייבלעכע גלידער...

מיר זיינען נאָך אַ צייט פאָרן אָנגעקומען צוריק אין דער וועסט־סאַיד פון דער שטאָט. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט. און די זון האָט שוין אָנגעהויבן אונטערצוגיין. די צוויי מענער זיינען צום ערשט אַרויסגעשטיגן. מיר — נאָך זיי. זיי האָבן אונז אָנגענומען ביי די אָרעמס, אַרויפגעפירט אויף קרומע און געדרייטע טרעפּ צו אַ טיר. די פרוי אינם שלייער האָט געעפנט איר לעדערנעם טאַש, גענומען זוכן אַ שליסל, בשעת די צוויי מענער האָבן זיך קאַלט פאַרגויגט און זיי זיינען אַוועק זייער טונקעלן וועג... מיר זיינען איצט געבליבן אַליין.

זי האָט אויפגעשלאָסן די טיר. עס איז געווען אַ פיינע וואוינונג אויף אַ הויכן גאָרן פון אַ הויז אויף צענטראַל פּאַרק וועסט. אויפן וואַנט האָב איך דערקענט דעם מאָלער וואַן גאָג מיט דער רויטער, פאַרבלוטיקטער באָרד. און אַ צייכנונג פון רעמבראַנדט, פאָרשטעלנדיק אַ איד, אַ גרייז־גרויען איד, אַ אידישן פרינץ פון גייסט, וועמענס שטערן האָט געלויכטן ווי די זון. די פרוי אינם שלייער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און האָט אָנגעפאַנגען שטילערהייט צו שלוכצן און צו יאָמערן. איך האָב איר רואיק געלאָזן ליגן אויפן בעט, מיט איר יאָמער אין האַרצן. זי האָט יעדער ווילע אויפגעצאַפּלט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די פרוי נויטיקט זיך אין דעם גרויסן יאָמער, כדי אָפּצוואַשן אין דיקע שטראָמען טרערן אַ שטיק לעבן, אַ שטיק פערזענלעכע געשיכטע, אַ גרויסע דראַמע, וואָס האָט אויפגעגעסן אַ סך יאָרן פון איר שיין לעבן.

עס איז דערווייל צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט. דער זונס שטראַלן האָבן וואַרעם באַרירט וואַן גאָגס בלאַסער הויט, זיין פאַרוואונדעט פּנים. ער האָט פון די שטראַלן אָנגעפאַנגען צו ברענען און צו בלוטיקן. נאַכלעסיק אַוועקגעוואָרפן איז געווען די פרוי אויפן בעט. עס איז געוואָרן טונקל. בין איך צוגעגאַנגען צו איר, איר אַ קוש געטאָן אין די גילדערנע, ווייכע האָר. נאָכגיביק און ווייך איז זי געווען, ווי אַ שטילע, ווייסע קאַץ. ווען כ'האָב אָפּגעדעקט איר פּנים פונם שלייער און פונם פאָרהאַנג, האָב איך געזען אַז אין

To My Friend M Soyer
Shea Tenenbaum MS.

דעם געוויין איז אַ גרויסער פּענעץ פון איר טרויער פאַרשוואונדן געוואָרן. זי האָט איצט געווײנט און געשמייכלט. און אירע אויגן זיינען געווען בלוי ווי דער פאַרנאַכטיקער הימל.

אין איר טרויער און אינם טייך פון טרערן איז די פרוי געווען שיין. אַזוי האָט חוה געמוזט אויסזען, ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פון די עלעמענטן און איז געשטאַנען פאַר אָדמען, באַקעט און אומטערטעניק, און אָנגעגאָסן פול מיט תאווה, ווי אַן ערדענע קרוג מיט ווײן. אין איר טרויער האָט זי מיך גערייצט. דער טרויער האָט ווייך געמאַכט אירע גלידער. דער טרויער האָט איר געמאַכט איינזאַם און נאָכגיביק. דער טרויער, די רעזיגנאַציע, דאָס זען מיט אירע שיינע אויגן ווי אַזוי מען לייגט אין דער אויפגעגראָבענער ערד אַריין אַ מענטש... דער טרויער מאַכט אידעלער דעם מענטשן...

זי האָט איצט אויף מיר געקוקט מיט גרויסע, מיט דאַנקבאַרע אויגן. דאַנקבאַר פאַרן באַטייליקן זיך אין איר צער, פאַרן העלפן טראָגן דורכן טאָג די לאַסט פון איר טראַגעדיע, פאַרן באַטייליקן זיך אין דער לויה. דאַנקבאַר פאַרן איינשפּאַנען זיך אין איר שיקזאַל, פאַרן פירן זי אונטערן אָרעם אין שטיין מיט איר צוזאַמען ביים אָפענעם, פרעמדן קבר, אין אַדורכגיין די יסורים פון דעם דאָזיקן גאַנצן ביטערן טאָג. עס איז געווען אין דער פרויס האַרצן טיפע דאַנקבאַרקייט צו מיר...

און מיך האָט דווקא אין איר גערייצט דער טרויער, די פאַרגענגלעכקייט פון די גלידער, די געבראָכענע נאָכגיביקייט, דער רייץ פון איר ווייבלעך־אידעלן פּנים, ווען עס איז געבאָדן אין טרערן. מיך האָט גערייצט איר פלייש ווען עס צאַפּלט זיך אין ווייטיק. מיך האָבן גערייצט אירע בריסט ווען זיי שלוכצן און זיי ציטערן אין אינערלעכן פּיין... — — —

***

...עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט ווען מיר האָבן דערוואַכט פון דער סעודה פון ליידנשאַפט, טרויער און פאַרגעניגן פונם פלייש... די פייערן פון די ניו־יאָרקער הייזער האָבן פאַנטאַסטיש געלויכטן דורך די פענצ־טער. יעדעס פייער — אַ הויז, אַ וואוינונג, אַ פאַמיליע, אַ דראַמע, אַ שיקזאַל. איך האָב אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע ליכט. איך בין צוגעגאַנגען צום „פאַר־פרירער" און האָב אַרויסגענומען אייז־קאַלטע שפּייז פאַר אַ מאָלצייט. איך בין איצט געווען גוט הונגעריק. באַהערשט פון די איבערלעבענישן, איז די פרוי געלעגן אויפן בעט ווי אין אַ האַלוצינאַציע. פּלוצלינג האָב איך דערזען אין אַ ווינקל פונם גרויסן זאַל אַ מירמלנעם ביוסט פון אַ יונגע מיידל, וואָס איז געווען שיין ווי אַ חלום פון שניי. איך האָב באַטראַכט דעם ביוסט. אָן צווייפל, אַז ער איז געווען געמאַכט פון די כישופדיקע הענט פון דעם סקולפּטאָר, וועמענס לויה עס איז היינט אין דער פרי פאַרגעקומען... דאָס יונגע מיידל, מיט געקרויזטע האָר־פאַסמעס איבער איר שניי־ווייסער פּלייצע, האָט געהאַט אַ שטאַרקע ענלעכקייט צו דער פרוי וואָס איז איצט געלעגן אַ לויזע און אַ פּייכטע אויפן בעט...

איך האָב געפרעגט די פרוי:

— האָט איר געקענט דעם קינסטלער פון דעם דאָזיקן הערלעכן ווערק?

— איך בין געווען זיין מאָדעל! — האָט זי שטילערהייט געענטפערט.

— האָט איר געוואוסט אַז היינט איז פאַרגעקומען דעם דאָזיקן קינסט־לערס לויה? איך בין דאָך טאַקע געגאַנגען צו זיין לויה...

די פרוי האָט געענטפערט מיט אַן אויסדרוק פון טרערן אין אירע אויגן. דער לבנהס גאָלדענער פּלעק האָט זיך געשניטן צווישן כוואַליעס וואָלקנס. פון טייך איז געגאַנגען אַ קילער ווינט, מיט וויאָסנעדיקער צערטלעכקייט און גראַציע. פונם פענצטער פון דעם הויכן גאָרן האָט זיך געזען אַ גאָלדענע ליכט. דאָרט אויפן בעט איז מידערהייט געשלאָפן די פרוי, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געווען אין פּאַריז דעם קינסטלערס מאָדעל, און וואָס האָט היינט באַגראָבן איר מאַן, דעם פאַרברענטן און פאַראַשיקטן גענגסטער ... און נעבן איר, ווי שפּינגעוועבס, איז געלעגן איר שלייער, אַ צעריסענער ...

איך בין אַהיימגעפאָרן מיט דער סאָבווי. אַ סך מענטשן זיינען געפאָרן אין וואַגאָן. ס׳האָבן זיך געשפּירט די ריחות פון אַלע פעלקער: נעגער, אידן, מאַנגאָלן, אַפריקאַנער און סלאַוון זיינען געזעסן ענג צוזאַמענגעדריקטע און געלייענט ברייט־צעעפנטע צייטונגען. אויף די ערשטע זייטן פון די צייטונגען איז געווען מיט גרויסע, פעטע־שוואַרצע אותיות געמאָלדן די נייעס פונם גענגסטערס טויט ... אַ פּינצטערער, ווי אַ פאַרבלוטיקטער טיגער, איז ער געפירט געוואָרן צו דער עלעקטרישער שטול. ער האָט מיט זיין לעבן באַצאָלט פאַר צענדליקער מאָרדן. ס׳האָט פון די מענטשן און פון די צייטונגען געשמעקט מיט פאַרברענטע פלייש, מיט נאַסע אותיות פון די נאָך וואַרעמע, ערשט־געדרוקטע צייטונגען. אַ הינקענדיקער פאַרטאַריקאַנער צייטונגס־פאַרקויפער האָט הויך אויסגערופן די נייעס פונם גענגסטערס טויט. עס זיינען געווען אַ סך בילדער אויף די אַנדערע בלעטער. און אַט טויכט אויף אַ בילד פון אַ צאַרטער, וויינענדיקער פרוי ... איך דערקען זי, אַזוי ווי איך וואָלט איר שוין פון לאַנג אַן געקענט ... און נאָך איין פערזאָן דערקען איך — זיך אַליין ... די טויזנטער צייטונגען פלאַטערן אין די נערוועזע הענט פון די לייענער מיט מיין פאָטאָגראַפיע. ווי אַזוי איך שטיי ביים אָפענעם קבר, אונ־טערהאַלטנדיק די שלוכצנדיקע פרוי, זי זאָל נישט חלילה אַריינפאַלן אין גרוב אַריין, ווען מען לאָזט אַרונטער די שווערע טרונע ... ס׳איז מיר נאָר אַ וואונדער אַז קיינער דערקענט מיך נישט ... בלויז איין פרוי, וואָס האָט געהאַלטן אין האַנט אַ גרויסן בוקעט מיט בלומען, האָט מיך לאַנג, לאַנג אָנגעקוקט ...״ — — —

***

ס׳האָט דער מאַן אין דער פינצטערניש פונם „בלאַקאַוט״ געענדיקט דערציילן זיין דערציילונג. איך האָב זיין פנים, ווי געזאָגט, קיינמאָל נישט געזען. וואָרים, ווען עס איז צוריק ליכטיק געוואָרן אין דער „קעניגלעכער קאַפע״, איז ער שוין מער נישט געזעסן ביי מיין טישל. איצט האָב איך זיך דערמאָנט אַז איך האָב, אַ פאַרזונקענער אין מחשבות, אים נישט גע־ענטפערט אויף זיין „גוטע נאַכט״־ווינטש ... דעם מאַנס פנים וועל איך אוודאי שוין מער קיינמאָל נישט זען. אָבער דאָס וואָס ער האָט מיר דער־ציילט, איז מיר געבליבן אין זכרון, ביז איך האָב מיט פינצטערן טינט עס דאָ אָנגעשריבן און — פאַרקריצט ...

דער פֿישער און זײַן געפֿאַנג

איך בין אַ סך שעהן געזעסן בײַם ים. איך האָב אײַנגעזאַפּט אין זיך די בלויע אײביקייט פֿון ים. מיך האָב אינטערעסירט אַ מאַן וואָס האָט געכאַפּט פֿיש. אַ קלײנער, אַ דינער, איז ער געזעסן אומבאַוועגלעך אויפֿן גאַלדענעם ברעג אַ לאַנגע צײַט. דער דינער פֿאָדים האָט אומזיכטבאַר געשטעקט אין ים. אין דער אַטמאָספֿערע פֿון זאָרגלאָזיקייט און לוסטיקייט האָט זיך אויסגעטײלט זײַן עקשנותדיקע אומבאַוועגלעכקייט. זײַן אומגעהויערער געדולד. איך בין צוגעגאַנגען צו אים. איך האָב אים געפֿרעגט:

— How is fishing today ?

ער האָט מיט אַ טעמפּן בליק מיר אָנגעוויזן אויף אונטן. איך האָב דערזען ליגן אויף דער ערד, נעבן זײַנע פֿיס, אין אַן אַלטער צײַטונג, צוויי פֿלאָנדרעס. זיי האָבן מיך שאָקירט מיט זייערע טונקעלע בלאַטעקאָלירן. זיי האָבן קוים געאָטעמט. פֿון זייערע פֿינצטערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט וויסטער אומעט, ים־אומעט. אין זייער אויסזען האָט מען געקענט דערקענען עפּעס אַן אַנדערע וועלט — די אומהיימלעכע וועלט פֿון ים. פֿון אומבאַוואוסטע, פֿאַרבאָרגענע טיפֿענישן.

צום ערשט האָבן זיי מיך שאָקירט. אָבער באַלד האָב איך אָנגעהויבן רחמנות צו קריגן אויף די צוויי שטומע, גוססדיקע באַשעפֿענישן. עפּעס אַזעלכע מאָדנע, פֿלאַטשיקע באַשעפֿענישן. ס׳איז דאָך פּשוט אַ חרפּה אַז דער מענטש זאָל זיך גאָר גיין פֿאַרמעסטן אויף זיי. ווי שעמט זיך נישט אַ צווייפֿיסיקער מענטש צו פֿאַנגען אַזעלכע צוויי נישטיקע, בלאָטיקע קרעאַטורן. איך האָב געהאַט אַ פֿאַרלאַנג זיי צוריק אַרײַנצולאָזן אין ים. זיי וועלן שוין דאָרט אוודאי לאַנג נישט לעבן. אָבער זאָלן זיי כאָטש שטאַרבן אין ים. זייער שטאַרבן וועט זיי אפֿשר גרינגער זײַן אין די פֿינצטערע טיפֿענישן.

באַלד האָב איך באַמערקט עפּעס אַן אומרואיקייט בײַם פֿישער. ער האָט איצט פֿאַרלאָזן זײַן באַקוועמען, אײַזערנעם בענקל. ער האָט גענומען דרייען, פֿאַרציען דעם פֿאָדים פֿון דער ווענדקע. ער האָט זיך דערנענטערט צום ים. ער איז אַרײַן מיט זײַנע פֿאַרוואַרצטע פֿיס אין די שוימיקע כוואַליעס. איך בין געווען נײַגעריק. די שפּאַנונג איז געשטיגן אין מיר. איך האָב געפֿילט אַז עס זײַנען איצט קריטישע מינוטן: אַז דאָ, נישט ווײַט אין ים, ראַנגעלט זיך ביטער אַ לעבן. מען זעט נאָך נישט דעם לעבעדיקן פֿאַנג. אָבער ער קעמפֿט שוין ביטער מיט זײַן שיקזאַל. זײַן טויטלעכער גורל איז שוין פֿאַרזיגלט.

ווײַזט אויס אַז לויט דער שווערקייט האָט דער פֿישער דערקענט די קוואַליטעט פֿון זײַן פֿאַנג. ער איז געוואָרן אויפֿגערעגט. איך האָב אין האַרצן געוואונטשן: אַז דער פֿיש זאָל פֿאַרשלעפּן זײַן פֿאַנגער אין ים אַרײַן און אים דאָרטן דערציילן די מעשׂה.

ענדלעך איז פונם וואַסער אַרויס דערשינען דער אומגליקלעכער קרבן: אַ גרויסער, אַ זילבערגער פיש, פון אַרום צען פונט. דער פישער האָט אים אָנגעכאַפּט מיט די הענט און האָט אים אַ צאַפּלענדיקן אַרויסגעטראָגן פונם שוימיקן וואַסער. ווען דער פישער האָט געוואָלט אַרויסציען דעם האַטשיק פון דעם פישס מויל, איז עס נישט גרינג געגאַנגען. דער פיש, אַ הונגעריקער, האָט דעם האַטשיק איינגעשלונגען. ער האָט אַזש געשטעקט טיף אין זיין מאָגן. דער פישער האָט מיט זיינע פינגער געריסן די שלייפן פונם פיש, האָט אריינגעשטעקט זיינע לאַנגע און שפּיציק־באַנעגלטע פינגער אין דעם פישס אָטעם־אָרגאַנען, אין זיינע בעבעכעס. ער האָט געריסן דעם האַטשיק פון דאָרט מיט גרויס כּוח. דער פיש האָט שרעקלעך געצאַפּלט און שווער געבלוטיקט פון דער באַרבאַרישער אָפּעראַציע. עס איז מיר געווען פּשוט שווער צוצוזען די סצענע. עס איז געווען אַזוי ווי איך וואָלט שטיין פאַר דער אָפּעראַציע איבער אַ מענטש, וועמען מען האָט אויפגעשניטן דעם בויך און מען בראָדזשעט אין זיינע בלוטנדיקע געדערים. בלוט האָט זיך געגאָסן פון דעם פישס אויפגעריסענעם מויל. ער האָט קוים געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

ענדלעך האָט דער פישער אַרויסגעריסן דעם האַטשיק צוזאַמען מיט זיין מאָגן. אינם פישס אינערלעכן אָרגאַניזם איז געוואָרן אַ חורבן. ער איז געווען צעמוזיקט, צעריסן און צעבראָכן. איצט איז ער געלעגן אַליין אויף דער גאָלדענער ערד. פליגן האָבן זיך געשטעלט אויף זיין פּיסק, אויף די אויפגעריסענע וואונדן, אויף די שטיקער בלוט. זיי האָבן געלעקט דאָס בלוט פונם נאָך לעבעדיקן פיש. דער פיש, דערפילנדיק די פליגן, האָט זיך מיט כעס אַ ריס געטאָן, אויפגעצאַפּלט און ער איז צוריק געפאַלן שווער אַזוי ווי אַ שווערער שטיין. מיט דער פינצטערער שווערקייט פון טויט. יעדעס מאָל קומען צוריק די פליגן. און יעדעס מאָל צאַפּלט דער פיש אויף ווי ביזן הימל — און ער פאַלט מאַכטלאָז צוריק מיט דער פינצטערער שווערקייט פון זיין שטאַרבן.

דער פישער האָט דערווייל צוריק אָנגעסטראָיעט די ווענדקע אַזוי ווי אַ פידל. ער האָט דעם זייער דינעם פאָדים, קוים זיכטבאַר אין דער לופט, געטיפט אין ים, כּדי צו טשאַטעווען אויף אַ נייעם קרבן. איצט קומט צו דער פישער, ער נעמט דעם פיש צו צום וואַסער, אַזוי ווי ער וואָלט אים וועלן צוריק אריינוואַרפן אין ים אַריין.

אויף אַ מאָמענט איז מיר איינגעפאַלן: עפּעס האָט דער פישער חרטה אויפן גאַנצן עסק. אפשר האָט דער פישער זיך פאַרט באַקלערט. איך האָב געפילט גוט וואָס דער פיש וועט כאַטש אַ רגע פאַרן טויט צוריק דערפילן די געזאַלצנקייט פון ים. די מעכטיקע טיפעניש פון זיין אומגעהייערער היים.

אַ פרוי איז צוגעקומען מיט אירע קינדער און זעענדיק וואָס דער פישער גייט טאָן, האָט זי אויסגעשריגן:

— וואַרף אים נישט אַריין אין ים. גיב אים מיר בעסער. איך וועל אים אָפּבראָטן פאַר מיינע קינדער...

אָבער דער פישער האָט בלויז אין ים אָפּגעוואַשן דעם פיש פון בלוט. דער פאַרוואונדעטער, אינערלעך־צעבלוטיקטער פיש, האָט

איצט טאַקע פאַרזוכט דעם זיסן, גרויסן ים צום לעצטן מאָל. ס'האָט אים צום סאַמע לעצטן מאָל געוואָשן דער הילכיקער שוים פון דער שווערער, אייזערנער כוואַליע. דאָס איז געווען דעם פישס לעצטער באַריר מיט די כוואַליקע מאַסיוון פון זיין היים. דער טעמפּער פישער האָט איצט צוגעוואָרפן דעם פיש צו די אַנדערע צוויי קרבנות זיינע: דער זילבערנער פיש האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט מיט זיין שיינער פאָרם אַנטקעגן די צוויי בלאַטיק־טונקעלע, דינע און פלעגמאַטישע פלאָונדרעס. אַלע דריי זיינען איצט געלעגן און זיי האָבן זיך געוואָרגן מיט דער לופט, אויפמאַכנדיק די מיילער און באַוועגנדיק מיט די פלוס־פעדערן. אַלע דריי זיינען פאַמעלעך אויסגעגאַנגען.

איך האָב געקוקט אויף די דריי פיש: איז דאָס נישט שיקזאַל? נעכטן נאָך זיינען זיי אַלע דריי געווען די איינוואוינער פון אַן אומגע־הייערן ים. זיי זיינען אוודאי געווען אָפּגעטיילט איינער פון דעם אַנדערן מיט די וויטסטע שטרעקעס. היינט האָט זיי זייער גורל פאַראייניקט: צו ווערן געפאַנגען פון עפּעס אַ מענטשלעכן רוצח. צו ליגן דאָ צוזאַמען אויף איין שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר, פון בלוט פאַרפלעקטע. ווער ווייסט: ביז די זון פאַרגייט — וועט נאָך אפשר צוקומען אַ פערטער קרבן. וואָרים דעם פישערס דינער, בריטווע־שאַרפער פאָדים שטעקט אין די טיפענישן פון ים. איך וויל שוין מער דאָ נישט שטיין. איך וויל נישט צוזען דאָס שטומע צאַפּלעניש פון אַ נייעם לעבעדיקן קרבן, פון וועמענס געדערים מען רייסט דאָס שאַרפע, אייזערנע האָטשיקל...

און, איך האָב געטראַכט: צי איז דען דאָס נישט זייער געמיין, אַז דאָס אָפּנאַרן דעם פיש מיט אַ פיצל ווערעמל און אַזוי אַרום אים אַריינ־צונאַרן אין דער נעץ פון טויט? באַדאַרף זיך דען דער מענטש נישט שעמען אין זיין וויטן האַלדז אַריין וואָס ער נאַרט אָפּ מיט אַ שטיקל שפּייז אַן אָרעמען פיש?

איך פאַרשטיי נאָך דעם אָפענעם קאַמף צווישן מענטש און חיה. דעם געוואָגטן פאַרמעסט צווישן צוויי קעגנער. אָבער דער מענטש באַדאַרף זיך דאָך באַגראָבן פאַר חרפּה מיט דעם אופן ווי ער פאַנגט דעם דאָזיקן קליינעם, נאַאיוון פיש. עס איז גאָרנישט שיין...

דער ים האָט געברויזט, האָט געבראַכן כוואַליע אויף כוואַליע, אַזוי ווי פעלזן. אַזוי ווי משה האָט געבראָכן די לוחות. די טינטישע בלוי־קייט פון ים איז געווען גוט צום אויג. צום געמיט. לאָמיך דאָ זיצן אַ יאָרטויזנט און אַריינזאַפּן אין זיך דעם ימס שטורעמדיקן אומרו. זיין אומרו באַרואיקט מיך. זיין שטורעם שטילט מיך איין.

אויפן הימל האָבן די שטראַלן פון דער זון, אַזוי ווי מאָסן גילדערנע הענט, געשלעפט און געשאַרט די זון צום מערב. שווער איז דער פייערדיקער באַלם געפאַלן צום אָפּגרונט. דער ים איז פאַרגרינט גע־וואָרן אַזוי ווי גרין פעלד פון גראָז. ס'האָט זיך געוואָלט אַרויפגיין אויפן ים. זיך רואיק לייגן אויף זיין פלושענעם גראָז מיט דער געליב־טער, אַרומגערינגלט פון די כוואַליעס, ווי גרינע שאָף, און לאָזן אויפגיין אויפן הימל די גאָלדענע וואונד פון דער לבנה...

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 9, 1953.

די לאַנדסלייט פון מאָדזשיץ

איך האָב דאָס בית עולם נישט דערקענט. ווייל מיט צוויי, מיט דריי יאָר צוריק איז די קרקע געווען ליידיקע. איבערהייפּט די ערד אַרום מיינע עלטערנס קברים. מען האָט זיך נאָך געקענט באַוועגן פריי. ס׳האָט נאָך געשפּראָצט אַ משולדיק גראָז. ס׳האָט נאָך אין דער זון געלויכטן די ליימיקע ערד. איצט איז דאָס בית עולם אַזוי ווי ענג געוואָרן. עס קומען אָן ביסלעכווייז די לאַנדסלייט פון מאָדזשיץ. אָבער שוין נישט אין אַזאַ גרויסער מחנה ווי מיט דריי, מיט פינף, מיט צען יאָר צוריק. פּשוט, די לאַנדסלייט וואָס פלעגן דאָ קומען, ליגן שוין איצט באַגראָבן. טאַקע דאָ. דאָ, וואו זיי האָבן געכאַפּט אַ כיסה און טאַקע גאָר אַ גרויסע. די דאָזיקע לאַנדסלייט פונם קליינטשיקן שטעטעלע מאָדזשיץ האָבן זיך דאָ אויסגעלעגט ברייט און רחבותדיק. ניין, זיי האָבן זיך דאָ צוגעטוליעט, ענג איינער צום אַנדערן. ערד אין אַמעריקע, פרייע ערד, איז נישטאָ צופיל.

זיינען די קברים געוואָרן פיל און פול... נאָר דאָס קאַרגע ביסל איבערגעבליבענע לאַנדסלייט זעען אויס פאַראומערט. שוין כמעט אַלע גרויע, אַלטע לייט... עס ווערן וואָס אַ מאָל וויניקער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק. און זיי זיינען אַזעלכע דערשראָקענע. זיי זעען דאָך אַז די ערד גייט אויף זיי. אַז די קברים רוקן זיך אַרויף אויף זייערע פלייצעס. די ערד, די ליימיקע ערד, זי מאָנט די לאַנדסלייט פון מאָדזשיץ, זי מאָנט קרבנות פונם שטעטל... אַז מען וועט קומען איבעראַיאָר, מיט גאָטס הילף, וועלן אַ שפּאָר ביסל פון די דאָזיקע לאַנדסלייט נישט קומען דאָ מער... מען וועט זיך דערמאָנען זייערע נעמען, זייערע פּנימער... און די קברים וועלן ווערן צאָלרייכער, ענגער, צונויפגעטוליעטער...

איך זע ביי אַן עלטערן קבר אַ פרישן בערגל ערד. עס שטייט אַרום דעם בערגל ערד אַ פאַמיליע. אַ טייל וויינען. אַ טייל שטיקן אין זיך די הייסע טרערן. אַ טייל, די וויטערע קרובים, די אינגערע, זיינען גלייכגילטיק. אין גרינעם, זיידענעם גראָז ליגט אַ ליידיק פלעשל, אַזוי ווי אויף צו אילוסטרירן אָמאַר כאַיאַמס לידער, וועגן פרויען, ווין און בלומען... אַ האַנט, אַ געלע האַנט פון אַ שווער־פאַרהאָרעוועטן איד, אַ שניידער אוודאי, האַלט אַ בעכער מיט כוסות, מיט שטיקלעך לעקעך. מען טרינקט לחיים אויף אַן אַלטן טאַטנס אָדער אויף אַ פעטערס אַ פרישן קבר. מען רעדט ענגליש. דער וואָס ליגט דאָ, האָט נאָך גערעדט אַ קערנדיקן, האַרציקן אידיש. ער איז געקומען, פאַרשטייט זיך, פון דער אַלטער היים. האָט געטראָגן דאָס גאַנצע שטעטל אויף די אַקסלען. האָט גערעדט מיט שפּריכווערטער, האָט זיך געוויצלט מיט קרעפטיקע שטיקער הומאָר, האָט דערציילט פעטע שטיק פאָלקלאָר פון שטעטל. יאָ, מען טרינקט צוביסלעך „לאָרד קאַלווערט בלענדעד" פונם לעקעך פאַלן אַראָפּ געלע קרישקעס פאַר די אינסעקטן, פאַר די ווערים, וואָס פרעסן די קנאָכנס פון די טויטע. טראָפּנס „לאָרד קאַלווערט" רינען אַראָפּ אויף דער ערד, צום שלאָפנדיקן פעטער בונם, וואָס האָט ליב געהאַט אין געהויבענע טעג צו פאַרזוכן פונם ביטערן טראָפּן... אָבער אויף אַ אידישלעכן, איינגעהאַלטענעם שטייגער...

עס הויערט אַ גרויסער טרויער. אַ טרויער נישט נאָר אויפן באַגראָ־בענעם קליינשטעטלדיקן פּעטער בונם, אויפן שטיק אידיש לעבן וואָס איז מיט אים אָפּגעשטאָרבן. אויפן וואַלד אידיש־היימישקייט וואָס איז צוזאַמען מיט אים אַרונטער אין דר'ערד...

ביי אַ צווייטן קבר שטייט דער סעקרעטאַר פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. ער רופט צוזאַמען די רעשטלעך לאַנדסלייט. אויך די וואָס טרינקען דעם „לאָרד קאַלווערט" אויפן פּעטער בונמס קבר. ער זאָגט:

— לאָמיר זיין צוזאַמען. אין דער היים זיינען מיר אויך געווען צוזאַמען. מיר מוזן זיך האַלטן צוזאַמען, ווייל אונזער געמיינזאַם שטעטל איז דאָך שוין מער נישטאָ...

דער סעקרעטאַר אַליין זעט אויס זייער פאַריתומט. קוים ער שטייט אויף די פיס. ער ליידט פון צוקער־קראַנקהייט און פון נאָך אַ פּאָר חולאתן. די ערד אויף וועלכע ער שטייט איצט, וועט אודאי באַלד ווערן זיין קבר. די פּאָר אָרעמע לאַנדסלייט הערן אויס זיינע ווערטער. קיין סך פריד שלאָגט נישט פון זייערע פּנימער. זיי שאָקלען טרויעריק מיט די אַלטע, גרויע קעפּ... יאָ, מען זעט פּאָר זיך די לעצטע, די סאַמע לעצטע לאַנדסלייט אין אַמעריקע... די לעצטע מאָהיקאַנער שליסן אָפּ אַ רייך קאַפּיטל פון לאַנדסלייט, לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע.

איך טראַכט: עס איז זייער טרויעריק. דערווייל זע איך ווי אַ דאַמע שטייט איינזאַם ביי אַ שכנותדיק קבר. זי ווישט זיך מיט אַ זיידענע טיכעלע אירע פּינקלענדיקע בלויע אויגן. דאָס וויינט זי אודאי אויפן קבר פון איר מוטער. נאָר די זון שפּילט זיך מיט דער שיינער, אין טרויער־וואָאַל איינגעהילטער פרוי... די זון לאָזט נישט צו שטאַרק וויינען אַ אידישע טאָכטער.

קאַלט איז דער גראַניט פון דער מצבה. עס בליען די בלומען אויפן קבר. אַ בין פליט דורך אַזוי ווי אַ גאָלדן וועזן און שטעלט זיך אויף איינע פון די בלומען. די פרוי שטייט אומבאַוועגלעך. איך טראַכט: זי זעט אויס אַזוי ווי אַ בראָנדזענע סטאַטוע אין דער זון. זי איז אַזוי ווי פאַרגליווערט געוואָרן אויף איר מוטערס קבר. זי איז פאַרשטיינערט געוואָרן פון שמערץ.

דער סעקרעטאַר רעדט נאָך אַלץ אַז מען באַדאַרף זיך האַלטן צוזאַמען. ווייל עס שטייען איצט גרויסע, געמיינזאַמע אויפגאַבן פאַרן פאָלק. די זון שפּילט זיך מיט דער ליידיקער פלאַש פון שנאַפּס. אַ קליין, צאַרט פייגעלע, אַ וורובעל, פּיקט צווישן גראָז, זוכט די גאָלדענע שטיקלעך לעקעך...

די דרשה איז געענדיקט. צווישן דעם עולם דערקען איך דעם פּראָפעסיאָנעלן אל מלא רחמים־מאַכער. ער האָט אַ רויטן קאַרק ווי פייער. צוויי באַקן אַזוי ווי קופּער. דער שוואַרצער צילינדער שטעקט פעסט אויף זיין שווערן קאָפּ. די הענט זיינען ביי אים גרויסע, געשוואָלענע, פעטע הענט. ער האַלט זיי אומבאַהאָלפענע ביי די זייטן. צו וואָס באַדאַרף ער די דאָזיקע שווערע, אייזערנע הענט?

מיין ברודער וואָליע פירט אים צו צו אונזערע עלטערנס קברים. דער אל מלא רחמים, וואָס ער האָט שוין דאָ, אויפן בית עולם, אָפּגעזאָגט אפשר אַ טויזנט מאָל, גייט ביי אים זייער שנעל, אָן דער מכלומרשטער פייערלעכקייט, אָן רעליגיעזן פּאַטאָס. ווען ער דערמאָנט איינענע טאַטע־מאַמעס נעמען, טוט מען אַ ציטער. אָט פאַרן דערמאָנען אַ טאַטנס, אַ מאַמעס געהייליקטן נאָמען, שטופּט מען אים אַריין דאָס גרינע באַנקנאָטל אין יד אַריין. מען

באַנוצט זיך מיט אַט דעם אומעטיקן איד... אָבער ער איז אומהיימלעך... מען געדענקט אים וואָיל פון דער לויה פון אַ נאָענטן... אויך ביי מיין מוטערס לויה איז ער דאָ געשטאַנען. זיין רויט פּנים איז מיר אַריין אין זכרון. כ׳האָב אים ערגעץ וואו געזען... אפשר אין דער אויפפירונג פון „האַמלעט"... אין דער גרופּע פון די באַגרעבערס... וואָס גראָבן אויף אַ ברוינעם שאַרבן פון דער ליימיקער ערד..

דער דאָזיקער איד איז מיר טרויעריק באַקאַנט, מיט זיין מעכטיקן, בעל עגלהדיקן גוף און געהאַמערטן פּנים. אויך די אַנדערע קאָלעגן זיינע מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק. עפּעס אַזוי ווי די נביאים וואַנדערן זיי אַרום צווישן די קברים. אַזוי ווי פּאַרצייטישע געשטאַלטן, אידן פון אַלטע צייטן, פון תנ״ך נאָך. אין קיין מוזעאום וועלן זיי נישט אַריינגייען. דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע באַשאַפט נישט מער אַזעלכע פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלטן, מיט זייערע טראַכטן, מיט זייערע קופּער־פלאַמיקע בערד, מיט דעם נביאישן אומרו. דערמאָנען זיי אין פּאַרצייטישע אידן. זיי דערמאָנען אין מענדעלעס און אין שלום עליכמס אידן. מיר דאַכט אַז זיי קומען אַרויס פון די קברים דאָ, פון די ערשטע אידישע אימיגראַנטן אין נייגנצענטן יאָרהונדערט...

מיין שוועסטער מירעלע האָט זיך צעשמועסט מיט עפּעס אַ לאַנדסמאַן. דערציילט ער פון זיינס אַן עלטערפעטער, אונזערס אַ וויטער קרוב, ר׳ פנחסל. ר׳ פנחסל האָט זיך אַליין דאָ ערגעץ אויסגעגראָבן אַ קבר און האָט עס פאַרדעקט מיט ברעטער. ער האָט אַליין פאַר זיך באַשטעלט אַ מצבה. ער האָט אין פאָראויס באַצאָלט דעם אל מלא רחמים־מאַכער, אַז ער זאָל זאָגן אַ גאַנץ יאָר קדיש אין שול. און ער אַליין האָט דערנאָך נאָך געלעבט גאַנצע צען יאָר.

איך געדענק ר׳ פנחסל נאָך פון שטעטל. דאָס איז געווען אַ פרומער, פריילעכער איד, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט אַ כוסה און אויף אַ אידישער חתונה פלעגט ער טאַנצן אַ מצוה־טענצל מיט אַ סך פייער. ר׳ פנחסל האָט געהאַט אַ פעך־שוואַרצע, אסירישע באָרד, ווי האָלאָפערנעס אין טעאַטער. ער האָט געטראָגן אין אידישע הייזער פרייד און ליכטיקייט. ער איז געווען אַ פעסטע געשטאַלט. אַרויסגעוואָקסן אַזוי ווי אַ דעמב אין דעם געדיכטן וואַלד פון אידישן לעבן. און נאָר אַזאַ גאַנצער איד האָט געקענט ביזן לעצטן טאָג לעבן ווי אַ איד פון אַלטן דור, קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטן אין אַלע זיינע טעג.

ווען איך בין אָנגעקומען אינם זוניקן און הערבסטיקן טאָג אויפן בית עולם, ערב די ימים־נוראים, בין איך צוגעגאַנגען צו די קברים פון מיינע טייערע טאַטע־מאַמע. איך בין געוועזן טיף גערירט, ווען איך בין צוגעקומען צו זייערע קברים. דאָס טאָפּעלע קבר איז געווען פאַרוואָקסן מיט גראָז. מיט ווילדע פלאַנצן, מיט בלומען וואָס וואַקסן סיי זומער, סיי ווינטער. דעם טאַטנס בערגל ערד איז געווען טיפער אַריינגעזונקען ווי דער מאַמעס. וואָרים מיין טאַטע איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר פריער. מיין עלטסטער ברודער וואָליע האָט געזאָגט:

— איך האָב דערהאַלטן אַ „ביל" איך זאָל זיי באַצאָלן צוויי און צוואַנציק טאָלער אַ יאָר פאַרן צוגלייכן די ערד. פאַרן פאַרשענערן די קברים. איך האָב נישט קיין געלט... און זיי, (מיינענדיק אונזערע טאַטע־מאַמע), איז סיי־ווי־סיי נישט קיין אונטערשייד צי די קברים זייערע זיינען שיין און אַרומגעפוצט...

— עס שאַדט נישט, וואַליע. דער מאַמען אַרט עס נישט... אפשר אַרט עס דעם טאַטן... דער טאַטע האָט דאָך ליב געהאַט שיינקייט... אָבער דער מאַמען גייט עס נעבעך ווייניק אָן. ווי אַזוי זי ליגט נעבעך, ליגט זי... — אַזוי רעדט מיין שוועסטער מירעלע.

דער מענטש קען נישט מסכים זיין צו זען זיינע טייערע קרובים ליגן אין דר'ערד, בפרט אַ טאַטן, אַ מאַמען, פון וועמענס בלוט און פלייש מען איז אַליין אַרויסגעוואַקסן צו דער וועלט. דער מענטש טראַכט דאָך וועגן די טויטע אין טערמינען פון לעבעדיקע. ער טראַכט: ווי פינצטער איז דאָס וואָס זיי קענען מער די וועלט נישט אָנקוקן מיט זייערע לעבעדיקע אויגן. וואָס זיי קענען נישט אָטעמען די ריינע לופט. וואָס זיי קענען נישט אַרויס־גיין, לאָמיר זאָגן, אין פאַרנאַכט אויף אַ שפּאַציר. זיי קענען זייערע גלידער נישט אָפּוואַשן מיט וואַרעמע וואַסער און מיט זייף. זיי איז נעבעך ענג און פינצטער אין די וואַרמדיקע קברים. די ווערים עסן זיי אויף. אוי, ווי קענען זיי ליגן וואָכן לאַנג, חדשים לאַנג, יאָרן לאַנג, אין דער פינצטערער ערד? עס באַפאַלט מיך אַ גרויס געוויין ווען איך שטיי דאָ ביי דער ערד פון טאַטע־מאַמע...

ווערים, צי שטיין נעבן דער ערד, וואו דער קעניגלעכער טאַטע, וואָס האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט שיינקייט אין לעבן, ליגט און פוילט, איז שרעקלעך. אַ פּאָעטער, וואָס האָט אין זיין לאַנגן לעבן אַזוי ביטער געליטן, וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל אַמביציעס און וואָס איז געבליבן לעבן אין דיר יעדער טאָג, יעדער שעה; דער טאַטע ווערט אַלץ קלאָרער פאַר דיר אין פאַרלויף פון דיין אייגן לעבן. דו דערקענסט דעם טאַטן אין דיינע אַמבי־ציעס, דראַנגען, האָפנונגען, דערפאַרונגען, און אַנטוישונגען. דאָס וואָס דו האָסט יונגערהייט נישט פאַרשטאַנען אין דעם כאַראַקטער פון דיין טאַטן, ווערט דיר ביסלעכווייז קלאָרער און פאַרשטענדיקער אין לעבן, ווען דו אַליין דערקענסט דיך און דו קומסט אויף די זעלבע שטרויכלונגען און הינדערנישן. ווען דו אַליין טרעפסט אָן אויף דיזעלבע שוועריקייטן. ווען דיר גייען אַנטקעגן דיזעלבע געפאַרן און פּראָבלעמען פון לעבן, ווען דו אַליין ווערסט רייף, ווערסט מיטליאַריק, ווערסט אַלט. דעמאָלט דערזעסטו אין דיר אַליין דעם טאַטנס געשטאַלט. דו האַנדלסט אַזוי ווי ער, דיינע רעאַקציעס צום לעבן זיינען ענלעכע צו דיין טאַטנס. דיר ווערט קלאָרער פאַרוואָס ער איז געווען טרויעריק אַמאָל און פאַרוואָס בייז. פאַרוואָס ער האָט אין אַזאַ מאָמענט אַזוי צאַרנדיק געהאַנדלט און אין אַנדערן מאָמענט — אַנדערש. פון דיר אַליין גייט אַרויס דער טאַטע און דו דערזעסט אים קלאָר און מאָ־נומענטאַל אין זיין גאַנצער גרויס. דער דאַזיקער מאַן, וואָס וואַקסט אויס אין דיינע אויגן צו אַ מאַרטירער־געשטאַלט, וואָס האָט זיך פאַר דיר געשלאָגן מיט זיין גאַנצן כח, וואָס האָט פאַר דיין עקזיסטענץ געקעמפט און געפאָכטן מיט די בייזע כוחות פון דער וועלט; דער דאַזיקער מאַן, דיין טאַטע, ליגט דאָ אין דער ערד, טיף אוועקגעוואָרפן, צו דיינע פיס, און דו שטייסט הילפ־לאָז און אָפּהענטיק נעבן זיין קבר...

און די מאַמע, זי פלעגט פאַסטן דעם טאָג, וואָס זי פלעגט אַרויספאָרן צום טאַטנס קבר. און ווען זי פלעגט דאָ קומען, פלעגט זי רעדן צום טאַטן, אין דר'ערד אַריין, לאַנגע שעהן, און אים בעטן זיך צו מיען פאַר אַלעמען, פאַר אַלע קינדער, פאַר דער גאַנצער משפחה.

דאָס לעצטע מאָל, ווען זי איז דאָ געקומען, איז זי אַ מידע געפאַלן אויף דעם טאַטנס קבר, איבער איר אייגענער רויער קרקע. איך האָב דע־מאָלט געפילט אַז זי איז אַ לעבעדיקע דאָס לעצטע מאָל דאָ געקומען אַהער ...

דאָ ליגט דאָס פלייש, דער גוף פון דער מאַמען. עס איז אַ געדאַנק וואָס מאַכט דיך צו שוידערן און אָפּצופרעגן די גאַנצע אָרדנונג פון דער וועלט. דו קענסט נישט איינשטימען מיט דעם גאַנג פון לעבן, אַז די יעניקע וואָס האָבן זיך פאַר דיר מקריב געווען, זאָלן באַלוינט ווערן מיטן טויט און מיטן פינצטערן פוילן אין דר׳ערד.

איך דערמאָן זיך ווי איך האָב איינמאָל געפרעגט מיין מאַמען, וועלכע איז געווען אַ טיף־רעליגיעזע פרוי, זי האָט זיך ממש אינטים געקענט מיט גאָט:

— מאַמע, אויב דו ביסט אַזוי זיכער אין עולם הבא, אינם גן־עדן, טאָ פאַרוואָס האָסטו מורא פאַרן טויט?

די אַלטע מאַמע האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט און זי האָט געזאָגט:

— טייער קינד, איז עפּעס גוט אַז מען לעגט דעם גוף אין דר׳ערד אַריין ...

דער ברוטאַלער רעאַליזם פון לעגן אַ מענטש אין דער פינצטערער ערד איז געווען שטאַרקער ווי איר טיפער גלויבן אין גאָט ...

מיין שוועגערין, זעענדיק אַזוי פיל קברים, האָט מורא געקריגן צו שטיין אויף אירע שוואַכע פיס ... ביים ברעג פון אַ קבר האָט זי זיך צוגעזעצט. איך האָף אַז עס וועט דעם חשובן מת נישט פאַרדריסן די דאָזיקע פרעכע האַנדלונג. און, אפשר, אויב עס איז אַ מאַן, וועט ער גאָר דאַנקבאַר זיין וואָס אַ לעבעדיקע פרוי זעצט זיך אויף אַ ווײַלע אַוועק אויף זיין קבר ...

מיין שוואָגער עוזר רעדט די גאַנצע צייט שטיקער פאָלקלאָר. ער דערציילט מעשהלעך:

— ווען מען האָט אין לובלין געבראַכט צו קבורה דעם „אייזערנעם קאָפּ״, האָט מען נישט געוואוסט זיך אמתן נאָמען ... מען האָט אַרויפגע־שטעלט אַ שטיין אויף זיין קבר. איז בייַנאַכט אויפן שטיין אַרויסגעקומען זיין נאָמען אין קלאָרע אותיות ...

דער טאָג איז גרויס און שיין. שוין לאַנג האָב איך נישט געזען זיך אַוועקשטעלן איבער דער וועלט אַזאַ גרויסן, הערלעכן טאָג. דער הימל איז געווען גרויסאַרטיק, בלוי געמאָלן — דאָס פּנים פון גאָט. די לופט איז געווען דורכזיכטיק און שטראַלנדיק. דאָס גראָז און די בלומען האָבן געלויכטן. נאָר דער מענטש איז טרויעריק. דער מענטש ווייסט פון זיין ערדישן סוף. ער קוקט אויף די טויטע — און ער לייענט דעם גזר פון אַלע לעבעדיקע. דער שטערבלעכער מענטש פאַרוואַנדלט דעם גאַנצן אוניווערס אין אַ טראַ־גישע געהיימניש. די גאַנצע נאַטור ווערט פאַרגאַסן פון דעם מענטשנס טרערן. מענטש טראָגט אַן אומענדלעכן טרויער אין האַרצן. ער פאַרבט אָפּ אין טרויער די גאַנצע וועלט.

קליינע הייזער שטייען נעבן בית עולם.דערנעבן וואוינט אַ מצבה־קריצער. בלינדע, שטומע שטיקער שטיין וואַרטן אויף די אותיות. אויף די הייליקע נעמען פון פאָלק ... דאָ וואוינט אַ מאַן וואָס פלאַנצט בלומען ...

די בלומען וואַקסן אין דער ערד מיטן מענטשלעכן טרויער אין זייערע צאַרטע, זײדענע פּנימער . . .

דאָ שפּילן זיך קינדער. קינדער — מענטשלעכע בלומען פון פרייד. בלומען אויף ליימיקע קברים. די זון פאַרגייט און מיין שוואַגער רעזאָנירט טרויעריק:

— די שטאָט וועט אין אַ צייט אַרום וועלן אויסבויען אַ סאָבוויי־טונעל, אָדער וועט וועלן אויפבויען אַ געביידע פאַר אַ שולע, צי אַ פאַבריק פון געווער, וועט מען מוזן פאַרניכטן דאָס בית עולם . . . מען וועט אַרויסנעמען די ביינער פון דר׳ערד, מען וועט זיי איבערפירן אויף אַן אַנדערן בית עולם און מען וועט מאַכן איין גרויסן מאַסנקבר . . . די אַלע אידילישע קברים וועלן פאַר־שוואונדן ווערן . . .

— סיי ווי, ווען מיר וועלן מער נישט זיין, ווער וועט גיין באַזוכן טאַטע־מאַמע? עס זיינען דאָך די לעבעדיקע קינדער, די קרובים, וואָס גיבן לעבן און באַוועגונג צום טויטן בית עולם . . . אָן אונז, וועלן דאָך די קברים ווערן פאַרלאָזן . . . קיינער וועט זיי דאָ נישט קומען באַזוכן אַמאָל אין אַן ערב יום־טוב . . . כדי צו בעטן ביי די טויטע, אַז זיי זאָלן זיך מיען פאַר די לעבעדיקע . . .

יאָ, דאָס אידישע לעבן ווערט איינגעשרומפּן. וועט אַן איניקל, וואָס רעדט ענגליש, דאָ קומען אַמאָל צו באַזוכן זיינע זיידע און באָבע? דאָ וואו עס איז נישטאָ קיין געמיינזאַמע שפּראַך, קיין געמיינזאַמע קולטור, איז נישטאָ קיין שום פאַרבינדונג צווישן די דורות . . .

די לאַנדסלייט פון מאַדושיץ גייען אַהיים, זיי מישן זיך אויס מיטן גרויסן עולם ביים שטיינערנעם טויער. אויך די אידן וואָס מאַכן אַן אל מלא רחמים, זאָגן קדיש, זיי פאָלגן נאָך, מיט זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס, גרויסע בערד און ביבלישע שטעקנס. אַ פרוי ווישט זיך די נאַסע אויגן מיט אַ ווייס טיכעלע . . . די זון פאַרגייט און זי מאַכט טרויעריק דעם גאַנצן הימל . . .

קרוינונג אין נאַלענצאָף

פּאַרנאַכט פלעגט מיין פאָטער מיך נעמעןביים הענטל און מיר פלעגן גיין שפּאַצירן אין נאַלענצאָף. די זון פלעגט פייערדיק אונטערגיין. זי פלעגט וואַרפן שטיקער רויטע זייד איבער די געסלעך. מיר פלעגן גיין ווי אין אַ פאַרכישופטן לאַנד. די גאַסן פון נאַלענצאָף, זיי געדענק איך גוט. אָבער נאָך גאַנצער געבליבן איז אין מיין זכרון דער פּאַרק. אַ טיף־גרינער, פאַנטאַסטישער פּאַרק, רייך אין פּאַלאַצן, אַלטאַנעס, מאָנומענטן, סטאַוון און שוואַנען. צוליב דער מלחמה איז איצט אַלץ געוועזן פאַרלאָזן. טרויעריקע שטילקייט איז געגאַנגען פון די איינזאַמע פּאַלאַצן. טרויער איז געגאַנגען פון אַלע פּאָעטישע לאַנדשאַפטן. מען פלעגט אָנווייזן אויף סאַזשעלקעס פון אייזן. איך האָב טיף אַריינגעקוקט אין די סאַזשעלקעס, אין זייערע שוואַרצע אָפּגרונטן און איך האָב געפילט ווי אַלץ אין זיי וויאַנעט, זשאַווערט. דאָס אייזן אין די טייכן זשאַווערט פלאַמענדיק...

איך האָב געזען שוואַנען. די פּאַסיווע, קילע, איינזאַמע שוואַנען, מיט שטאָלצע קעפּ אויף די לאַנגע העלדזער. זיי האָבן שטאָלצע, ווי די קעניגינס, אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די קילע, גלאַטע וואַסערן. שוואַנען, די געליבטע פון דער בלאַסער לעדא. די רואיקע, פלעגמאַטישע, שטילע שוואַנען. וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַנטאַסטיש באַשעפעניש? — האָב איך געפרעגט אין מיין קינדישן שטוינען און באַוואונדערונג. די שוואַנען פלעגן זיך אַזוי ווי גאַרנישט באַוועגן. פונדעסטוועגן זיינען זיי געווען אין יעדן ווינקל. ביי יעדן ברעג. שטילער חלום האָט פון זיי אַרויסגעהויכט. דער פלוש פון פּאַרנאַכט פלעגט איינציען אַלע וואַסערן. נאָר איינזאַם שווימען אין טייך די שוואַנען, ווי ווייסע אינדזלען פון שניי. עס זיינען אַוועק די שיינע, טרויעריקע פרויען פון נאַלענצאָף, די פּרעכטיקע געסט פון וואַרשע. עס זיינען אַוועק די אַלע קראַנקע מענטשן, וואָס פלעגן פאַר דער מלחמה דאָ קומען און פאַרווילן. ס׳האָט דאָ געטומלט מיט אַלערליי ראָמאַנטיקער, באָהעמען, קינסטלער־רישע נאַטורן, בעל־החלומות. ס׳האָבן דאָ געוווילט פּוילישע שריפט־שטעלער און פּאָעטן. צווישן זיי דער פּוילישער שרייבער זשעראָמסקי, וואָס האָט דאָ יאָרנלאַנג געוואוינט. זשעראָמסקי האָט דאָ צוגעזען דאָס שטאַרבן פון זיין יונגן זון. זיין קבר האָט ער טאָג און נאַכט געזען פאַר זיינע אויגן. ס׳האָט דאָ אויך געוואוינט דער באַרימטער מחבר פון די „פּויערן״, װלאַדיסלאַוו סטאַניסלאַוו ריימאָנט. ס׳האָבן פּוילישע מאָ־לערס נישט אָפּגעטראָטן פון דעם פאַרכישופטן שטעטל נאַלענצאָף. עס האָט דאָ די נאַטור רייך געפלייצט מיט פאַרבן. דער קינסטלער האָט נאָר באַדאַרפט זייך באַשאַנקען פון גאָט מיט טאַלאַנט. ס׳האָט זיין פּענדזל רייך געשטראָמט מיט הייסער פאַרב, מיט שטיקער געטלעכער ערדיש־קייט, מיט ווילד־לאַנדשאַפט און מיט רוי־פּייזאַזש. פון אַלע ווינקלען איז געגאַנגען פּאָעזיע און פאַרב. עס איז יעדער בוים געווען אַ גי־גאַנטישע בלום. דער טאָג איז אָפּגערונען מיט טויזנט פעסער פאַרב. צווישן די ביימער זעען זיך בלאַסע, גראַציעזע פרויען, אַזוי ווי די ווייסע, שטילע שוואַנען.

איך בין דעמאָלט געווען זייער יונג, צאַרט, פּאַטיש און שרעקעוו־דיק. די נאַטור האָט מיך אי געגלעט, אי געשראָקן. דער פּאַרק איז געווען אין אַ פאַרלאָזענעם צושטאַנד. די פֿאָנטאַנען האָבן אָן אויפהער, טאָג און נאַכט, געשפּריצט. קיין איינציקער מענטש פלעגט זיך נישט באַווייזן אין דעם גרויסן, לעגענדאַרן, פאַנטאַסטישן פּאַרק. אַלץ איז געווען אַזוי ווי פאַרזונקען אין אַ טיפן שלומער. אין אַן אייביק פאַר־גליווערטן חלום. איך און מיינע צוויי שוועסטער, מיט אונזערע צאַרטע טריט, מיר זיינען געקומען וועקן דעם גרויסן, דעם טיפן שלאָף פונם געוואַלטיקן פּאַרק. גאַנצע לאַנדשאַפטן זיינען געבליבן שטיין אין מיין זכרון פאַנטאַסטישע און פאַרגליווערטע. אין קאָלירן פון גאָלד און פון בראָנדז. עס זיינען דאָ געווען אויסגעשטעלט זייער פיל סטאַטועז, גרי־כישע געטינס אין וואונדערלעכע פאָרמען וואָס האָבן דעם קליינעם אינגל געררייצט מיט זייערע נאַקעטע גופים. קריסטלעכע דענקמעלער, פון דער „הייליקער יונגפרוי", אין שטילן, אין מענטשלעכן טרויער. ס'האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט פאַר מיר די אידעאַלע שיינקייט פון פרויען, אין מאַרמאָר, אין בראָנדז, אין קילן קיזלשטיין. גאָלדיק־געפאַרבטע סטאַטועז, פון מיטלאַלטער, פון רענעסאַנס. עס איז געגאַנגען זינד און רייץ פון די גריכן. ס'האָט געלויכטן מיט הייליקייט און מיט אומעט פון די שטיינערנע בתולות. שיינקייט און רעליגיעזע התלהבות האָבן דאָ טריאומפירט. אין די זוניקע באַגינענס האָב איך זיך צאַרט אַריינ־גענומען די גריכישע קונסט פון שיינקייט און פון פאָלקאָמענער פאָרם און דאָס רעליגיעזע געפיל פון הייליקע, פון עקסטאַטיקער און פון נזירים. ס'האָט געוויינט אין די מאַרמאָרנע אָרעמס פון זיין ווירגיני־שער מוטער דאָס קינד, וואָס זעט אויס שוין אין זיין קינדהייט אַן אַלטער, קראַנקער איד...

די לאַנדשאַפטן פון בלומען זיינען מיר געבליבן אין זכרון. פאַר־כישופטע לאַנדשאַפטן. חלומות רייך־געמאָלטע פון פאַרבנטריפנדיקע פענדזלען. אַפילו דער גאָט פון חלום איז נישט אַזוי עקסטראַוואַגאַנט אין לאַנדשאַפטן פון בלומען. און קיינער, קיינער געניסט נישט די שפע פון שיינקייט. אַלע זיינען זיך צעפאָרן אין שרעק פאַר דער מלחמה. אַ טרויעריקער, אַ נעפלדיקער שלייער הילט איין דעם פּאַרק. אַ זשאַ־לאַבנער וואָאַל הילט איין די קינסטלערישע לאַנדשאַפטן, דורך מענטשנ־הענט געפאָרעמטע און דורך מענטשנמוחות פאַרטראַכטער נאַטור. הילט אַלץ איין אין אַ טיפן, אין אַן אומערדישן טרויער. עס ווייעט מיטן אומעט פון קינסטלער און פון ראָמאַנטיקער. עס ווייעט מיט דעם לי־רישן טרויער פון אומשטערבלעכע ליבעס און ראָמאַנסן.

איך פלעג אָפט גיין מיט מיין מוטער שפּאַצירן. מיר פלעגן נישט זעלטן פאַרבלאָנדזשעט ווערן. די טרוקענע האַרבסט־בלעטער אונטער אונזערע טריט שרייען פון שמערץ. די שרעק פאַראַליזירט אונז ממש. די שיינקייט שפּרייט זיך פאַר אונז אויס מיט אַ מוראדיקער פראַכט. איך זע ממש ווי די נאַכט פרעסט אויף דעם טאָג ביים שיינעם, גאָל־דענעם קאָפּ. אירע שוואַרצע ציין, ווי די שטיינערנע ציין פון אַ גאַר־גאָילע, בייסן זיך איין אין דעם טאָגס בלאַסע שלייפן. איך זע ווי די שוואַרצע הענט פון דער נאַכט ברעכן אָפּ דעם טאָגס הערלעכע גאָלדענע

דענקמעלער. איך ריר אָן גאָטס אינטימע טעטיקייטן. איך ווער וואונ־
דערלעך געוואויר פון גאָטס לעבן און פון זיין אַרבעטן. איך געפין
זיך אין האַרצן פון גאָטס געהיימער לאַבאָראַטאָריע. דאָ ווערן באַ־
שטימט און פאַרשוואוירן דער נאַטורס מיליאָנען שיקזאַלן. עס ווערט
דאָ געמאַכט און פאַרטראַכט און פלאַנירט דאָס לעבן פון יעדער בוים
און גרעזל. איך שטיי ממש אין מיטן פון אַן אומגעהייערער, קאָסמישער
פאַבריק. איך זע ווי גאָט שלאָגט זיך פיזיש מיט די שדים. ווי דער
טייוול שטעלט אונטער זיינע מעכטיקע פיס. און אַלץ גייט אַריין אין
מיר מיט פלאַמען פייער. עס רייסט אויף אין מיר דעם פּאָעט, וואָס
שלאָפט אין מיר אַזוי ווי אַ מאַסיווע בראָנדזענע סטאַטוע פון אַ גאָט.
געטלעכע הענט פון שיינקייט און באַשאַפונג רירן אָן די סטאַטוע
אין מיר און אירע בראָנדזענע אברים שמעלצן ווי שניי. דער פּאָעט
אין מיר ווערט געוועקט מיט אַ ריזיקן, מיט אַ גיגאַנטישן גלאָק. די
נאַטור איז אַ געוואָלטיקער טעמפּל. מען פירט מיך אַריין ווי אַ חתן,
אין האַרצן פונם טעמפּל. מען פירט מיך אַרויף, דעם שרעקעוודיקן
חתן, וואָס די מאַמע האָלט דערוויל פעסט ביי דער האַנט, אויפן מיטן
באַלעמער. מען רעדט אין מיר אַריין דאָס מוזיקאַלישע רוישן פון אַ
מיליאָן ביימער. מען שמועסט אין מיר אַריין אַ מיליאָן גראָזנס רוישן
נאָך אַ פּערפיומיקן רעגן־פאַל. מען נאַכטיגאַלט אין מיר אַריין טויזנט
נאַכטיגאַלישע ליבע־מעלאָדיעס. מען פיבערט אין מיר אַריין דעם
כישוף פון שדים, שדכנים און בדחנים. עס גיסט עמעץ אָן אַ זייער
גרויסן באָקאַל מיט וויין און מיט מעד און מיט שאַמפּאַניער און גיסט
אין מיין האַלדז אַריין צום טויטלעכן שיכור ווערן. מען טאַנצט אַרום
מיר פאַרכישופטע, ווילדע טענץ. מען וויל מיך מיט געוואַלט, מיט
גאָטס שטרענגען באַפעל, מאַכן און זאַלבן פאַר אַ פּאָעט. דאָס קליינע
אינגל, דער שטומער, דערשראָקענער חתן, ווערט געקרוינט מיט עפּעס
אַ ריזיקע, אַ גיגאַנטישע קרוין. מיין קאָפּ קען קוים אויסהאַלטן די
שרעקלעכע לאַסט פון דער קרוין. דאָס איז, זאָגט מען מיר, דוד המלכס
קרוין. די קרוין פון דעם דיכטער וואָס האָט מיט בלוט און טרערן גע־
שריבן דעם תהלים. מיין מאַמע שטייט גליקלעך און דערשראָקן, זיך
צוקוקנדיק צו דער צערעמאָניע פון מיך מאַכן פאַר אַ פּאָעט. מיך האָבן
דעמאָלט די משוגענע טייכן באַריירט דאָס האַרץ. עס זיינען פון די מאַ־
סיווע, שטיינערנע פיעדעסטאַלן אַראָפּגעגאַנגען די גריכישע געטינס,
די רענעסאַנס־זוניקע פרויען. און זיי האָבן מיך אַלע געקושט נישט
מיט שטיינערנע — נאָר מיט פלאַם־ברענענדיקע ליפּן. זייער ליבע איז
מיר אַריין אין בלוט. זייער פאָרם איז געבליבן שטעקן אין מיין זכרון.
איך בין זייער אייביק פאַרליבטער פּאָעט־חתן. — — —
די אַלטע פרוי, מיין מוטער, זאָגט קאַפּיטלעך תהלים. זי מורמלט
שטיקלעך תפילות. זי פירט מיך געטריי און מוטערלעך ביי דער האַנט.
נאָר דורך איר האַנט רינט אַריבער איר שרעק אין מיינע אָדערן. איך
געדענק גוט די דאָזיקע שרעקעוודיקע אָדיסייעס מיט מיין מוטער
אין טיפע סעדער, דורך וועלדער מיט לעבעדיקע פרוכט־בוימער. עס
שפּאַרט דער ריח פון געברענטע פלוימען. דער טוי פון די עפּל אויף
די בוימער רינט אַראָפּ אַזוי ווי זילבער, טריפט אַראָפּ אַזוי ווי בליי.

די זון רייסט זיך דורך אַ פלאַם־פאַרבלוטיקטע דורך די שטעכעדיקע צווייגן, שמירט אָפּ מיט פלאַם־פענדזלען די לענגלעך־ראַפינירטע באַר־נעס, די געדיכטקייט פון די בוימער, שווער באַלאָדענע מיט רייפע פירות, שוואַנגער מיט גאָטס רייפער און מעכטיקער שפע. אָנגעלאָדן מיט גאָטס מיליאָנען שיפן מיט קונסט און מיט פאַרמען.

איך געדענק אויך מיינע שפּאַצירן מיט מיין עלטערן ברודער שלמה. דאָ דערקען איך שוין דאָס שלעכטס פון מענטש אַנטקעגן מענטש. עס באַפאַלן אונז אָפּט די שקצים פון נאַלענצאָף. זיי וואַרפן אויף אונז רויע קיזלשטיינער. די נאַטור איז אַזוי שיין און אַזוי פריינט־לעך צום מענטש. די נאַטור בעט זיך מיט אַ מיליאָן רייצנדיקע ליפּן: געניס אונז! פאַרוואָס אָבער זאָל דער מענטש זיין אַזוי שלעכט?

אַוודאי פיל איך זיך צום זיכערסטן אויף די שפּאַצירן מיט מיין פאָטער. ער גייט אַ שטילער, אַ געמיטלעכער איבערן פאַנטאַסטישן שטעטל. ווען די זון פאַרגייט און זי צינדט אָן אַ קאָסמישע שריפה, שפּאַרט טיפע מעלאַנכאָליע פון מיין פאָטערס בלויע אויגן. די מע־לאַנכאָליע אין מיר האָב איך געירשנט פון מיין טאַטן. פון זיין נשמה גייט טיפער אומעט. ער באַנעמט דעם אומזין פון מלחמה. דעם טרויער פון מענטשלעכן חורבן. ער זעט ווי אַזוי די נאַטור ליגט אַ באַליידיקטע, אַ צעטראָטענע פון מענטש.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די שפּאַצירן מיט מיינע שוועס־טער. אין די פאַרלאָזענע, איינזאַמע פאַרקן. מיינע יינגע, בלאַסע שוועסטער מישן זיך אויס מיט די אַראָפּגעגאַנגענע געטינס פון די פיע־דעסטאַלן. געטינס בלאַסע, דינע, איידעלע, וואָס בענקען נאָך וואַרע־מער, מענטשלעכער געזעלשאַפט. די געטינס גייען זיך אַ ביסל איבער אינעם גרויסן, אומענדלעכן פאַרק, וואו דער מחבר פון „ערב־פרילינג", זשעראָמסקי, זיצט ביים קבר פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענעם זון...

יאָ, נאַלענצאָף איז געווען די שולע אין מיין קינדהייט, וואו איך האָב זיך געזעטיקט מיט די ערשטע אונדרוקן פון דער נאַטור. וואו איך האָב ביז צום דנאָ רייך געטרונקען דעם גאָלדענעם, פלאַמיקן האָ־ניק פון פּאָעזיע. וואו איך בין מיט געוואַלט, אַזוי ווי אַ נביא, אַריינ־געצוואונגען געוואָרן אין דעם צעך פון פּאָעזיע. וואו איך בין צעשטאָכן געוואָרן פון די טויזנט פענעס וואָס די נאַטור האָט מיר וואונדיק אויס־געשטרעקט צום האַרצן, ווי אין בלוטיקן דועל, און האָט געשריגן: נאָ, שרייב, פאַרשרייב, דו נאַר, פאַרצייכן, דו שיע נאַר!

ווען איך האָב יאָרן שפּעטער געלייענט סלאָוואַצקיס פּאָעמע „אין שווייצאַריע", האָב איך דערקענט פּוילנס לאַנדשאַפטן, דורך דעם אַלטן פאַרק אין נאַלענצאָף, אַזוי ווי די ערשטע שטראַלנדיקע פרוי וואָס האָט מיך פאַרליבט געקושט, וואָס האָט מיך אין ליידנשאַפטס־פייער געדריקט צו אירע בערגלעך־בריסטן און טאָלן, צו אירע שטילע, שוואַרצע טייכן און וועלדער און פאַנטאַנען... איך האָב, לייענענדיק די דאָזיקע גרויס־אַרטיקע פּאָעמע, זיך דערמאָנט אין מיינע פאַרכישופטע שפּאַצירן, ווען דער געניוס פון דער נאַטור האָט דורך ווייבלעך־טראַגישער שיינקייט אין מיר אַריינגעקושט שטרענגע שיינקייטן, זין פאַר אָרדענונג, פאָרם, מאָס און סימעטריע. איך האָב זיך דערמאָנט יענע אָוונטן, ווען איינ־

מיטן מלחמה, אַנגסט און שרעק האָט די נאַטור געפונען צייט זיך מיט מיר אָפּצוגעבן, אין גרויס געדולד, אין דעם גרעסטן געדולד פון ליבע און צערטלעכקייט, מיך אַרומנעמענדיק מיט טויזנט צווייגן־אָרעמס, מיר אַנטפּלעקנדיק אַלע אירע וואונדער, מיט אַ סביבה וואָס איז געווען צו שיין צו זיין רעאַל, מיט דעם פייער־אָטעם פון פּערמאַנענטער שע־פערישקייט...

לעצטנס האָב איך געלייענט אַ פּרעכטיק בוך פון אַ מחבר, וואָס האָט באַשריבן נאַלענצאָף. דער דיכטער, נאָך יאָרן אָפּוועזנקייט, האָט פאַרבראַכט אין נאַלענצאָף. ער האָט באַשריבן די פאַנטאַסטן, די קרענקלעכע טיפן, די גראָטעסקע געשטאַלטן, די רייכע נאַטור וואָס באַ־דינט די שטאַרבנדיקע. די גאַנצע לאַנדשאַפט פון נאַלענצאָף איז ווי־דער פאַר מיר אויפגעגאַנגען, פונקט ווי איך וואָלט אַהין צוריקגעגאַנגען, און איך וואָלט ווידער געוואָרן דאָס קליינע אינגל. אָבער דאָס אינגל וואָס איז שוין געווען אויסגעוואַקסן, שוין געווען אַלט אַ יאָרטויזנט אַפילו, האָט שוין געהאַט דורכגעלעבט אַלע מענטשלעכע ליידן, פאַר־צווייפלונג, טרויער און שטאַרבן...

דאָס זעלטענע בוך האָט געמאַכט אַז איך זאָל צוריק צום קליינעם אינגל פאַרוואַנדלט ווערן, כדי ווידעראַמאָל אַ קוק צו טאָן אויף די הער־לעכע אימאַזשן... ווידעראַמאָל אַריינצוקוקן אין דער מאָדנער, גרויס־אַרטיקער שיינקייט פון נאַלענצאָף, וואָס האָט מיך געלערנט שרייבן מיט אַן אייזערנער פעדער אויף הימלישע טאָוולען... ווידעראַמאָל אַריינ־צוקוקן אין דער אינספּיראַציע פון מיין פריער קינדהייט, וואָס האָט דעצידירט מיין גאַנץ לעבן. וואָרעם עס איז געווען אין נאַלענצאָף וואו איך האָב מיט די בלויזע הענט צוגעטראָגן די ברענענדיקע פלאַם־קוילן צו די ליפּן און זיך אָפּגעבריט דאָס האַרץ און איך בין אויף אייביק צום פּאָעט צו זיין פאַרמשפּט געוואָרן...

נביא אין פעדערן

פאַרנאַכט בין איך געגאַנגען שפּאַצירן אין די היימישע לאַנג איילענדער געסלעך. עס איז געווען זונטיק פאַרנאַכט. פון די ביימלעך איז געגאַנגען שטילקייט. דאָרט וואו די באַן גייט אַדורך, בין איך לאַנג אַ פאַרטראַכטער געשטאַנען. כ׳האָב אַריינגענומען אין זיך די שטילקייט פון נאַטור. כ׳האָב באַטראַכט די גרינע לאָנקעס ביי די זייטן פונם טאָל, וואו ס׳איז געוואַקסן אַ וועלט מיט אַלערליי גרינע געוויקסן. כ׳האָב דורשטיק געזויגן די מנוחה פון הינטערשטאָטישע הייזער. כ׳בין געווען גליקלעך וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק ליב די גרויע איינזאַמקייט, גרוי ווי אָרעמע, פויערישע ליינוואַנט, און וואָס איך קוש איר בלייך פּנים און איך האַלט זיך אָן ביי איר טונקעלן קלייד. כ׳האָב זיך איינ־געהילט אין מיין געמיט און איך בין געגאַנגען פּאַוואָליע אויפן וועג פון די היילעקע, פון די שטילע, וואָס האָבן געגנוג געהאַט זייער אייגענע רייכע און גרויסע געזעלשאַפט פאַר זיך. וואָס האָבן נישט שטענדיק, אַזוי ווי עס טוען דאָס די מערסטע מענטשן, געזוכט אויסצופילן די צייט מיט די לעבנס און מיט די רייד פון אַנדערע לייט. וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין זיך אַליין און האָבן געשעפּט פון זיך די גאַנצע פרייד און דעם גאַנצן ווייטיק.

פּלוצלונג דערזע איך, גייענדיק אַזוי זיך בנעימותדיק, אַ געשעפּט פון פויגל. אין אַ שטייג שטייט אַ גרויסער פּאַפּוגייער און ער איז שטאַרק באַשעפטיקט מיטן לויזן זיך.

— נאַרישער פויגל! — האָב איך געטראַכט — דו ביסט דאָך אַזוי שיין. דו ביסט איינגעהילט אין מאַלעריי. קיין מאָלער קען קוים קאָנקורירן מיט דיין מאַלערישקייט. דיך האָט אַוודאי גאָט געמאָלן, ווען ער האָט זיך געפילט בגלופין. ווען ער האָט באַזעסן אַ ברעקל הומאָר, נאָך דער קאַלאָסאַלער אָנשטרענגונג פון שאַפן דאָס מעכטיקע ווערק פון זיינע הענט. נאָכדעם ווי גאָט האָט געמייסטערט די בערג און די טאָלן, די טייכן און די ימים, די געוואַלטיקע לאַנדשאַפטן פון די הימלען — האָט ער זיך אין אַ פאַרנאַכטיקן מאָמענט איינגעטונקען די הענט אין זון־אונטערגאַנג און ער האָט דיך געשאַפן, פיל־קאָלירטער, חנוודיקער פויגל. ער האָט זיך מיט דיר פּשוט געשפּילט און געצאַצ־קעט. און אַזוי האָט ער שוין אויך באַשאַפן די אַלע מינים שטראַלנדיקע, שפּילעוודיקע, רייצנדיקע פויגל, וואָס זיינען אַ פרייד צום אויג פונם פאַרטרויערטן מענטש. איז, שטיי־זשע רואיק, טייערער פויגל, ווענסטו דאָך אויסזען ווי אַ מאַיעסטעטיש געשטאַלט פון אַ קעניגלעכן פויגל. דו וועסט טראָגן, אין דיין רואיקער פּאָזע, קעניגלעכע לעגענדע אין דיינע געפאַרבטע פעדערן. מיט דיין סטאַטישער רואיקייט וועסטו דאָך דער־מאָנען אין דעם פּאַלאַץ פון אַ קעניגלעכן הערשער. קיין שום זאַך וועט דיר נישט טאָן אַזוי פיל גוטס ווי צו בלייבן שטיין רואיק און אומבאַוועגלעך. אָנצונעמען אַ מאָנומענטאַלע פּאָזע. צו ווערן פאַרפרוירן אין קאַלטער, איינזאַמער מאָנומענטאַליטעט.

אָבער נייִן. דער פּאָפּוגייער וויל נישט בלייבן שטיין רואיק. ער וויל זיך דווקא לויזן. דערביי איז ער אויך אומגעלומפּערט: מיט זיין ברייטן, שטאַרקן און ריזיקן פּיסק־שנאָבל זוכט ער אויס צווישן זיינע שטאָלצע, פאַרבנפּאַרגאַסענע פעדערן, די מיקראָסקאָפּישע חיהלעך. די חיהלעך, די לייז, וואָלטן באַדאַרפט זיין פּשוטע אידיאָטן זיך צו לאָזן פאַנגען פון אַ פויגל מיט אַזאַ ריזיקן שנאָבל.

אין אַ שכנותדיקן שטייגל שטייען גאַנצע צוועלף פייגעלעך. זיי קושן זיך מיט די דין־געשניצטע שנעבעלעך. עס איז צווישן זיי פאַראַן ליבע און באַטרוג. די שטאָלצע, רייך־געפאַרבטע „ערן" שלאָגן זיך העלדיש און דועלירן זיך בלוטיק איבער די קליינע, צאַרטע „זיען". איין קלייניטשקע „זי", אַ זייער גראַציעזע, מיט אירע דינע פּיסלעך און צאַרטע, עלאַסטישע פליגעלעך, זי ווערט כסדר געקושט פון איר גע־ליבטן. אָבער זי וויל דווקא זיך קושן מיט אַ צווייטן „ער". און בשעת זי האַלט אים אין איין קושן און צערטלען, בלייבט ער שטיין קאַלט און אומבאַוועגלעך. ער קערט זיך ענדלעך אָפּ פון איר מיט טיפער פאַראַכטונג. פּלוצלונג נעמט ער זיך גאָר קושן אַן אַנדערע, שטילערע, זיסערע „זי". די ערשטע געליבטע, וואָס זעט דאָס צו, פּלאַצט ממש פון ביטערע ליבעס־ווייען. איצט, איינזעענדיק אַז אירע אַקציעס זיי־נען נישט שטאַרק געהויבן, וויל זי צוריק גוט ווערן מיט איר ערשטן געליבטן. זי ווענדט זיך צו אים מיט די זעלביקע ווייבלעך־חנוודיקע שטיק. זי וויל אים ממש נעמען מיט געוואַלט. אָבער ער בלייבט איצט קאַלט און פלעגמאַטיש. איר איצטיקע ווייבלעכע צערטלעכקייט און מכלומרשטע גוטסקייט קען אים מער נישט נאַרן. און ווען זי גייט ווייטער אָן מיט איר ווערלן אים איבערבעטן, פאַלט ער אַריין אין צאָרן און ער הויבט זי אָן צו פּיקן מיטן שנאָבל אויס רציחה. פּשוט: ער שלאָגט זי ברוטאַל. און די צאַרטע פּאָפּוגייערין, די פויגלשע קאָקעטקע, ציט זיך צוריק אויף אַ מאָמענט אין איינזאַמקייט. דאָס לעבן, טראַכט זי, איז אַ זייער קאָמפּליצירט שפּיל... זי שטעלט זיך אַוועק אין אַ ווינקל פון דער שטייג — אין דער קליינער אָפּערע — זי וויינט ביטער...

יאָ, אין דער קליינער שטייג טומלט זיך ווי אין אַן אָפּערע. דאָ איז פאַראַן ליבע און פאַרראַט. ראָמאַנס און אייפערזוכט. עס ווילט זיך ממש אַליין זיך פאַרכישופן אין אַ פויגל, ווי מען לייענט אין די פאַר־צייטישע מעשהלעך פון פאַנטאַסטישע פאַרוואַנדלונגען, און אַריינגיין אין דער שטייג. אויס ערד און אויס הימל, אויס געלט און אויס קאַמף! איך וויל ווערן אַ פויגל, מאַמע, ווי אין מאַנגערס נאַאיוון, פאָלקסטימלעכן ליד. איך וויל זיך צוטוליען צו די רייצנדע, קליינטשינקע פּאָפּוגייערס. איך וויל פאַרבלייבן אין זייער קינדערשער, אין זייער מיניאַטורישער וועלט.

פּלוצלונג, נאָכן גאַנצן געטומל פון ליבע און אייפערזוכט, מאַכן די שטילע פייגעלעך צו זייערע קליינטשיקע, גלאַנציקע אייגעלעך. זיי דרימלען מידע און באַרואיקטע איין.

עס זעצט זיך אין פלאַמיקן מערב די גרויסע זון. זי ציטערט און זי זינקט איין אינם טיפן טאָל. די פייגעלעך דעקן צו די אייגעלעך מיט שטיקלעך טונקלקייט און שטיקלעך זון־פאַרגאַנג און ס'איז אויס

מיטן פויגלשן קושעניש און מיטן ליבעניש. די קליינע, פאַרביקע אָפּע־רע שליסט זיך מיט אַ שלאָפליד. זיי שטייען אויפן דינינקן דרעטל און זיי דרימלען. עס לאָזט זיך אַרונטער אויף זיי דער גרויסער פויגלשער מלאך פון חלומות און ער שיט אויס אויף זייערע קעפּלעך אַ ים מיט טייערע, מיט זיסע, מיט פילפאַרביקע חלומות.

דער גרויסער פויגל, זיך קראַצנדיק צווישן די פעדערן, דערזעט מיך פלוצלונג. אויפגעהויבן זיין קאָפּ אויף אַ מאָמענט, דערזעט ער אַ אידישן שרייבער. ער הערט זיך איצט אויף צו לויזן. ער קוקט מיך אָן. איך קוק אויף אים. מיר קוקן זיך ביידע מאָדנע אָן. און די גאַנצע צייט האַלט ער מיט אַ זייטיק אייגל אָן אויג אויף מיר. ער לאָזט מיך שוין נישט אָפּ. איך מוז אויסזען אין זיינע אויגן עפּעס ווי אַ טערקישער רויבער. ווי אַ מוראדיקער פּיראַט. ווער ווייסט וואָסאַרא גראָטעסקע געשטאַלט ער זעט אין מיר. און אפשר גאָר קוקט ער אויף מיר מיט פאַרוואונדערונג: איך בין אפשר אין זיינע פויגלשע אויגן ענלעך צו אים, צו אַ געפאַנגענעם פויגל, אין דער אומגעהייערער, קאָסמישער שטייג.

פון אַ צווייטער שטייג, אין אַ ווינקל פונם גערוימען געוועלב, קוקט אַרויס מיסטעריעז און געהיימנישפול אַ גרויסער, אַ געפאַרב־טער פויגל. זיינע פעדערן טריפן מיט די פלאַמען פון זון־אונטערגאַנג. פון זיינע פעדערן גייט אַרויס טונקל־בלויע, טושענע און פלושענע נאַכט. אָט די ביידע פייגלשע קרעאַטורן האַלטן וואַך אויף מיר... און איך דערמאָן זיך פון דעם מעשה־ביכל וואָס איך האָב געלייענט אין מיין פריער יוגנט. דאָס איז געווען אַ דין, פאַרגעלבט און אַנטיטשנע ביכל, אויף אידיש פאַרשטייט זיך, וועגן אַ פערסישן שאַך וואָס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ פויגל. דער קעניגלעכער, פאַרכישופטער פויגל פליט איבער שטעט און לענדער. אין די רעגנדיקע און שנייענדיקע נעכט שלאָפט ער אין ווסטע און טרויעריקע רואינען און ער חלומט פון זיין פאַלאַץ און פון זיין אַמאָליקער גדולה. שטענדיק גייט אויף אין מיר דער שיקזאַל פון יענעם איינזאַמען קעניג וואָס האָט אין פויגלשן געשטאַלט און פאַרם געחלומט זיין גרויס־קעניגלעכן חלום און געטראָגן זיין גרויסן מענטשלעכן טרויער... ביז ער איז אין איינעם אַ טאָג צוריק אַנטכישופט געוואָרן און האָט זיך בשלום אומגעקערט אין זיין הויפּט־שטאָט און אין זיין פאַלאַץ... און שטייענדיק איצט, אין דעמערונג, פאַר די צוויי נייגעריקע פייגל, מיט מענטשלעכן אומעט אין זייערע מידע אויגן, גייט אויף אין מיר דער גורל פונם פערסישן שאַך... דאָס געשטאַלט פון דוד המלך..

און בשעת איך שטיי אַזוי אין דער טיר און איך באַטראַכט די דאָזיקע אייגנאַרטיקע אידיליע, פאַרנאַכט־צו, צווישן בלוי־טריפנדיקן בין־השמשות פון מנחה און מעריב, ווען די זון פאַרגייט און עס קומט דאָ אָן אויף פויגלשן געפליגל דער שטילער, געבענטשטער אָוונט — דערמאָן איך זיך אַז איך בין אַבומלט געווען אין א אידישן הויז. און דאָרטן איז געווען אַ קליינער פּאַפּוגייער אין אַ דינעם שטייגל. ווען דו רירסט אָן מיט דער האַנט זיין בוזעמל, שטעלט ער זיך אַוועק אויטאָ־מאַטיש ביי דיר אויף דער האַנט־פלאַך. ער גייט אויף דיר מיט לייכטע,

מיט צאַרטע טריט. דו בענקסט אַזוי שטאַרק נאָך ליבשאַפט. דו ביסט לויטער געגעדיקייט צום פּיצל זילבערנעם לעבן. דער קליינער פויגל גייט אַרויס פון זיין פויגלשן פּאַליץ — זיין שטייג — ווען נאָר מען עפנט פאַר אים אויף דאָס דראָטענע טירל. ער גייט אַריין אין זיין שטייג, ווען נאָר מען דערלויבט עס אים. מען האָט אים איינגעקויפט פאַרן ליבן, קליינעם אינגל. אָבער מיט דער צייט איז ער שוין געוואָרן דער ליבלינג פון דער קליינער פאַמיליע. מאַן און ווייב זיינען געוואָרן קליין, נאָך קלענער ווי פּיצעלע אינגעלע. ווען מאַן קומט אַ מידער אַהיים פון דער אַרבעט, פון אַדיסייע אינם סאָבוויי, צעשטרייט ער זיך מיטן זילבערנעם פּאַפּוגייער. מיטן קוועק־זילבערנעם פויגל. קליינער פּאַפּוגייער אַמוזירט די פאַמיליע. ער איז געוואָרן אַ ליבלעכער טייל פון דער משפּחה. אַ קליינער קוזין אַזאַ. ער דעמאָנסטרירט: זעט, ווי שיין ס׳איז דאָס לעבן. ווי מיין פּיצל מולטי־קאָלירטע לעבן אַמוזירט אייך. איך בין אייער קליינע צעשטרייאונג. איך בין אייער זילבערנע ליד. איר האָט אויף דער ערדישער פלאַך זיבעציק לשונות. אפשר אַ טויזנט דיאַלעקטן און זשאַרגאָנען. איר באַזיצט אין אייערע רייכע ביבליאָטעקן די ווערק פון ישעיהו, דאַנטע און פון שעקספּיר. עס שטייען ביי אייך די שטאָלצע וואָלומס פון האָמער, אייסכילאָס און סאָפאָקלעס. אָבער איר זענט גליקלעך מיך אויסצולערנען אַ וואָרט. איר ווילט אַריינפּאַקן אין מיין קעל איין און איינציק וואָרט פון אייער גרויס־מענטשלעכער שפּראַך. איין קליינעם וואָרט פון אייער אומגעהויערן תנ״ך. איר האָט מעכטיקע קעניגרייכן, געוואַלטיקע שטעט, אַלטע קול־טורן און שטאָלצע ציוויליזאַציעס. איר גרייט זיך שוין אַפילו אין דער נאָענטער צוקונפט אונטערפּלאַנעטאַריש צו באַרייזן און אפשר אימ־פּעריאַליסטיש צו קאָלאָניזירן די נאָענטסטע פּלאַנעטן אינם הימלישן רוים. אָבער, איך, קליינער פּאַפּוגייער, איך מוז אייך צעשטרייען. איך נעם אַרויס דעם שרעקלעכן, דעם בלייערנעם ערנסט פון אייער שווער־באַלאָדענעם טאָג. באַלאָדן מיט בליי פון אָנשטרענגונג, מיטן אייזן פון זאָרג, מיטן קופּער־פון אומזיכערקייט, מיטן שטאָל פון שרעק. איך באַ־פריי אייך פון אייער שרעקלעכער אָנשטרענגונג. איך בין אייער זיל־בערנער כּישוף. איך בין אייער קליין־מאַגיקער. איך, מיט מיין פּיצל צאַפּלדיק לעבן, בין אייער עלעגאַנטער און גראַציעזער נביא פון הומאָר. איר האָט זיך אייערע באַכס און בעטהאָווענס. נאָר איין און איינצי־קער מאָנאָטאָן מיינער קלינגט זיס צו אייערע אויערן. איך בין דאָס עכטע, דאָס אמתדיקע לעבן. ווען איך זינג און איך האָפּליע איבער אייערע געהאָרכזאַמע קעפּ מיט געדיכטע לאָקן, ווערט איר סענטימענ־טאַל אַזוי ווי קליינע קינדער. איך בין צו אייך געקומען פונם לאַנד פון נאַטירלעכקייט. דורך אייער ליבשאַפט צו מיר דעמאָנסטרירט איר אייער בענקשאַפט צו נאַטור. איך בין אייער פּשוט ליד. אייער ניי־דערוועקטע קינדהייט. איך בין אייער דערוואַכטע שפּיל־לוסט. איך בין דאָס וואָס אייער לעבן באַדאַרף צו זיין: ליבשאַפט, לוסט און שפּיל. איר זענט צו ווייט אַוועק מיט אייער ווילדער ציוויליזאַציע. איר גריזשעט זיך, אַליין אומגליקלעכע, אויף. מיט מיר איז אייך גוט. איך בין דאָס ליד פון פּשטות. איר זעט אַז מען קען זיין גליקלעך אָן

משוגענע קאָמפּליקאַציעס. אַז דאָס לעבן פּאָדערט נישט קיין געוואַלטיקע רייכטימערס אויף צו זיין קינדיש לוסטיק. איך בין די צוריקגעקומענע לאַנקע פון יוגנט און שטילקייט. אויפן ברעג פון דער לאַנקע ציטערן נאָך די שטראַלן פון גרויסן זונען־אויפגאַנג. איך בין דער קלאָרער, דער לויטערער הימל פון אייער זיסער, גאָלדענער קינדהייט. איך בין דער מאָך־גרינער ברעג פון טייך. איך זינג דאָס אומשולדיקע ליד פון לעבן. איך בין אייער פאַרלוירענע פּאַסטאָראַלע. איך בין דער גרינגער כישוף. איך בין דער „בלויער פויגל" וואָס איר האָט אומפּאָרזיכטיקערהייט אַרויסגעלאָזן פון אייערע טרויעריקע הענט. איך בין די „בלויע בלום" אין אייערע פאַרצוויפלטע פענצטער. דאָס שטילע, דאָס פויגלשע, דאָס געלע קאַנאַרעק־לידל. די וואַלדישע, די סאָלאָוויאישע מעלאָדיע. איך בין דאָס ליבע־ליד פון אָסקאַר ווײַלדס נאַכטיגאַל וואָס שטאַרבט אין זיין דערציילונג אויפן שאַרפן שפּיץ פון דאָרן. איך בין דעם פּוילישן וואַלדס היימישער „קו־קו" פון דער קינדהייטס־ליבער קוקאַווקע. דורך מיר זענט איר געוואָרן צוריק נאַטירלעך. איך בין אייער צוריקגעקומענע קינדהייט. איך מאַך אַז איר זאָלט זיך ווידער שפּילן מיט אייער ליבער, מיט אייער אידילישער קינדהייט. האָט מיך ליב, מיינע טייערע, מיינע הויכגעשעצטע באַלעבאַטים, און איר וועט האָבן ליבשאַפט צווישן זיך. ס'וועט הערשן שלום אונטער אייער דאַך. ס'וועט שטראַלן די זון פון גליק אין אייער הויז.

אָט אַזוי, מיר דאַכט זיך, האָט גערעדט דער גייער פויגל־נביא אינם דאָזיקן פּריינטלעכן הויז. אַזוי האָט גערעדט דער גראַציעזער פויגל־נביא אין אַ סך גרויס־שטאָטישע הייזער. וואָרעם דער נביא אין אונזער עפּאָכע מוז זיך אפשר פאַרשטעלן פאַר אַ פויגלשן בדחן כדי צו מעגן זאָגן דעם אמת אויף אַ נאַאיוו־פויגלשער שפּראַך.

ביינאַכט בין איך אַהיימגעפאָרן פול מיט אָנגענעמער מידקייט אין די גלידער. דער הימל איז געווען פאַרגאָסן מיט טינט. פון די נאָענטע וועלדלעך שמעקט עס מיט פערפיומיקער פייכטקייט. די לאַמטערנס אויף די וועגן וועקן אַלערליי דערמאָנונגען. די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור איז לויטער דערמאָנונג. די גאַנצע וועלט־קונסט איז רעמיניסענס. איז דערינערונג — איבערגעקאָכט אינם קינסטלערס גאַנצן לעבן און צו קונסט געוואָרן, צו ליטעראַטור־געוואָרן דורך דעם אייביק־מעדיטירנדיקן קינסטלער אין אים. דאָס האַרץ איז שיכור פון וועלט. די האָריזאָנטן זיינען פאַרטריפט מיטן דיקן גאָלד פון זון־אונטערגאַנג. מיטן פאַרגאָסענעם מבול טינט פונם גרויס־קאָסמישן נאַכט־טינטער. — — —

אָט אַזוי האָב איך אין דמיון באַשריבן מיין באַזוך אין אַ פריינטלעכן הויז. און איצט שטיי איך דאָ ביים געשעפט פון די פייגל. אינם פענצטער שלאָפן זיך וואַרעם־צונויפגעטוליעטע דריי ווייסע היינטלעך. ווער ווייסט, וועלכע הינטישע חלומות עס דערפרייען זיי איצט אין דער אומהיימלעכער נאַכט פון דער צווייטער געפערלעכער און טרויעריקער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אין די אַקוואַריומס באַוועגן זיך ווי שטראַלן די דינע, די גלאַנציקע פישלעך. עס ווערט צו טינט־בלויע נאַכט. די פייגל שטייען ענג־צונויפגעטוליעטע אין דעם געמיינזאַמען שטיק שלאָף וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף זיי ווי

אַ שטיק ווייכע, וואַרעמע וואָל. פון די בײדע שטײגן וואַכן איבער מיר שטרענג און אויפמערקזאַם צוויי מאָדנע, צוויי אײנזאַמע פויגל. זיי לאָזן מיך שוין נישט אָפּ פון זייערע גאָלד־פויגלשע אויגן ביז איך גיי אַוועק פון דער טיר. אַ גאַנצע שוואַרצע נאַכט,ביזן טוש־בלויען און זילבער־גרויען באַגינען וועט דאָ שוין איצט אַריינלויכטן די גרויסע, די מיט סאַזשעס־און־טינט־פאַרשמירטע און פאָספאָרישע לבנה. איך קום אַהיים צו מיין ביבליאָטעק. אויפן טיש ליגט אַ ברייט־און־שטאָלץ־געעפנטער יהואשעס תנ"ך מיט אַ קאַפּיטל פלאַמענדיקן און קעניגלעכן ישעיהו. פון דער מאַיעסטעטיק פונם נביאס ווערטער לויכט עס מיט שטאָלצע פלאַמען. אָבער וואָס העלפט עס אַז ס'האָט די קומענדיקע דורות ווייניק אויסגעלערנט. און די מענטשהייט שטייט אומבאַהאָלפן ביי דעם שטייגל פונם קליינעם פאָפּוגייער און באַמיט זיך אים אויסצולערנען אַ ניי וואָרט. די מענטשהייט בענקט צו אַ נייעם בראשית. אויפדאָסניי וועט גאָט אויסציען זיינע הענט איבער דעם פינצטערן תוהו ובוהו און מיט אַ נייעם פייער־וואָרט באַשאַפן אַ נייעם הימל־און־ערד.

ניו־יאָרק, 15 סעפט., 1954.



אַ פּאַרצייטישער מענטש

עס איז געווען אין אַ געוויסן פריטיק פאַרנאַכט, ווען מיר, פּאַציענטן פון סאַנאַטאָריום, האָבן געזען ווי אַ הויכער, אַן אומגעווײנלעך־ריזיקער מענטש, האָט זיך קוים באַוויזן אַרויסצודרייען זיך פון אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז געווען צו קליין פאַר זיין אומגעהויערן וואוקס. דער מאַן, ווי געזאָגט, איז געווען פון אַ הויך און אַ ברייט וואָס מען זעט נישט צווישן לעבעדיקע מענטשן. ער האָט אויסגעזען אַזוי ווי די פּאַרצייטישע מענטשן, וואָס קוקן אַרויס מיט זייערע גרויסע, ווילדע פּנימער פון פּאַרצייטישע לעגענדעס. ער האָט אויסגעזען אַזוי ווי עפּעס אַ פאַרבלאָנדזשעטער פון אַ ווייטער ראַסע, וואָס האָט געלעבט מיט יאָרן צוריק אויף דער רויער, ווילדער ערד. אַ גרויסע, שוואַרצע באָרד, ווי פון אַ פאַנטאַסטישן אור־מענטש, האָט זיך כוואַליעסווייז געצויגן אַראָפּצוצו, ביז צו זיין ריזיקן בויך.

עס איז געווען איבעראַשנד צו זען אַזאַ אומגעהויערן מענטש. אָבער עס איז נישט אַנגענעם געווען אויף אים צו קוקן. עפּעס אומגעווײנלעך־טרויעריקעס איז געווען אין זיין שטומען, נאַטורהאַפטן אויסזען. עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף דער אומגעלומפּערטקייט פון זיין איבערגעוואַקסענעם גוף, וועלכן ער שלעפּט איבער דער ערד מיט אַ מידן אויפן פּנים, ווי ער וואָלט זיין אין האַרצן שטערבלעך פאַרוואונדעט.

טעג און וואָכן זיינען אַדורך, און מען האָט דעם הויכן מאַן נישט געזען. אָבער די באַדינער און די קראַנקענשוועסטערן האָבן אַ סך דערציילט פון אים. אפילו די דאָקטוירים האָבן געשמייכלט, ווען מען האָט זיך געפרעגט אויפן מאַסטאָדאָן־מענטש, ווי מען האָט אים גערופן אין שפּאַס. מען האָט צום ביישפּיל דערציילט, אַז ער באַדאַרף האָבן דריי מאָלצייטן צום פאַרצערן, אַנשטאָט איינעם. אַז ער טרינקט אויס דורכן טאָג פינף גאַלאָן וואַסער. אַז ווען ער גייט אַרונטער פון בעט, הילכט אָפּ די פּאָדלאָגע פון זיינע אייזערנע טריט. אַז ער רעדט דווקא זייער שטיל, קוים מען הערט זיינע רייד, און אַז וויפיל די קראַנקענשוועסטערן רייבן אים איין דאָס לייב מיט אַלקאָהאָל, זאָגט ער אַז זיי באַרירן אים אפילו נישט.

אַביסל שפּעטער האָט ער זיך באַוויזן אין גאָרטן פון סאַנאַטאָריום. פרויען האָט ער אויסגעמיטן. פון דער פּראָפעסיע איז ער געווען אַ רב. און עס איז געווען שווער זיך צוצוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז אָט דער מאַסטאָדאָן האָט עפּעס צו טאָן מיט גייסט, מיט רעליגיע.

ר׳ אברהם, אַזוי האָט מען אים גערופן, איז געווען אַ טיף־גלויביקער מענטש. אַ פינצטערער טרויער האָט געפרעסן זיין האַרץ. זיין פּנים, וואָס איז געווען רונד און פעט, האָט אויסגעזען ווי דער ציפערבלאַט פון אַ גרויסן זייגער. נאָר אין זיינע באַקן האָט געברענט אַן אומגעווײנלעכער פיבער. זיינע אויגן זיינען געווען גרויסע און בלויע, פול מיט קינדישער תמימות. אויגן פון אַן איבערגעוואַקסן קינד. זיין

גרויסער קאָפּ, אַזוי ווי אַ גלאָבוס, איז געווען פאַרוואַקסן מיט אַ וואַלד שוואַרצע און געדיכטע האָר.

מען האָט זיך געקענט דערשרעקן ווען מען זאָל אים באַגעגענען אין איינזאַמקייט אויף אַ וועג, נעבן אַ וואַלד. ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען די שיך פון זיינע פיס — ריזיקע שיך, שיך וואָס זעען נישט אויס צו זיין געמאַכט פאַר קיין נאָרמאַלע, מענטשלעכע פיס, נאָר פאַר די פיס פון אַ פאַרמבולדיקער חיה, בין איך געווען דערשטוינט. אָט דער דאָזיקער ריזיקער מענטש פון פלייש האָט געבענקט נאָך גייסט. ער האָט דיך געזען זיצן אין גאָרטן, אונטערן שאָטן פונם גרויסן בוים. ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו דיר, האָסטו געהערט ווי די ערד אָטעמט שווער אונטער זיינע מעכטיקע טריט. און דאָך האָט ער זיך באַמיט צו גיין שטילערהייט, ווי ער וואָלט געוואוסט אַז מען האָט מורא פאַר אים, אַז ווען ער זאָל שטעלן שטאַרקע טריט, קען זיך חלילה די ערד איבערקערן. ער קומט פאַרזיכטיק צו, ער שטעלט זיך אַוועק איבער דיר, אַזוי ווי אַ בוים און דו ווערסט קליין נעבן אים, ווי אַ קינד, ביי זיינע פיס. מיט זיינע גרויסע, אומגעלומפּערטע הענט נעמט ער דאָס בוך וואָס דו האַלטסט אין לייענען און ער מישט די בלעטער. ער איז אומגעהויער נייגעריק. ער וויל אַרויסציען פון דיר דאָס גאַנצע וויסן מיטאַמאָל:

— ווער זענט איר? ווי הייסט איר? ווי הייסט דאָס בוך? וואָס באַשרייבט עס? וואָס שטייט דאָרטן? האָבן זיך די מענטשן ליב אינם בוך אָדער האָבן זיי זיך פיינט? איז עס אַזוי גוט ווי דער תהלים? פאַרוואָס לויכטן נישט די שטערן בייטאָג? און וואו איז ביי דער נאַכט די זון? ווער באַהאַלט זי אויס אין דער פינצטערניש? וואָס טוען די מלאכים מיט דער לבנה בייטאָג? צי איז טאַקע אמת אַז מענטש שטאַמט אָפּ פון מאַלפּעס? און פון וואַנען שטאַמען די מאַלפּעס? און אויב די ערד איז אין דער לופט, ווער און ווי אַזוי האַלט מען זי אונטער? און צי קען זי ניט אַמאָל אַראָפּפאַלן ווי אַ שווערער שטיין אין אָפּגרונט? צי איך גלויב אין גאָט און אין השארת הנפש?

ר׳ אברהם האָט מיך באַהאַגלט מיט פראַגן. און ער וויל זיי אַלע באַלד וויסן. און עפּעס אַזאַ גרויסער הונגער איז אין זיין וואָרט. אַזאַ הונגער נאָך די יסודות און סודות פון דער וועלט, אַזוי ווי ער וואָלט ערשט אויפגעשטאַנען פון אַ גרויסן חלום, איבערראַשט פון דעם וואָס ער האָט אין דעלירירום געזען.

איך האָב זיך באַצויגן צו אים פריינטלעך, ווי צו אַן אומגליקלעכן מענטש. איך האָב געזען, אַז ער ווערט פאַרפאַלגט. אַז די מענטשן זיינען געוואוינט צו אָקצעפּטירן זייער גלייכן, דאָס געוויינלעכע. אָבער זיי ליידן נישט דאָס אומגעוויינלעכע און דאָס נאַאיווע. עס איז זיי געווען פרעמד דער דאָזיקער ר׳ אברהם.

ר׳ אברהם האָט שטענדיק מיט זיך אַרומגעטראָגן אַ תהילימל מיט אַ בלויען בענדל צווישן די בלעטער. אים איז געווען נאָענט צום גרויסן האַרצן דער תהלים וואָס זינגט שירה צו גאָטס מאַיעסטעטישער גרויסקייט. ער האָט זיך מיטן וואָרעם־מענטשלעכן תהלים, פול מיט לירישן אויסגאָס פון טיפן, פאַרוואונדעטן האַרצן, געפילט גוט. דער

האָניק פון דוד המלכס געזאַנג איז אויף אים גערונען ווי גאָלדענע שטראַלן.

— וואָס טויג אייך די פראַנצויזישע און די גריכישע ליטעראַטור ? — פלעגט ער צו מיר זאָגן. — זאָגט בעסער תהלים און איר וועט זיין באַרואיקט. אַ קראַנקער איד באַדאַרף זאָגן תהלים... אין תהלים איז שוין אַלץ פאַראַן... טיפע חכמה איז אין יעדער וואָרט. ווען איך זאָג תהלים, הער איך די כאָרן אין בית המקדש וואָס האָבן אַזוי וואונדערלעך געזונגען תהלים. אין תהלים איז פאַראַן די גאַנצע וועלט. איך זאָג אייך דעם אמת, איך וואָלט שוין לאַנג נישט געלעבט, ווען איך זאָל נישט זאָגן יעדן טאָג עטלעכע קאַפּיטלעך תהלים. ממש עס דערכאַפּט מיך ביים האַרצן. נעם צו ביי אַ אידן זיין תהלים, און ער איז אַ פאַרלוירע־נער אין דער ברוטאַלער וועלט. איר זעט די אַלע דאָקטוירים און קראַנקענשוועסטערן, איך גיב פאַר זיי נישט קיין צעבראָכענעם דרייער. עס איז דער תהלים וואָס האַלט מיך אויף. האָרכט צו מיך, וואַרפט אַוועק די אַלע גויאישע ביכער — נעמט זיך זאָגן תהלים און איר וועט ווערן געזונט...

עס איז געווען צווישן דעם ריזיקן ר׳ אברהם און זיין קליין תהילימל אַ גרויסע, אַ האַרציקע פריינטשאַפט. פאַרלוירן אין דער דאָ־זיקער קליינער וועלט דאָ, האָט ער זיך געראַטעוועט אין זיין תהלים. און מען האָט אים געקענט זען אין אַלע וועטערן פון יאָר, אין שניי און אין רעגן, אין ווינט און אין קורזשאַווע. ער פלעגט שטיין אונטער דעם גרויסן הימל מיט זיין מאָנומענטאַלער געשטאַלט, אַזוי ווי גאָט אַליין וואָלט אים מיט זיינע אייזערנע הענט אויף דער ערד פעסט אַוועקגעשטעלט און אין זיינע גרויסע, מענטשלעכע הענט וואָלט ער אים ציטערנדיק געגעבן צו האַלטן דעם תהלים. ער מישט מיט די גראָבע פינגער די דינע, די זיידענע בלעטער. דאָס בלויע בענדל פלאַטערט אין ווינט. און ער קוקט אַריין מיט זיינע הימל־בלויע אויגן אין דעם טייערן, אין דעם זיסן תהלים. און הויך זאָגט ער איבער פאַר גאָט די הערלעכע געזאַנגען אַזוי ווי דוד המלך האָט פון דעם טאָל פון יסורים געוואָרפן צו גאָט זיין טיפן געשריי פון האַרצן:

„פאַר דעם געזאַנג מייסטער, מיט סטרונע שפּיל, אויף שמינית: אַ מזמור פון דודן.

ניט אין דיין כעס זאָלסטו מיך מוסרן, גאָט,
און ניט אין דייך גרימצאָרן זאָלסטו מיך שטראָפן.
לייטזעליק מיך, גאָט, וואָרום איך ווער פאַרשניטן,
הייל מיך, גאָט, וואָרום מיינע ביינער זיינען דערשראָקן,
און מיין זעל איז דערשראָקן זייער,
און דו גאָט, ביז וואַנען ?
קער זיך אום גאָט, דערלייז מיין זעל,
העלף מיר פון וועגן דיין גנאָד,
וואָרום ניטאָ אין טויט דיין דערמאָנונג,
אין אונטערערד ווער וועט דיך לויבן ?
איך בין מיד פון מיין זיפצן,
איך באַוואַש אַלע נאַכט מיין געלעגער,

איך מאַך צעגייִן אין מײַנע טרערן מײַן בעט.
מאַט געוואָרן פון קומער איז מײַן אויג,
אַלט געוואָרן פון וועגן אַלע מײַנע פֿײַנט.

(תהלים, קאַפּיטל ו, יהואש־איבערזעצונג).

די דאָזיקע ליבשאַפֿט ר׳ אברהמס צו גייסט האָט אים שנעל גע־בראַכט אין אָפּאָזיציע צו די אָפֿיציעלע מאַכט־מענטשן פֿון סאַנאַטאָריום. וואָרים, ווי שוין געזאָגט, ר׳ אברהם איז געווען פּשוט ווי אַ קינד. און אויב מענטשן האָבן אים ווייניק פֿאַרשטאַנען, האָט אים אָבער גאָט פֿאַרשטאַנען. און ס׳האָט אים אויך באַנומען דער פֿאָעט, ווײַל דער פֿאָעט פֿאַרשטייט די שפּראַך פֿון פּרימיטיווע מענטשן, פֿון חיות און פֿון פֿייגל אפילו.

דערפֿאַר האָט ר׳ אברהם אַזוי שטאַרק ליב געהאַט דעם תהלים. דער מחבר פֿון תהלים האָט ר׳ אברהמען ליב געהאַט און האָט אים פֿאַרשטאַנען. נאָר די געוויינלעכע מענטשן, איבערהויפּט די פֿאַרריסענע און די סנאָבן, זיי האָבן פֿאַראַכטעט דאָס איינזאַמע, דאָס אומבאַהאָלפֿענע געשטאַלט פֿון ר׳ אברהם. ער איז געווען פֿאַר זיי צו פּראָסט, צו ערלעך, צו קינדיש...

אויפֿן הויף פֿון סאַנאַטאָריום איז געשטאַנען אַ קליינע, אָבער אַ פּרעכטיקע שול, געבויט אין אָריענטאַלישן סטיל. אירע גראָבע ווענט זײַנען געווען געמויערטע פֿון רויטע ציגל. אַ קופּערנעם קופּאָל האָט די שול געהאַט. די זון פֿלעגט אָפּשלאָגן אירע שטראַלן אין דעם דאָזיקן קופּאָל, ווי אין געשמידטן קופּער. אינעווייניק איז געווען אַ קליינע שול צום דאַווענען. עטלעכע בענק אויף ברוין געפּאַרבטע. דאָס אָרון־קודש, אין וועלכן עס זײַנען געשטאַנען עטלעכע ספֿרי־תּורות, באַ־קרוינטע און פֿאַרגילדעטע. און עס איז אויך געווען אַן אַרײַנגאַנג צו אַ קליין חדרל. דער סופֿיט האָט זיך אויסגעבויגן ביים פֿאַרגראַטעוועטן פֿענצטער. די בלויע שויבן האָבן פֿאַרוואַנדלט אין בלוי דאָס טאָג־ליכט. אויף עטלעכע פּאָליצעס זײַנען געשטאַנען אַ צאָל אַלטע, פֿאַר־געלבטע ספֿרים — אין ברוין־האַרטער לעדער געבונדן, אין שטויב געהילט, האָבן די ספֿרים געוועקט פּיעטעט און פֿײַנעם געפֿיל. דער זייל מיט זון־ליכט, וואָס האָט זיך געריסן דורך אַ שטיקל שפּאַרונע פֿון פֿענצטער, האָט ווי אַ שווערט באַרירט די רוקנס פֿון די אַלטע, מעכטיקע ספֿרים, פֿון די גרייז־גרויע ספֿרים פֿון אַן אַלטן, גרייז־גרויען פֿאָלק, פֿול מיט פֿלאַם פֿון לעבן און היסטאָרישער אַמביציע, וועקנדיק אַזוי פֿיל רעספּעקט און געשיכטלעכע רעמיניסענסן.

דער שליסל צו דער שול האָט געהאַט דער גבאי. דאָס איז געווען אַ דין, קראַנק מענטשעלע, מיט אַ בלײַכער פֿאַרמעט־הויט פֿאַרצויגן אויף זײַן פּנים, מיט אַ יאַרמולקע אויפֿן האַרלאַז, פֿאַרשוויצטן קעפּל. ער פֿלעגט גיין מיט געמאָסטענע, דראָבנע טריטלעך, וועלכע ער פֿלעגט ווי פֿאַרזיכטיק צײלן, צוליב זײַן קראַנק האַרץ, זײַנע צעלעכערטע לונ־גען. מיסטער ראַבינאָוויטש האָט געהאַט דעם שליסל און אינם שליסל איז געווען פֿאַרקערפּערט די גאַנצע מאַכט פֿון דער שול...

צו טאַנענבױם װעלטער
איז תמיד אינספּירירט.

Ben-Zion

אין אָנהויב פלעגט ר׳ אברהם אויסבאָרגן יעדעס מאָל דעם שליסל צו דער שול. מיסטער ראַבינאָוויטש, דער גבאי, האָט דאָס געטאָן זייער אומגערן. דערביי האָט ער ר׳ אברהמען אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיין פאָרזיכטיק מיט די ספרים. ער זאָל נישט צעברעכן די שטולן. ער זאָל זיך אויפפירן „אידל״... עס איז געווען זייער אומעטיק צו זען ווי דער גיגאַנט ר׳ אברהם הערט אויס געהאָרכזאַם די באַפעלן פונם בלייכן מר. ראַבינאָוויטש. אָבער ר׳ אברהם האָט אַלץ געדולדיק אויסגעהערט און זיך אַוועקגעשלייכט מיט ריזן־טריט אין דער ריכטונג פון דער שול.

ר׳ אברהמען, ווי שוין געזאָגט, האָט שטאַרק געצויגן צו ספרים. ער איז געפאַלן אין עקסטאַז פאַרן אָנבליק פון אַן אַלטן ספר. ער האָט געדורשט נאָך וויסן און נאָך די רייד פון די חכמים. עס איז שווער צו זאָגן ווי אַזוי ר׳ אברהם האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דעם קליינעם חדר, מיטן גערונדיקטן סופיט, ענלעך צום געבויגענעם דאַך פון אַ מאַנסאַרדע אין פּאַריז. עס איז שווער צו זאָגן ווי אַזוי ער איז נישט דערשטיקט געוואָרן אין דער ענגשאַפט פון דער שול. נאָר די ליב־שאַפט צו חכמה איז געווען גרויס אין זיין האַרץ און ער איז בייגעקומען אַלע שטערונגען.

אין די שיינע טעג פון די זומערדיקע חדשים, ווען אַלע פּאַציענטן וואָס זיינען נאָר אימשטאַנד אַרומצוגיין אויף זייערע פיס, ווען אַלץ פרייט זיך אין דרויסן מיט דער זון, מיט די ווייט־אָפּגעדעקטע לאַנד־שאַפטן, ווען די קאָנטורן פון בערג זעען זיך קלאָר אין דער ריינער לופט, ווען די בוימער זינגען צו גאָט זייער הערלעך געזאַנג צוזאַמען מיט די פייגל צווישן די צווייגן — דעמאָלט פלעגט ר׳ אברהם זיצן פאַר־שטעקט אין דעם ענגן חדרל און טרינקען חכמה פון די ספרים ווי בינען טרינקען נעקטאַר פון די בלומען. אַ ריז זיצט דאָרט איינזאַם און שטודירט אין דעם קליינעם בית המקדש...

אין אָנהויב, ווי געזאָגט, האָט ר׳ אברהם אויסגעבאָרגט דעם שליסל ביים גבאי. אָבער מיט דער צייט האָט ער אים שוין אינגאַנצן געהאַלטן ביי זיך. זיין לאָגיק איז פילייכט געווען אַ ריכטיקע: קיינער פון די היימישע אידן, וועלכע דאַוונען, באַוויזן זיך נישט דורך דער וואָך אינם חדרל אויף אַריינצוקוקן אין אַן אַלטן ספר. שבת, צום דאַוונען, קומען די עלטלעכע געציילטע מתפללים זיך באַהעפטן מיט גאָט דורך זייערע תפלות און צו לייענען די סדרה. און שפּעטער צו פאַר־טרינקען מיט אַ פיינער כוסה פון גוטן בראָנפן און צו פאַרבייסן מיט אַ האַרטן קיכל, ווי אין דער היים, וואָס דאָס ווייב אָדער די שוויגער האָט געבאַקן... איז אויב די אַלע גוטע לייט שמעקן נישט אַריין אין דער שול די גאַנצע וואָך, פאַרוואָס זאָל ר׳ אברהם נישט מעגן האַלטן דעם אייזערנעם שליסל ביי זיך? ער, וואָס האָט באמת ליב די אַלטע, די וואונדערלעכע ספרים מיט אַזאַ האַרציקער, אידישער ליבשאַפט...

דאָס איז געווען אַ גערעכטע טענה. אָבער, גאָר אַן אַנדערע לאָגיק האָט באַזעסן דער גבאי, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קראַנקע מומיע... זיין מאַכט איז פשוט געווען אין געפאַר. וואָס פאַר אַ גבאי איז ער אַז דעם שליסל צו דער שול באַזיצט גאָר ר׳ אברהם? און מיט וועלכער

פאַראַכטונג דער דאָזיקער ר׳ אברהם קוקט דאָס אויפן גבאי און אויף דאָס זייניקע! ער באַגריסט אים אפילו נישט אום שבת און וואָסערע ווילדע, מוראדיקע קולות ער לאָזט דאָס אַרויס בשעתן דאַוונען — ממש אַ שרעק...

דער קאַמף האָט זיך אַנטוויקלט אַלץ העפטיקער. מיסטער ראַבינאָוויטש האָט פונדעסטוועגן געציטערט פאַר ר׳ אברהמס פיזישער קראַפט. ר׳ אברהם, אים אויסהערנדיק געהאַרכזאַם, פלעגט מיטאַמאָל טאָן אַ ברום אַרויס אַזוי ווי אַ דונער, פון וואָס דער גבאי פלעגט אויפציטערן. אָבער דער גבאי האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי זיך צו ווענדן צום געזעץ, צו די העכסטע באַאַמטע פון סאַנאַטאָריום. דער דירעקטאָר האָט אייגנטלעך די גאַנצע געשיכטע נישט פאַרשטאַנען און ער האָט עס געלאָזט הענגען אין דער לופט.

געוויינלעך האָבן די איבעריקע מתפללים געהאַלטן מיט זייער געזעצלעכן גבאי. עס איז אפילו איינמאָל שיעור געקומען צו אַ געשלעג בשעתן דאַוונען. אומבאַהאָלפן ווי ר׳ אברהם איז געווען, און טראָץ זיין פיזישער קראַפט, האָט ער זיך אפילו נישט געוואָלט פאַרטיידיקן, נישט מיטן וואָרט, נישט מיט גבורה. ער איז געווען שטיל און רעזיגנירט. און ער האָט אייגנטלעך נישט פאַרשטאַנען וואָס מען וויל פון אים. עס איז דאָך געווען שווער פאַר אים צו באַגרייפן פאַרוואָס מען וויל פון אים צונעמען די מעגלעכקייט צו גיין אין שול אַריין ווען ער וויל? ווערן דען נישט די ספרים אַלט און פאַרגעלבט? האָבן זיי דען נישט הנאה צו ווייזן צום מענטשנס אויג אַלע זייערע שיינקייטן, זייערע פערלדיקע געדאַנקען? (ווערן דען נישט די שענסטע פרויען אַלט און גרוי און פאַרוויאַנעט, ווען דאָס אויג פונם פאַעט און פאַרערער דערגרייכט זיי נישט? !).

אָבער ר׳ אברהם האָט נישט פאַרשטאַנען אַז אינם אייזערנעם שליסל איז פאַרקערפּערט די מכלומרשטיקע מאַכט פונם גבאי, פונקט ווי די הערשאַפט פון דעם קעניג איז פאַרקערפערט אין דער קרוין און אינם גאָלדענעם סצעפּטער...

דער גבאי האָט אַלץ נישט גערוט און אים האָבן אויך מיטגעהאָלפן עטלעכע שמשים זיינע, וואָס האָבן פון זייער זייט אויך פיינט געהאַט ר׳ אברהמען, און צום סוף האָט מען מיט דער הילף פון געזעץ צוגענומען ביי אים אָפיציעל דעם שליסל און מען האָט אים אומגעקערט צום גבאי. און ווידער האָט ר׳ אברהם אַזוי ווי אַ בעטלער געמוזט בעטן ביים גבאי יעדעס מאָל דעם שליסל צו דעם שולכל.

און טרויעריק איז איצט געווען ר׳ אברהם. איך פלעג אים זען זיצן אין גאָרטן, אונטער די שאָטנס פון די מעכטיקע בוימער, ביים וואַנט פון דער שול... און אַריינקוקן אין תהלים.׳ עס איז דער גרויסער תהלים וואָס קיינער האָט ביי אים נישט געקענט צונעמען...

איינמאָל האָט ר׳ אברהם מיר דערציילט, אַז ער איז געפאָרן אין שטאָט אויף אַ הויכן וואָגן. פלוצלינג, פאַרנדיק אַזוי, פאַלט ער אַרונטער פון וואָגן אויפן שטיינערנעם ברוק, ער פאַרוואונדעט זיך דעם קאָפּ דעם מעכטיקן, די לאַנגע, גראָבע הענט און די אומגעהויערע פיס. אָבער דאָס אַלץ אַרט אים נישט. אים אַרט זיין קראַנק האַרץ... צי האָט ער זיך חלילה נישט גערירט דאָס האַרץ? צי וועט זיין האַרץ איצט

נישט ווערן ערגער? און בשעת איך האָב אים געפּרוואווט באַרואיקן און טרייסטן, האָט ער זיך קינדיש צעוויינט. איך האָב געזען אַז זיין שרעק איז זייער גרויס. די שרעק פאַרן טויט... די אימה פאַרן אומבאַוואוסטן... מען האָט אין זיין קינדישן געוויין געקענט הערן די איינזאַמקייט פון דעם מענטש, וואָס האָט נישט קיין היים, קיין פרוי, קיין קינדער, קיין פריינט... וואָס איז געלאָזן געוואָרן צו דער איינזאַמקייט פון דער וועלט מיט זיין קינדישן האַרץ און מיט זיין גיגאַנטישן גוף, אַזוי ווי אַ דינאַזאַור, וואָס האָט פּלוצלינג דערוואַכט פון זיין מיליאָניק־יאָריקן שלאָף אין אַן אַנדער וועלט און עפּאָכע.

אין האַרץ פון דעם דאָזיקן ריזן קינד האָט געוויינט אַ גרויסער הונגער צו גאָט, האָט געלעכצט אַ גרויסער דאָרשט נאָך וויסן און נאָך חכמה... ר׳ אברהם האָט בלויז אין תהלים געפונען זיין היילונג און זיין באַרואיקונג...

דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב אים געזען, איז געווען אַ פאַנטאַסטישע סצענע. עס איז געווען זון־אונטערגאַנג. גרויס און פלאַמענדיק איז אַנגעצונדן געוואָרן דער רוים צווישן הימל און ערד... און פאַראויס, איבער די פעלדער פול מיט פלאַם־גאָלד, שפּאַנט ר׳ אברהם, אַן אומגעהויערע גיגאַנטישע געשטאַלט, דערמאָנענדיק אין גאָיאַס פינצטערן קאָלאָס, אַרומגענומען מיט שוואַרצע האָריזאָנטן פון וועלט־איינזאַמקייט... ער גייט מיט ריזיקע שריט צו דער זון וואָס זעצט זיך שוין אין גרינעם טאָל. ער איז אינגאַנצן איינגעהילט אין פלאַמען, ווי אויף גאָלדענע טרעפּ איז ער געשטיגן צו גאָט...

אין זיין רעכטער האַנט האַלט ר׳ אברהם דאָס תהילימל און דער ווינט מישט די בלעטער פון תהלים און ר׳ אברהם זאָגט הויך אויפן קול די וואונדערלעכע קאַפּיטלעך און אַ גאָלדענע האַנט פון אַ מלאך זעצט אויף זיין קאָפּ אַרויף אַ גילדערנע, גרויסע קרוין...

איך בין אַהיימגעפאָרן פון סאַנאַטאָריום, דאָרטן איבערלאָזנדיק ר׳ אברהמען. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער טרעף איך אַ געוועזענעם פּאַציענט און ער דערציילט מיר אַז ר׳ אברהם איז צוריק אַהיימגעפאָרן אין זיין שטעטל, ערגעץ אין טעקסאַס שטאַט. און דאָרטן איז ער געשטאָרבן.

איך בין געווען טיף דערשלאָגן. איך האָב געטראַכט: ווי אַזוי לעבט מען עס אַזאַ ריזיקן גוף אין דר׳ערד אַריין? עס איז אין ר׳ אברהמען געווען די טראַגעדיע פון יענע ריזיקע דינאָזאַורס, יענע פאַרמבולדיקע גיגאַנטן, וועלכע האָבן באַצאָלט מיטן טויט פאַר זייער ריזיקייט. זיי זיינען געווען אומבאַהאָלפן אין זייער מעכטיקער גיגאַנטישקייט. זיי האָבן נישט געקענט קעמפן אַנטקעגן באַדינגונגען, מיט וועלכע קלענערע און שוואַכערע חיות האָבן זיך גאַנץ לייכט געספּראַוועט. די מאַסטאַדאָנען האָבן זיך נישט געקענט שנעל גענוג צופּאַסן צו קלימאַטישע ענדערונגען. די נישטיקע אינסעקטן האָבן זיי איבערגעלעבט. זיי זיינען אַלע אונטערגעגאַנגען, ווייל זיי זיינען געווען גרויסע, שטומע קינדער פון דער גרויסער, שטומער ערד. ניו־יאָרק, מאַי, 1942.

שטיינערנע ווײַנטרויבן

אײן אָוונט, זיצנדיק אין דער ליטעראַרישער קאַפע, האָט דער פּאָעט דערציילט:

— יאָ, איך טראַכט אין דעם מאָמענט וועגן דעם דיכטערס שטײנערנע ווײַנטרויבן. איך טראַכט אָפט וועגן זיי. דער קינסטלער, וועלכער האָט די ווײַנטרויבן אויסגעהאַקט אין שטיין, האָט אוודאי נישט געהאַט די כוונה עמעצן ווי צו טאָן מיט זײַן קונסטווערק. ער האָט ניט געטראַכט מיט זײַנע ווײַנטרויבן אומזיסט צו וועקן אַפּעטיט נאָך דעם קילן און דורשטיקן זאַפט פון די אײדעלע פּרוכטן... און אפשר אפילו איז דער סקולפּטאָר געווען אייך אַזוי הונגעריק ווי איך...

איך מוז וועגן דעם דערציילן דעם ליבן לייענער, וואו ער זאָל נישט זײַן און אין וועלכער צײַט ער זאָל נישט לעבן. עס איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע טעמע. עס איז אַ טרויעריקער וויץ... דער דיכטער האָט אַרויסגעגעבן אַן עלעגאַנטן בוך לידער וואָס הייסט: „דו זאָלסט פּאָלגן גאָט"... עס הייסט אַז ער גייט פּונקט אין די טריט פון יענע מענטשן וואָס האָבן פאַר זייער שיקזאַל אויסגעוויילט צו העלפן די ליידנדיקע מענטשן. ער גייט פּונקט אין די שפּורן פון יענע וואָס זייער אײנציקע האָפענונג איז צו פאַרלייכטערן דעם צער פון דער וועלט. אויף זייערע גרויסע, הערלעכע שטערנס שטייט מיט פייער־אותיות געשריבן: דו זאָלסט העלפן דעם שוואַכן און דעם געדריקטן. דו זאָלסט געבן צום אָרעמאַן. דו זאָלסט ליבן דעם קנעכט. דו זאָלסט זיך באַמיען צו לינדערן די מענטשלעכע נויט און יסורים. דו זאָלסט זײַן באַשיידן. דו זאָלסט שטענדיק זײַן מענטש. דו זאָלסט זיך דערהויבן איבער דײַן אייגענער רשעות צו גאָטס הערלעכע געבאָטן.

די דאָזיקע צדיקים זײַנען גרעסער, אין מײַנע אויגן, פון דיכטער, דענקער און שרײַבערס פון דיקע ראָמאַנען. גוטסקייט שטייט העכער פון ליטעראַטור. איבער אַלע הויכע זײַלן און פּאָמפּעזע מאָנומענטן פון מאַרמאָר דערהייבט זיך דער גוטער, דער איידעלער מאַן...

— קומט אַרויף צו מיר, מיר וועלן פאַרברענגען אַן אָנגענעמען אָוונט אין מײַן הויז! — האָט צו מיר איינמאָל געזאָגט דער מחבר פון עלעגאַנטן בוך: „דו זאָלסט פּאָלגן גאָטס געבאָטן."

— מיט פאַרגעניגן.

און, איך האָב זיך טאַקע געגרייט אים אין אַן אָוונט צו באַזוכן. ער איז דאָך מײַן שכן. ער וואוינט אויך בײַם גרויסן, שטאָטישן פּאַרק. נאָר אין מײַן אייגענעם צימער איז פינצטער. אַ גרויסע, מעכטיקע מויער פאַרשטעלט און פאַרפינצטערט מײַנע קליינע פענצטער. די זון קומט דאָרט קיינמאָל נישט צו. אָבער די טויבן האָבן ערגעץ וואו זייערע נעסטן. קומען זיי שטילע און צניעותדיקע צו צו מײַנע פענצטער און זיי שטייען דאָרט אָפּ שעהנלאַנג. זיי שטייען פרומע און שטילע

און פול מיט עפעס אַ טיפן אומעט. מיין שוואַרצע, ראַזאָוואַנע ברויט איז דאָס שוואַרצע, ראַזאָוואַנע ברויט פון די טויבן. מיר זיינען שוין אַלטע באַקאַנטע. וואָרים דער פּאָעט און דאָס פייגלוואַרג האָבן אַ קעגנזייטיקע ליבע און פאַרשטענדעניש... דער פּאָעט, אַזוי ווי דער פויגל, איז אויך באַפליגלט...

אין אַ שטילן פאַרנאַכט, ווען איך בין געווען אָפּגעשוואַכט נאָך אַ שווערער פאַרקילונג, האָב איך באַשלאָסן גיין צום דיכטער. איך האָב צו אים פריער אָנגעקלונגען און כ'האָב זיך אַרויסגעלאָזט צוצושפּאַצירן צום הויז. ס'איז געווען אַ שיינער פאַרנאַכט פון חודש מאַי. דער וואונדערלעכער חודש, וואָס היינריך היינע האָט אַזוי צאַרט באַזונגען, און מיט אים צוזאַמען אַ גאַנצע אַרמיי פון פּאָעטן, דורך די שווערע מענטשלעכע יאָרטויזנטער. גייענדיק אַזוי פּאַזע דעם פּאַרק, בין איך געווען אַן עדות ווי זאַרגלאָז דאָס דיכטעריש־באַפליגלטע פייגלוואַרג זינגט. ווי זיס עס איז דאָס ליד פונם דיכטערישן, פּשוטן פויגל. די זון האָט זיך, ווי אַ גרויסע גאָלדענע ראָד אין די הענט פון אַ קליין יינגל, גענומען קאָלערן צום בלויען מערב. פרויען האָבן אַרומגעפירט זייערע קליינע היטעלעך. די היטעלעך האָבן מיט ליבשאַפט געלעקט די ערד, געשמעקט אין אַלע טיפע ווינקלען. בלומען האָבן שוין רייך פאַרשמעקט גאָטס וואונדערשיינע וועלט.

עס איז אַ גרויסע, שיינע הויז. דער מאַן פונם עלעוויטאָר פרעגט מיך וואוהין איך גיי. איך קלינג אָן און מיין פריינט, דער דיכטער, עפנט מיר די טיר. עס איז אַ רייכע, געראַמע וואוינונג. עס וואַרטן אויף געסט באַקוועמע, פּלושענע שטולן, אויף צו רוען געמיטלעך אין זיי. ווי אָנגענעם איז דאָ צו זיצן, טרינקענדיק ווייַן פון גאָלדענע כוסות און געניסנדיק חכמה פון דעם אַלטן קוואַל פון חכמה. אויף די שויבן שפּילט די גאָלדענע זון. אין אַ שטייג זיצט געפאַנגען אַ געלער קאַנאַרעק. איך באַטראַכט דאָס אַנטיקישע מעבל. איך זע דאָ לויטער רייכקייט און ראַשקאָש.

דער דיכטער האָט פאַר מיר באַלד אָנגעהויבן צו לייענען די לידער פון זיין עלעגאַנטן בוך: „דו זאָלסט פאָלגן גאָטס געבאָטן". יאָ, איך מוז אָנערקענען: די לידער זיינען גלאַטע ווי גרויסשטאָטישע טראָטוואַרן. זיי זיינען פיין־אויסגעהובלעוועטע. זיי זיינען גלאַנציק פּאָלירטע. זיי זאָגן זיך לייכט, אָן אָנשטרענגונג. זיי זיינען נישט געבוירן געוואָרן אין טיפע יסורים, אין טרערן און אין בלוט. זיי זיינען נישט קיין גייסטיקע קינדער פון צווייפל, אַנגסטן און פינצטערע ווייטיקן, אַזוי ווי די לידער פון דעם איינזאַמען און אייביקן קדוש, ישראל שטערן... די לידער זיינען גענומען דירעקט פון די פּסוקים פון הייליקע ספרים. זיי זיינען געגנבעט פון די אָנגעצונדענע מיילער פון די אמתע הייליקע, פון די מאַרטירער. די לידער האָבן אוודאי פיינע וואָרהאַפטיקייט. אָבער, ווי האָט געזאָגט דערקלוגער קאָלעגע און ברודער היינריך היינע: „ווען זיי וואָלטן אויך הערצער פאַרמאָגן..."

די גאַנצע צייט וואָס דער דיכטער האָט געלייענט די לידער וועגן לויטער גוטסקייט און איידלקייט צו די מענטשן, בין איך ממש אויסגע־

גאַנגען פון הונגער און פון דורשט... אָ, ווי וואונדערלעך וואָלט איצט זיין אַ פרישער, גאָלדענער טראָפן ווין... ווי גוט וואָלט זיין אויפן גומען דער טעם פון ברויט מיט האָניק... ווי זיס וואָלט געווען דער זאַפט פון האַרטע, קאָנצענטרירטע פּאָמעראַנצן. ווי וואָלט זיך דער צאָן מיינער איינגעשניטן אין דעם פלייש פון אַ זאַפטיקן עפּל, וואָס ווי נאָר דו בייסט אים איין, ווערט ער רויט ווי זשאַווער...

דער דיכטער האָט אַלץ געלייענט און געלייענט און געלייענט ביז אין די שפּעטע שעהן פון דער נאַכט. צו קיין כּיבוד איז אין דער דאָזיקער נעמלעכער נאַכט שוין נישט געקומען...

איך האָב זיך אַרומגעקוקט: אויף אַ קאַמאָדע זיינען געשטאַנען בייכיקע פלעשער, געוויקלטע אין זילבערנע און אין גילדענע פּאַפּירן. אַנטיטשנע פלעשער אַזעלכע פון וועלכע עס האָבן זיך מאַט אָנגעזען די פעטקייט פון מעכטיקע געטראַנקען, פון באַרוישנדיקע ליקערן, מיט וועלכע די שטראַלן פון דער זון האָבן דורכן טאָג היפּש געשיכורט און די שטראַלן פון די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן געטאַנצט אַרום זיי, אין פייערדיקן באַגער... אויפן טיש נעבן מיר איז געשטאַנען אַ גרויסער טאַץ מיט ווייַנטרויבן. דאָס זיינען געווען די שוין דערמאָנטע שטיינערנע ווייַנטרויבן... קיין שום צווייפל! דער קינסטלער האָט געהאַט גאָלדענע הענט און ערגעץ אין אַ ברענענדיקן מדבר, אַ פאַרשרפהטער פון דורשט, האָט ער גרויס־געחלומט די דאָזיקע אַזויס־קרעפטיקע ווייַנטרויבן . . . דאָס דאָזיקע קונסטווערק איז אַ קינד פון אַ געוואַלטיקער בענקשאַפט און רעאַליסטיש־פייערדיקער פאָרשטעלונג... — — —

ווען איך בין שפּעט־בייַנאַכט אַ מידער און אַ טרויעריקער אַהיימגעגאַנגען, האָב איך געלייענט דעם דיכטערס לידער פון: „דו זאָלסט פאָלגן גאָטס געבאָטן”... נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן האָט מיך אַ בוך אַזוי טיף נישט באַליידיקט ווי איצט... ס׳איז אַרום מיינע פענצטער, הויך אַריבער דער פינצטערער מויער, געווען נאָענט די לבנה — אַ מעכטיקע, אַ גאָלד־געהאַמערטע ווייַנטרויב... דיקע טראָפּנס ווין זיינען געגרונען פון אירע קילע וואונדן און זיי האָבן מיך אַ מידן און אַ מאַטן איינגעשלעפערט.

אַ לאַנגע צייט איז אַדורך ביז איך האָב דעם דיכטערס וואוינונג ווידער באַזוכט.

אָבער איינמאָל איז געווען אַ מוראדיק שלעכטער וועטער. ס׳איז געגאַנגען פון הימל שניי און רעגן. ס׳איז געווען אַן עבירה אַרויסצולאָזן אַ הונט אויף דער גאַס, ווי עס זאָגט דאָס שפּריכוואָרט. און אָט קלינגט דער טעלעפאָן. דער דיכטער פונם עלעגאַנטן בוך „דו זאָלסט פאָלגן גאָטס געבאָטן”, בעט מיך אַרויפצוקומען צו אים אינם דאָזיקן איינזאַמען אויפדערנאַכט...

דער וועג איז געווען אַ גליטשיקער. עס איז געווען אין חודש יאַנואַר. דער ווינטער האָט געפּנט זיינע אומהדייקע פליגל פון ווילדן האָגל און שניי. איך בין אין דער נאַכט קוים מיט צרות אָנגעקומען אין דיכטערס הויז אַריין...

איך קום אַריין: ס׳איז אַ רייכע, שיינע הויז. אויפן טיש שטייען שוין אָנגעגרייט די שטיינערנע ווייַנטרויבן. אויף דער קאַמאָדע שטייען

אוועקגעשטעלט מאַסיוו די פלעשער מעד און קאָניאַק, אין זייערע גאָל־דענע און זילבערנע מאַנטלען. אין אַ ווינקל שטייט אין קילן בראָנדז דער ביוסט פון שעקספיר. אין אַ צווייטן ווינקל — מאַליערס מאַסיווער קאָפּ, מיט די געדיכטע כוואַליעס האָר פון זיין פּאַרוק. מאַליער שמייכלט סאַרקאַסטיש... אין געדאַנק לייען איך די אומשטערבלעכע שורות פון זיין מייסטערווערק „דער מיזאַנטראָפּ..."

אויפן וואַנט הענגט אַ זייער קאָמישע און בייסיקע קאַריקאַטור פון מייסטער דאַמיע: עס שפּאַנט אַ פעטער, בייכיקער דזשענטלמאַן, מיט אַ פּאַריסענער פּאָזע. די אונטערשריפט לייענט זיך: „איך בין אַ מיטגליד פון אַלע אַקאַדעמיעס"... יאָ, ער איז אַ מיטגליד פון אַלע אַקאַדעמיעס — אָבער קיין ברעקל קולטור האָט דאָס נישט אין מוח און אין האַרצן... דאַמיע האָט דאָ אויסגעלאַכט די אַלע מכלומרשטע קולטור־טוערס, וואָס ראַטעווען די נאַציאָנאַלע קולטור, מ׳שטיינס גע־זאָגט. איך האָב זיך צוגעקוקט: עס איז פאַראַן אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן דאַמיערס הזשענטלמאַן און דעם אייגנטימער פונם דאָזיקן הויז. בלויז אַ פיזישע ענלעכקייט. ווייל דער דיכטער איז צו קאַרג אויף צו זיין אַ מיטגליד אין אַלע אַקאַדעמיעס. מאַליער האָט אים בעסער פאַרשטאַנען...

דורכן גאַנצן אָוונט האָט דער דיכטער מיך פאַרמאַטערט מיטן לייענען זיינע אַרטיקלען וועגן הייסע, נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. איצט איז ער נישט נאָר דערשינען אַלס אַ גרויסער צדיק, מ׳שטיינס גע־זאָגט, נאָר אויך אַלס אַ געוואַלטיקער טעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַל־אידישע פּראָבלעמען. דער דאָזיקער טרוקענער, אויסגעדאַרטער קאָפּ האָט קיין איינציקן אָריגינעלן געדאַנק נישט געקענט אַרויסברענגען. ביי אים איז דאָס האַרץ און דער מוח נעבעך געווען אויסגעטריקנט ווי אַ ווייסט, איינזאַם מדבר...

דעמאָנסטראַטיוו האָב איך פון זיין רייכער ביבליאָטעק אַרויסגע־נומען אַן אַלטן באַנד מיט דער פּאָעזיע פון עדגאַר עללען פּאָ. די ברעגן פון די דינע, זיידענע בלעטער זיינען געווען געליישט אין אַלט־גאָלד.

— וואָס טוט אין אייער רייכן און זאַטן הויז דער דאָזיקער אָרע־מער מאַרטירער־פּאָעט? — האָב איך אים געפרעגט מיט אַ שמייכל, כדי אָפּצושוואַכן מיין אייגענעם ערנסט.

ער איז געווען צופיל טעמפּ כדי אומשטאַנד צו זיין צו פאַרשטיין מיין פראַגע. כדי אויפצונעמען דעם ביטערן סאַרקאַזם אין מיין וואָרט. איך האָב מיט פינגער נאָך צאַרטער פון זייד געצערטלט דעם אידעלען באַנד פּאָעזיע פון עדגאַר עללען פּאָ, ווי מען צערטלט דעם בויגעוו־דיקן, ווייכן און נאָכגיביקן גוף פון אַ ליבער פרוי. פון אַ צאַרטער און אַ זילבערנער געליבטער. איך האָב געלייענט די טרויעריקע לידער פונם אַמעריקאַנער פּאָעט און איך האָב ביי זיך געטראַכט: ווען די דאָ־זיקע ספרים וואָלטן געהאַט פליגל, זיי וואָלטן אַלע אַרויסגעפלויגן דורך די פענצטער... וואָרים עס איז געווען אַ פּראָפאַנאַציע אַז די אַלע אַנגעצונדענע נביאים פון אמת, די דיכטער־מאַרטירער, וואָס האָבן גע־ליטן אומבאַשרייבלעכע נויט און אָרעמקייט, זאָלן דאָ זיין געפאַנגען, אינם הויז פון רייכקייט, לוקסוס און געמיינער קאַרגשאַפט. איך האָב

אויך געהאַט אַ דראַנג צו עפענען דאָס שטייגל און אַרויסצולאָזן אויף דער פרייהייט דעם אָרעמען פויגל...

דער דיכטער האָט באַמערקט מיין אומהיימלעכע שטימונג. איך האָב איצט כמעט שוין מער קיין געדולד נישט געהאַט. און פאַרן אוועקגייען, זאָג איך צו אים:

— איך וויל פאַר אייך לייענען אַ טייער ליד. עס איז אַ הומאָריסטיש ליד אויפן אַדרעס פון אַ קאַרגן גביר, וועמענס הויז דער דיכטער האָט באַזוכט. אַנשטאָט צו געבן וויין צו זיינע געסט, האָט דער גביר געשטעלט — וואַסער. דאָס ליד איז געשריבן פון אונזערס אַן אָרעמען קאַלעגע. זיין נאָמען איז אייך וואויל באַקאַנט: ר׳ שלמה בן גבירול...

דאָס ליד פון וויין

ווען דער כוס איז ליידיק, טרוקן,
מער קיין טראָפּן וויין צו שלוקן,
רינט מיין אויג מיט קוואַלן וואַסער.
זע, דער גרויסער גבור — וויין,
ליגט פאַרחלשט, ליגט אין פּיין,
בייגעקומען פון זיין האַסער.
און מיין ליד ווערט שטומער, בלאַסער,
אַנגעפילט מיין מויל מיט וואַסער.
ווער וועט פון די מאכלים נאַשן,
אַז קיין וויין מער אין די פלאַשן?
רופט־זשע, מענטשן, העכער, העכער:
צייט צו פילן יעדנס בעכער
פול מיט וואַסער, פול מיט וואַסער!
משה האָט דעם ים פאַרטרוקנט,
און דער נילוס טויכלע־שטיקנד.
אויך דער משה פון דעם הויז
טריקנט אַלע טייכן אויס.
פילט די בעכער פון געסט —
נו, לחיים, טרונקט און עסט!...
צו אַ פראָש בין איך געגליכן,
כ׳קאָן ווי ער שוין קוואַקן, קריכן,
דורך און דורך אַ נאַסער.
גלייך ווי ער קאָן אויך מיין מויל
זינגען קוואַקענדיק און פויל
ס׳ליד פון וואַסער, ליד פון וואַסער.
משה זאָל פון וויין נישט וויסן,
וואַסער, וואַסער זאָל דאָ פליסן!
זיינע קינדער אייביק דינען
זאָלן טעגלעך פון באַגינען,
נאָר אַראָפּ פון דעם געלעגער,
זיין אין שטאָט די וואַסערטרעגער!

(אידיש: ל. קוסמאַן)

איבערגעלייענט דאָס דאָזיקע איראָנישע ליד פון קאָלעגע ר׳ שלמה בן גבירול, וואָס שטייט מיר שטענדיק אַן אָנגעצונדענער פאַר די אויגן, האָב איך זיך אויפגעהויבן פון דער באַקוועמער שטול און איך בין אַרויסגעגאַנגען פון הויז. איך בין אַן איינזאַמער דורך דער ניו־יאָר־קער נאַכט געגאַנגען. נייך, נישט קיין פולשטענדיק איינזאַמער... וואָרים ביי מיינע בײדע זייטן האָבן מיט מיר מיטגעשפּאַצירט צוויי איידעלע דיכטער־געשטאַלטן: עדגאַר עללען פּאָו און ר׳ שלמה בן גבירול... דער באַרבאַרישער רעגן, געמישט מיטן שרויט פון שניי און האָגל, האָט פון מיר אַרויסגעוואַשן דעם זאַטן „דיכטערס״ פאַלשע רייד. די שטילקייט פון הימל, וואָס האָט זיך געלייגט אַריבער די שטורמישע שיכטן פון ערדישן וועטער, איז געווען באַלזאַם צו מיין געמיט. גאָט האָט מיך דורך דער נאַכט געטראָגן ווי אַ קליינטשיק קינד אין זיינע הייסע, אומגעהייערע הענט. איך בין אַהיימגעקומען אין מיין בלייענער שטוב און געלייענט דוד המלכס תהילים. אויך דוד המלך איז געווען געפאַנגען אינדער נעץ פון מענטשלעכער פאַלשקייט און פוסטער באַרימעריי. אָבער פון אַלע טאָלן פון יסורים איז ער הויך אויפגעשטיגן צו גאָט. ס׳האָבן אים געטראָגן די גאָלדענע פליגל פון זיין הערלעך געזאַנג. און ווי גרויסע פייערן זיינען פאַר מיר אויפגעגאַנגען דעם קעניגס גרויסע לידער...

ביים שויב איז געשטאַנען אַ שטילע, אַש־בלויע טויב און אַריינגעקוקט. איך האָב געעפנט דאָס פענצטער און זי אַריינגעלאָזן אין דער וואַרעמקייט פון מיין שטוב. ס׳איז געגאַנגען אַזוי פיל אויפריכטיקייט פון דער אָרעמער טויבס האַרץ... — — — — — — — — —

דער דיכטער האָט געענדיגט זיין דערציילונג. אין קאַפּע איז געשטאַנען אַ געדיכטער רויך. ס׳איז פון דער נאַכט אַרויסגעפאַלן הערמאַן גאָלד, מיט זיין טינט־שוואַרצן קאָפּ קודלאַטע האָר און צעשויבערטע באָרד. ער האָט געטראָגן אַ פּאַק מיט אַלטע ביכער. און האָט ביי אַ טישל גענומען אויספּאַקן זיין החמאָר. אין אַ ווינקל האָט דער ביוסט פון בלינדן האָמער אַזש גענומען סאַרקאַסטיש שמייכלען... דער שרייבער פון די שורות איז אַהיימגעגאַנגען מיט אַ גרויסע פלאַש מיט טינט, וואָס ער האָט דורכן טאָג געהאַט איינגעקויפט. ער איז געגאַנגען אָנשרייבן זיינע טויזנט דערציילונגען...

ניו־יאָרק, 20טן מאַי, 1955.

מײַן ערשטע ליבע־ליד

אַ גאַנצע װאָך האָב איך געשריבן דאָס ליבע־ליד אין די בלעטער פֿון מײַן שול־קאַיעט. עס איז געװען אַ ליד אין פּראָזע. און אַלע שײנע װערטער, װאָס מײַן דעמאָלטיק האַרץ האָט באַזעסן, האָב איך אױפֿגעצױגן, װי באַשײדענע פּערל, אױפֿן שנור פֿון דעם דאָזיקן ליבע־ליד. װאו האָב איך גענומען די ליבע, די דערפֿאַרונג, די יסורים, די אױס־דערװײלטע קעניגין, כּדי צו שרײַבן אַ ליבע־ליד?

די ליבע איז געװען אין פּופּצן יאָריקן האַרצן אַ גרױסע, אַ פֿלאַמענדיקע, אַן אומענדלעכע ליבע, אַ ליבע צו דער פֿרױ. צו װעלכער פֿרױ? צו אײנע פֿון די יונגע מאַדעלינס אין שטעטל, װעלכע האָבן פּאַראַדירט איבער די פּאָלאָװער גאַסלעך אין זײער אײנפֿאַכקײט און זיסקײט, װי הײמישע בעאַטריטשעס. איך האָב אין דער אמתן אַלע מײדלעך ליב געהאַט. דאָס האַרץ איז נאָך נישט געװען אַזױ פֿאַר־בלענדט, אַז עס זאָל זיך בײגן בלױז צום זעלטענעם כּישוף פֿון אײן טײַערער געליבטער, און עס זאָל זײַן גלײַכגילטיק צו די אַנדערע ליבע און צאַרטע פֿרײלינס פֿון שטעטל. עס איז מיר געװען גענוג אַ קוק צו טאָן אין פֿרילינג אױף אַ שטראַלנדיקן מײדלס יונגן פּנים, אַז איך זאָל איר נאָכגײן מיט געבראָכענע קניען, אַז איך זאָל איר נאָכגײן ביז צו איר הױז, װאו זי װערט טונקל פֿאַרשװאונדן און לאָזט איבער נאָך זיך אַן אַראָמאַט אין דער לופֿט, אַ פּערפֿיום פֿון איר עקזיסטענץ, אַ געשטאַלט און אַ געפֿיל װאָס פֿילט אױס די גאַנצע װעלט. לאָזט איבער נאָך איר פֿאַרשװאונדן װערן אין דער נאַכט, אין דער טינט־בלױער נאַכט אַ שליאַד פֿון גאָלדענע פֿינקען, אַזױ װי אַ שטערן, װאָס פֿאַלט אין דער נאַכט און װערט צעשאָטן אין פֿלאַמענדן שטױב. איך פֿלעג דעמאָלט שטײן בלײַבן אין דער גאַס, אין „בײַנאַכט אױפֿן אַלטן מאַרק“, צי בײַם פֿאַרזשאַװערטן פּלױט און שרײַבן אױף די טונקעלע און אַלטע כּמאַרעס װערטער צום גרױסן ליבע־ליד. און די לבֿנה פֿלעגט אױפֿגײן גרױס און פּערלדיק, אין אַ זײַדענעם העמד, און מיך פֿאַרגליװערן אין אַ שנײ פֿון ליכט.

דער מאָדעל פֿאַר מײַן ליבע־ליד איז געװען די מאָדעל פֿון אַלע ראָ־מאַנטיקער. װײַל לײענענדיק די ליבע־לידער פֿון אַנדערע פּאָעטן, האָב איך ליב געקראָגן זײערע געליבטע. סוף כּל סוף איז עס די אײנע פֿרױ, די אײנע װענוס, װאָס לױכט אױף צו די פּאָעטן אין זײערע ליבע־לידער. צװישן די צװײגן־פּערזן פֿון די לידער, און אַ פֿרױען־פּנים קוקט אַרױס װי דורך אַ כװאַליע, װי אַ זון דורכן נעפּל, אײן און אײנציק צאַרטע פֿרױען־פּנים, מיט אַ כװאַליע גילדערנע האָר, מיט זוניקע אױגן, מיט שטערב־לעכקײט אין איר בלאַסער הױט; עס איז די פֿרױ װאָס האָט אָנגעצונדן די דיכטונג פֿון אַלע פּאָעטן. די פֿרױ, דער שיקזאַל, די דראַמע, די לײַדנשאַפֿט, דער חלום, די ראָמאַנטיק, די בענקשאַפֿט, די קאָסמישע דערפֿילונג, דער חובֿ װאָס קומט פֿון יעדן מאַן צו דער נאַטור, די דאַמע צו װעמענס הײליקע פֿיס עס קניט יעדער ריטער און פֿאַר װעמען ער פֿעכט זײַנע שלאַכטן, װאָס צינדט אָן די גרױסע לידער פֿון די גרױסע

דיכטער. און די דאָזיקע דאַמע, וואָס האָט געקענט זיין פאַרקערפּערט אין אַ פיינעם פּרויען־פּנים פון שטעטל; אין אַ סטאַטוע פון גריכנלאַנד, אין גרינעם סאָד פונם רב; אין אַ מאַלעריי פון באַטיטשעלי צי פון קאַרפּאַטשאָ, ערגעץ וואו אויף אַ קעניגלעכער וואַנט געזען, אין דעם ציטערנדיקן, שאָטנדיקן, טראַגישן פּנים פון דער לבנה — די דאָזיקע אייביק־יונגע און אוראַלטע דאַמע איז אויך געווען דער מאָדעל פאַר מיין ליבע־ליד, פאַר מיין אומבאַהאָלפענעם שיר השירים.

איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט אַ סך געלייענט. די פילאָסאָפיש־סקעפּטישע רייד פון דעם פּערסישן אמאר כאַיאַם האָבן ווי צירונג טייערע און זעלטענע פאַר מיר געלויכטן און האָבן זיך געקייטלט מיט די טאַמעטענע, מיט די פלושענע רייד פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, אין וועמענס לידער, אָפּגעריסענע ווי שבתדיקע פּירות פון דעם גרויסן בוים פון אַלט־אינדישער פּאָעזיע און פילאָסאָפיע — איך האָב קיינמאָל נישט געזען דאָס ספּעציפישע פּנים פון דער דאַמע, נאָר וועמענס אָנוועזנקייט עס האָט זיך געפילט, וועמענס שאָטן איך האָב געזען, וועמענס צאַרטע און שטילע עקזיסטענץ איז געגנוג פאַרבאָרגן אין די לידער אַזוי ווי דו פּילסט דער זונס עקזיסטענץ צווישן די צעלויכטענע וואָלקנס, כאָטש איר אַליין, דער זון, זעסטו נישט אין די געוויינלעכע רונדע קאָנטורן. איך האָב דעמאָלט געטרונקען ווי בראָנדזענעם האָניק די לידער פון דעם קלוגן האפיז, וואָס דיסקוטירט מיט סאקי און מיט סאהיד וועגן וויין און פרויען. און אויפגעגאַנגען זיינען פאַר מיר, ווי גילדערנע צייכנס אויף זילבער־פּאַפּיר, די לידער פון לי־טאַי־פּאָ, ווי קליינע און דינע קרענצלעך מיט ווייסע בליעכץ פון קאַרשנבוימער. איך פלעג הערן דאָס פליוסקען זיך פון די כוואַליעס, בשעת דער ווייסער און זיל־בערנער גרייז לי־טאַי־פּאָ באַוועגט זיך מיטן שיפל איבערן שוימיקן און געהיימניספולן וואַסער. איך האָב געלייענט די גראַציעזע און סאַרדאָ־נישע פערזן אין היינעס „בוך דער לידער”, און די טרויעריק־זוניקע לידער פון זיין „ראָמאַנצעראָ”, וואו גרויסע ביבלישע און מיטאָ־לאָגישע קעניגן זיינען אויפגעגאַנגען, בשעת היינע איז אַן איינזאַמער און אַ צעבראָכענער געלעגן אויף זיין „מאַטראַצן־קבר”. און אַלע די דאָזיקע לידער, איינגעשלאָסן די ליבע־ליריק פון דער מאָדערנער פּאָע־זיע, זיינען מיר אַריין אין האַרצן, און איך האָב מסתמא פאַר מיין לאַנגן ליבע־ליד ביי אַלעמען, אפשר אומבאַוואוסטזיניק, געבאָרגט שטיקער גאָלדענע פערזן. אין אַ טאָג, האָב איך געאַנט, וועל איך זיי צוריקצאָלן מיט פּראָצענט...

און איצט האָב איך די ליבע־פּאָעמע, דעם העפט באַשריבענעם פּאַ־פּיר, געטראָגן אין אַ געדיכטן, היימישן רעגן, צום הויז פון שלמה שיינ־בערג, דעם פּראָפעסיאָנעלן פּאָעט פון שטעטל. עס איז שוין אַרום ניין אַ זייגער ביינאַכט, וווּיזט אַן אַלטמאָדישער זייגער אין אַ געסל. דאָס שטעטל פולאַוו איז שוין אָפּגעשטאָרבן. קיין גאַסן און קיין שפּאַצירנ־דיקע שיינע פרויען. קיין הימל און קיין שטערן נישט... דאָס לעבן האָט גאָר אַן אַנדער אויסזען אין דער רעאַליטעט, אפילו אין דעם אידי־שן שטעטל פולאַוו...

דאָס הויז וואו איך בין אָנגעקומען, איז געווען דאָס הויז פון פנחס קרימער, דער שטעטלדיקער צייטונגס־פאַרקויפער און בוכהענדלער. פנחס קרימער איז אין זיין יוגענט קראַנק געווען אויף שווינדזוכט. ער האָט דעריבער קיינמאָל נישט געהייראַט און ער האָט געוואוינט מיט זיין אַלטער מוטער. פנחס קרימער איז געווען אַ ווירדיקער מענטש, אַ רואיקער און אַ שטילער, מיט אַן איידל פנים און אַ פיינע מאַנסבילשע פיגור. מען האָט געמוזט האָבן פאַר אים דרך ארץ, נישט אויס מורא, נאָר אויס ליבשאַפט און רעספעקט. צו אים טאַקע האָט געהערט די דרוקעריי, וואו מען האָט געזעצט אידישע ביכער פאַרן וואַרשעווער אידישן „פאַרלאַג יאַטשקאָווסקי" — שפּעטער „פאַרלאַג ברזשאָזאַ". די דרוקעריי האָט אָנגעפירט פנחס קרימערס אַ קרוב, דער איבערזעצער פון רוסישער פּאָעזיע, דער פּאָעט שלמה שיינבערג.

דאָס הויז איז געשטאַנען אין אַ גרויסן הויף, מיט אַ שטיינערנעם טויער. עס איז געווען אַן אַלט, נידעריק הויז, אַזוי ווי פנחס קרימערס אַלטע, קליינע מוטער. איך האָב מיט שרעק באַטראַכטן די פּאָר קרומע, אויסגעדרייטע טרעפּלעך. גייענדיק אויף די טרעפּ, האָב איך געטראַכט פון מיין שיקזאַל. פון מיין פאַרפאַלגט ווערן אַלס פּאָעט. פון דעם פאַרשאַלטן זיין פון ליד. עפּעס האָב איך געפילט אַז צוזאַמען מיטן ליד האָב איך אויף זיך אַרויפגעצויגן דעם שיקזאַלס־מאַנטל פון שמערץ. איך האָב שוין דעמאָלט געאַנט אַז צו זיין אַ פּאָעט מיינט צו זיין אַ פאַרשאָלטענער מענטש, געיאָגט פון די געטער. פּאָעט צו זיין מיינט צו זיין איינזאַם אין דער דאָזיקער וועלט. מיינט צו טראָגן אויף זיך די וועלט, ווי אַטלאַס טראָגט דעם גלאָבוס אויף די פּלייצעס. אַז צו זיין פּאָעט מיינט — זיך באָדן אין אייגענע טרערן. איך האָב עס שוין אין יענע אינגלישע יאָרן פאָראויסגעזען און פאַרשטאַנען.

פינצטער איז דאָ געווען אויף די קרומע און אַלטע טרעפּ. נאָר איך בין געגאַנגען מיטן ליכט פון מיין ליבע־פּאָעמע. ס'האָבן פון דינעם קאַיעט מיינעם די ווערטער אַרויסגעלויכטן ווי גרויסע לאָמפּן, מיט פאַרביקע אַבאַזשורן. איך האָב אין דער האַנט געטראָגן אַ גרויסע גילדענע קאַנדעלאַברע — מיין ליד. פון מיין ערשטן שיר השירים איז געגאַנגען ליכט און גלויבן און ענטוזיאַזם. און אָט ענדיקן זיך די טרעפּלעך, אויסגעריבענע פון מענטשנטריט. אָט איז די אַלטע טיר, די טיר האָט אַמאָל געלויכטן — אַלס אַ בוים, אויף אַ פרייען, זוניקן פעלד. די צווייגן רוישן און וואַרפן זיך אין דער לופט, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיין כוואַליעס וואָס פּלעסקן זיך אין ים. שוין לאַנג ווי דער בוים איז פאַרשניטן געוואָרן. דאָס ליכט וואָס ער האָט אַריינגעאָטעמט אין אַ סך טעג, איז אויסגערונען געוואָרן פון זיינע אַרטעריעס, ווען מען האָט אים אָפּגעזעצט פון דער ערד, אָפּגעטיילט, ווי אַ געקעפּטן קאָפּ, פון זיין וואָרצל, פון זיין ערד, פון זיין קאָסמישער טיפעניש. און עס איז גוט וואָס דער בוים איז געוואָרן אַ טיר צו אַ הויז וואו מענטשן וואוינען. דער בוים האָט ליב ווען אים באַרירן מענטשלעכע הענט, אַקסלען. ווען מענטשן איילן זיך אַריינצוגיין דורך אים, אַ היים, צו דער אויסגעריבענער, גוטער טאַבורעטקע, צום בעט, צום צעשניטענעם טיש

מיט דער טינט־פאַרפלעקטער צעראַטע, צו דער קיך מיט איר שטילן, היימישן פייער, וואָס וואַרעמט געטריי אין די קאַלטע ווינטער נעכט.

— גוטן אָונט, פרוי קרימער! — האָב איך געזאָגט ביים עפענען די טיר, נאָכדעם ווי איך האָב אָנגעקלאַפּט, — איז שלמה שיינבערג דאָ אין דער היים?

— שלמה שיינבערג זעסטו דאָך אַז ער איז נישטאָ. וואָס האָסטו געוואָלט? ווער ביסטו? וועמענס אינגל? צו וואָס באַדאַרפסטו האָבן שלמה שיינבערגן?

— איך בין מאָטל זייגערמאַכערס זון, פון קאַסאַ גאַס. איך וויל לייענען מיין ליבע־ליד פאַר שלמה שיינבערג. קומט ער באַלד צו גיין?

— שלמה שיינבערג קען יאָ און נישט קומען. אויף זיין וואָרט באַדאַרף מען זיך נישט פאַרלאָזן. און וואָס ביסטו דאָס פאַר אַ שרייבער פון ליבע־לידער? האָסטו דען ליב אַ מיידל? וועלכעס מיידל האָסטו דאָס אַזוי שטאַרק ליב אַז דו שרייבסט צו איר אַ ליבע־ליד?

— פרוי קרימער, מען מוז נישט ליב האָבן קיין מיידל אויף צו שרייבן אַ ליבע־ליד. אַ סך מענטשן האָבן ליב מיידלעך און זיי שרייבן נישט קיין ליבע־לידער. איך האָב נישט ליב קיין באַשטימט מיידל און איך שרייב יאָ אַ ליבע־ליד.

— דו זאָגסט אַ ליגנט. דו האָסט שוין יאָ ליב אַ מיידל. אַנדערש וואָלסטו נישט געשריבן קיין ליבע־ליד. דו שעמסט זיך. נו, לייען מיר פאַר, לאָמיר נאָר הערן וואָס דו האָסט געשריבן צו איר? ווי הייסט זי, דיין אויסדערוויילטע? שולמית?

איך בין געווען פאַרשעמט. מיר האָט זיך אין דעם מאָמענט גע־דאַכט אַז עס איז אַ פּראָפּאַנאַציע צו מאַכן מיין ליבע־ליד אָפּהענגיק פון וועלכן עס איז ערדישן מיידל. אין מיין ליבע־ליד באַזינג איך דאָך די אומשטערבלעכע פרוי, די צאַרטע רחל, די מאַרמאָרענע ווענוס, די פרוי בכלל, די אידייע פון דער מאַמע, די יונגע פרוי וואָס באַגייסטערט די פּאָעטן און די שטערן אין זייער הימלישן ספערן־גאַנג.

איך האָב אומבאַהאָלפן געקוקט אויף פרוי קרימער. אויך זי איז געווען אַ פּראָפּאַנאַציע צו זיין די ערשטע לייענערין, איבערהויפּט דער ערשטער קריטישער מבין, אויף מיין ליד. לייענענדיק די ראָמאַנען פון שמר־שייקעוויטש, הגם איך האָב שוין אויך געלייענט וועלט־ליטעראַ־טור, האָב איך געזען אַז דער צו מיר אין יענער צייט לעגענדאַרער ראָ־מאַניסט ווענדעט זיך צו דער „שיינער לעזערינע”. אויך איך פלעג זיך אין מיינע זאַכן ווענדן צו דער שיינער גאָלד־געלאָקטער לעזערין. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט געלייענט ביי מאַקסים גאָרקי, ווי איינמאָל גייט ער פאַרביי אַ הויז און ער זעט אין פענצטער ווי אַ מוטער מיט אַ טאָכטער זיצן אין אַ וואַרעם־באַלויכטענער שטוב און זיי ביידע לייענען פון אַ דיקן בוך, פון אַ ראָמאַן... זייערע שיינע פּנימער באַלויכטן גליענדיק ווי אַ מאָלער וואָלט זיי מאָלן. ביידע דאַמען דיסקוטירן יעדער ווילע די אַדורכגעלייענטע שטעלן פונם בוך, צוזאַמען איבערגעלעב־טע... אין יענעם מאָמענט, נאָך אַן איינזאַמער רוסישער בראָדיאַגע, אין דער פייכטער נאַכט ביי דער שניידיק־געזאַלצענער און רויער

וואָלגע, האָט אין דעם רוסישן יונגס מוח געמוזט געבוירן ווערן די אידייע פון שרייבן אַ ראָמאַן, פאַר אַזעלכע שיינע, אידילישע לייענע־רינס . . .

און דאָ זיצט מיין ערשטע לעזערינע, אַן אַלטע, צעבראָכענע פרוי, אַ אידישע פרי אַלט־געוואָרענע מאַמע, פון אַן איינציקן זון וואָס האָט געשפּיגן מיט בלוט. זי איז געבליבן לעבן און מאַטערן זיך כדי צו זיין די מוטער, די פרוי, די פריינדין, די חברטע פון דעם זון וואָס האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. וויפיל שרעק פאַר איר זונס לעבן איז געווען אין אירע אַלטע אויגן, די אויגן פון אַ שטומער חיה, וואָס פון איר צעוואונדיקטן קערפּער שטראָמט בלוט, אַ געטראָפענע פון דעם געהיימניספולן יעגער אין טיפן, גרויסן וואַלד. זי איז אַמאָל געווען שיין. זי איז אַמאָל געווען אַ יונגע, אידיש־חנעוודיקע, צאַרטע מיידל. עס איז פרי איר מאַן געשטאָרבן און דאָס איינציקע אינגל האָט זי אַלע יאָרן געקאָרמעט אַזוי ווי אַ פויגל קאָרמעט זיין שוואַך און זיין צאַרט קינד, זיין אָרעם שוועלבעלע. דאָ שטייט זי איצט פאַר מיר, אַ מאָנומענט פון לידן. די אידישע פרוי, די אידישע מוטער, רעספּעקט פאַר איר!

נאָר צו זיין די ערשטע לייענערין פון מיין ערשטן ליבע־ליד, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, איז עפּעס אַ פּראָפאַנאַציע צו מיר . . . איך האָב צו יענער צייט נאָך נישט געוואוסט אַז דאָס וועט זיין מיין גורל, צו ווערן אַ אידישער שרייבער און צו האָבן אַלס לייענער בלויז אַלטע פרויען און מענער . . . בלויז די שטומע, די איינזאַמע געשטאַלטן. די „שיינע לעזערינע" וועט אוועקגיין צוזאַמען מיטן לעגענדאַרן, פאַנטאַסטישן שמ"ר. די אַלטע, אידישע פרוי, — זי וועט זיין די לעצטע לייענערין פון דער אידישער ליטעראַטור. איך האָב אויך צו יענער צייט נישט געוואוסט אַז דאָס ליבע־ליד איז סימבאָליש פאַר מיין גאַנצן שפּעטער־דיקן שאַפן. אַז איך פאַנג אָן מיין דיכטונג מיטן ליבע־ליד, און מיט ליבע און ליבשאַפט וועט ווערן דורכגענומען מיין גאַנץ שרייבן — ליבשאַפט צו די פאַרפייניקטע, געמאַטערטע, ערדישע געשטאַלטן. ליב־שאַפט צו די דיכטער, צו די צאַרטע, פּאָעטישע געשטאַלטן, גליענדיקע אין זון־אונטערגאַנג, צעלויכטענע ווי רעמבראַנדט־פיגורן, צו די יונג־פאַרשטאָרבענע, צו די אויפגעגעסענע פון דיכטונג. ליבשאַפט צו דער וועלט, צום לעבן, צום לעבן וואָס איז פון קינדערוויגל אָן דורכגענומען מיט יסורים און מיט צווייפל, מיט קאָסמישן פחד, מיט אייביקער שרעק פאַרן טויט, מיט פינצטערער אימה. דאָס ליבע־ליד איז געווען דער אָנפאַנג און דער סוף פון מיין ליטעראַרישער קאַריערע, אויב מען מעג אָנרופן אַ אידישן שרייבערס שאַפן, אין די ביטערע באַדינגונגען אין וועלכע עס קומט אים אויס צו לעבן און צו שאַפן — קאַריערע . . .

פרוי קרימער וואָלט מיך שווער געקענט באַוועגן צו לייענען פאַר איר מיין ליבע־ליד, ווען נישט אַ מאָדנע פאַל. איך האָב דערזען הענגען אין אַ ווינקל פון צימער, אויף אַ ווילגאָטנער און פאַרשטויבטער וואַנט, אַ פּאָרטרעט פון אַ פרוי. עפּעס אַן אַלטער פּאָרטרעט פון אַ פרוי, וואָס ווען איך טראַכט איצט נאָך, דאַכט זיך מיר אַז עס איז געווען פון דעם רענעסאַנס־מאַלער פראַ פיליפּאָ ליפּי. די פרוי האָט תפילה געטאָן און גאָלדן זיינען אירע גאָלדענע האָר געפאַלן איבער אירע גאָלדענע

1955

אַקסלען. די פרוי, אינם האַלב־טונקעלן, אַזוי ווי די גאַנצע צייט זיך צוהערנדיק צו מיינע רייד, האָט מיך מיט איר זעלטענער שיינקייט אינספּירירט צו לייענען פאַר איר דאָס ליבע־ליד...

לייענענדיק מיין ליבע־ליד פאַר פרוי קרימער, האָב איך געפילט אַנדערש ווי ווען איך האָב עס אין אינטימיטעט געשריבן. די פראַזן, די אויסדריקן פון ליבע, די געבאָרגטע עפּיטעטן פון ראבינדראַנאָט טאַ־גאָרע און פון אַנדערע פּאָעטן, האָבן מיר מאָדנע פרעמד געקלונגען. נאָך פרעמדער האָט עס געמוזט קלינגען צו דער אַלטער פרוי, וואָס איז שוין געווען זייער ווייט פון אַזאַ מין ליבע. איך האָב דערביי יעדער ווילע געקוקט צום פּאָרטרעט, צו דער געהיימניספולער דאַמע, אויב איר גע־פעלט מיין ליד... מיר האָט זיך געדאַכט אַז די איידעלע דאַמע שמייכלט צו מיר, די וואונדערלעכע דאַמע, פון דער גאָלדיק־פּאָרשטויבטער ראָם אַרויס... אין דעם מאָמענט האָב איך דאָס ליד פון ליבע אינגאַנצן צו איר געווידמעט.

פרוי קרימער איז אָבער וואָס אַמאָל געוואָרן אומגעדולדיקער. איר כעס האָט אָפּן אויסגעבראָכן ווען איך בין צוגעקומען צו אַ שטעלע, וואו איך האָב געשילדערט מיין געליבטערס גוף וואָס שמעקט ווי אַ בינטל בעז. פרוי קרימער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די דאָזיקע שטעלע. אַז אַ פרויס רייצנדער גוף קען שמעקן צו אַן עקזאַלטירטן אינגל ווי פרישער, פרילינגדיקער בעז, האָט פרוי קרימער נישט געקענט פאַרשטיין, די אָרעמע, די אַלטע פרוי. ביי דער דאָזיקער פאַטאַלער שטעלע בין איך טאַקע געבליבן שטיין. זי האָט זיך געטומלט און צע־שריגן אַזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַ געשעפט, אַ פראָזאַאישן ענין. און דערביי בין איך געווען דער שולדיקער. איך בין געווען אומבאַהאָלפן אין פרואוון איבערצייגן איר אַז אַ ליבער מיידלס גוף שמעקט טאַקע מיט פרילינג און מיט בלומען. זי איז שוין לאַנג נישט געווען קיין יונגע, זאָרגלאָזע מיידל... אין מיין אומבאַ־האָלפנקייט, האָב איך געקוקט אויף דער רענעסאַנס־דאַמע, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון אונטער אַ נעפּלדיקן וואואַל, פאַרטיפט אין אַ תפילה. נאָר איר שיינקייט האָט געוועקט צו זינד... איך האָב ביי דער דאָזיקער דאַמע געזוכט טרייסט פאַר מיין ליבע־פּאָעמע. איר הערלעכע שיינקייט האָט באַרעכטיקט מיינע פּאָעטישע פראַזן, וועלכע פרוי קרימער האָט אַזוי שטאַרק נישט געקענט ליידן.

ענדלעך זיינען אָנגעקומען שלמה שיינבערג, זיין שוועסטער יהודית און פנחס קרימער. אויך שלמה ראָזענבערג, דער איבערזעצער פון פּוי־לישן שריפטשטעלער סטאַניסלאַוו וולאַדיסלאַוו ריימאָנטס „פּויערן", און מחבר פון אידישע היסטאָרישע ראָמאַנען. איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר דער דאָזיקער נאָבעלער געזעלשאַפט. איך האָב שוין נישט געהאַט קיין חשק צו לייענען הויך פאַר אַלעמען מיין ליבע־ליד, איבערהויפּט ווען פרוי קרימער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַרואיקן. זי האָט געהאַלטן אין איין וואָרטשן. דאָך, אויף דער „שטרענגער" אויפפאָ־דערונג פון די געסט, די אמתע מבינים פון ליטעראַטור, האָב איך אָנגע־הויבן צו לייענען. מיינע ווערטער האָבן איצט נאָך מער אָנגעוואוירן פאַר

מיר זייערוואוילקלאַנג און עכטקייט. דאָס זיינען געווען פּרעמדע, שיינע ווערטער, ווי שוין געזאָגט, אַרויסגעריסן פון דעם אַלבום פון לירישער וועלט־פּאָעזיע. מיינע אייגענע ווערטער, מיינע פּאַרפיומירטע פּראָזן און הויך־קלינגענדע ווענדונגען האָבן מיר איצט געגרילצט אין די אויערן. עס איז שוין איצט געווען אַ גרויסע דיסטאַנץ צווישן דעם איצטיקן קריטישן פאַרלייענער און דעם פריערדיקן ענטוזיאַסטישן פּאָעט, וואָס האָט אינם קאַרגן ליכט פונם דרייער־לעמפּל, אין היץ פון שעפערישקייט, אָנגעוואָרפן די לירישע פּערזן.

— איז דאָס אַלץ געשריבן בלויז צו איין און איינציקער פרוי אָדער צו הונדערט פרויען אויף אַמאָל? — האָט שלמה שיינבערג מיך אונטערבראָכן.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער מיך געפרעגט צי איך האָב געלייענט טאַגאָרען. איך געדענק נישט צי איך האָב געלייענט. אָבער איך האָב טאַקע, ווי שוין דערמאָנט, די לעצטע טעג געהאַט געלייענט די לידער פון טאַגאָרען אין דער אַלטער זאַמלונג פון זשורנאַלן „דער שטראַל", וואָס איך האָב געהאַט געפונען אין דער ציוניסטישער ביבליאָטעק.

אין אַ זייט האָט מיך שלמה ראָזענבערג געפרעגט אויפן אויער צי איך האָב שוין געזען מיט די אייגענע אויגן אַ נאַקעט מיידל... מיך האָט, נאַטירלעך, אַביסל שאָקירט שלמה ראָזענבערגס פראַגע. ווען איך שרייב אַזאַ דערהויבן־ עקזאַלטירטע פּאָעמע צו דער אידעאַלער פרוי, ווי אַזוי האָב איך רואיק געקענט טאָלערירן אַזאַ „פּראָזאַאישע" פראַגע... איך האָב געדענקט אַז דאָס איז פאַר מיר אַ שרעקלעכע באַליידיקונג. פונדעסטוועגן האָב איך גוט געדענקט זיין פראַגע... ניין, איך האָב טאַקע קיין נאַקעטע פרוי נאָך נישט געהאַט געזען. אָבער טאָר איך דערפאַר נישט שרייבן קיין ליבע־ליד? וואָס האָט איר נאַקעטער גוף צו טאָן מיט מיין ריינער ליריק? און מען קען זיך דען נישט פאָרשטעלן ווי אַזוי אַ מיידל זעט אויס נאַקעט? — האָב איך געטראַכט. הכלל, די פראַגע זיינע האָט מיך היפּש צעטומלט. איך האָב זיך געפּרוווט איצט פאָרשטעלן די היימישע מיידלעך פון שטעטל. ווי אַזוי די און יענע זעען אויס ביים באָדן זיך אין דער ווייסל, הינטערן וואַלד... ווי אַזוי די צאַרטע ליזאַ זעט אויס ווען זי גייט שלאָפן. ווי אַזוי רחל לוּיכט אַ נאַקעטיקע, ווען די לבנה קומט צו צו איר בעט, ווי אַ געטרייער פריינט, איר צו קושן דאָס בלייכע פּנים די גאָלדיק־לאַנגע האָר, די געשניצטע אַקסלען, די דינע הענט...

פרוי קרימער האָט איצט כמעט ווי טריאומפירט, הגם זי האָט איצט נישט מער אָנטיילגענומען אין דער דיסקוסיע. די געזעלשאַפט פון מענער איז געווען אויף איר זייט, איראָניזירנדיק איבער מיין ליבע־ליד. פאַרשעמט איז אויפן טיש, ווי אַ באַשולדיקונגס־אַקט, געלעגן דער קאַיעט מיט די פאַרשריבענע בלעטער — מיין ערשטער שיר השירים...

— שרייבט נישט וואָס איר טראַכט אויס, נאָר וואָס איר פילט און זעט. אויב איר זענט פאַרליבט אין איין באַשטימטן מיידל, שרייבט און דריקט אויס וואָס איר פילט צו איר. מאָלט דאָס מיידל ווי אַזוי זי זעט

אויס. ווי אַזוי זי האַנדלט לגבי אייך. זאָל מען זען, זאָל מען „אָנטאַפּן" אין אייער ליד דאָס מיידל, איין און איינציקע מיידל — און נישט קיין הונדערט. באַרגט נישט ביי הונדערט פּרויען זייערע שטריכן, זייערע שיינקייטן, זייערע כאַראַקטערן. פון דעם וועט קיין איינציקער רעאַליס־טישער טיפּ נישט אַרויסקומען. שרייבט וועגן איין באַשטימטע מיידל, און דאָס וואָס איר וועט זאָגן צו איר, זאָל זיין עכט, פון סאַמע האַרצן. אין דעם ליבע־ליד וואָס איר האָט געשריבן, זיינען פאַראַן שילדערונגען וואָס מען וואָלט געקענט פאַרטיילן צו אַ טויזנט פרויען און דאָך זאָל קיין איין און איינציקע פרוי נישט אַרויסקומען קיין לעבעדיקע, קיין גאַנצע געשטאַלט. עס וועט איר פעלן די נאַטירלעכקייט, די עכטקייט. דער וואַרעמער אָטעם פון איר גוף וועט זיך נישט פילן. זי וועט נישט שטיין אויף אירע אייגענע פיס. דאָס וואָס איר מאָלט, איז נישט קיין פרוי, נאָר עפּעס אַ גייסטערהאַפטע, הימליש באַשעפעניש, אַזאַ וואָס עקזיסטירט נישט אויף דער ערד...

אַזוי אומגעפער האָט דעמאָלט שלמה שיינבערג צו מיר גערעדט. ער איז געווען מיין ערשטער ליטעראַרישער לערער. און ער איז, פאַר־שטייט זיך, געווען גערעכט. די גאַנצע צייט בין איך געשטאַנען ווי אונ־טער אַ קרייץ־פאַרהער. און מער ווי פאַר אַלע אַנדערע, האָב איך זיך געשעמט פאַר יהודיתן, די זעכצן יאָריקע שוועסטער פון שלמה שיינ־בערג. יהודית איז געזעסן אין אַ ווינקעלע, אויף אַ נידעריקער טאַבו־רעטקע, קענטיק אַ מידע, מיט אויגן האַלב־פאַרשלאָסענע, פון וועלכע ס'האָט זיך דאָך אַרויסגעשלאָגן אַ טיפע, צאַרטע בלויקייט ווי פון פאַר־נאַכטיקן הימל. די האָר אירע, קאַשטאַן־ברוינע, זיינען געווען נאַכלע־סיק־צעוואָרפן, אויף אירע דינע שולטערן, אויף איר ווייסע, מאַרמאָרענער הויט. די בריסטן האָבן זיך מיט עקשנות אָפּגעפּרעסט אויפן שטאָף פון איר ווייכער, דינער בלוזקע, דורך וועמענס דעקאָלטע מען האָט געקענט זען איר יונג, מילך־בלייכן לייב. דאָס פנים אירס איז געווען נישט פון די געוויינלעכע זיסע מיידלעך. אַ פנים, אַזוי ווי אַ מעקסי־קאַנישע מאַסקע, פון וועלכן ס'האָבן, ווי גענאָגט, אַרויסגעלויכטן די צאַרטע, בלויע אויגן. זי האָט געהאַט שאַרפע קינבאַקן. כאַראַקטער אין איר פנים. דאָס פנים פון אַ ספינקס.

יהודית האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעהערט צו מיין ליבע־ליד און נאָכדעם צו דער דיסקוסיע פון די מבינים. לויט איר נאַטור, מיר דאַכט, נישט געשטימט ראָמאַנטיש, גיכער ציניש, ראַציאָנאַליסטיש, האָט מיין ליד צו איר געמוזט קלינגען שרעקלעך, אומנאַטירלעך און באָמבאַסטיש.

און בשעת די גאַנצע קליינע געזעלשאַפט האָט דיסקוטירט איבער מיין ליד, איז מיר נאָענט געוואָרן דאָס מידע, דאָס איינזאַמע געשטאַלט פון יהודית. עפּעס איז געווען אַ שייכות צווישן איר און די דאַמע פונם פּאָרטרעט פון פיליפּא ליפּי. מיר האָט זיך געדאַכט אַז די גאָלדענע דאַמע איז אַרויס אויף אַ ווילע, זיך אָפּצורוען. זיך איינצוהערן אין דער מוזיק פון מענטשלעכע רייד. צו אָטעמען די שטויביקע לופט פון אַן אַלטן הויז, פון אַ אידישער שטוב, וואָס איז פול מיט ביכער און מיט

אַלטע צייטונגען. דאָ איז געווען געמיט, שטימונג, אַטמאָספּערע. ווען איך שעם זיך נישט, וואָלט איך צוגעגאַנגען צו דעם מידן, האַלב־שלאָפנדיקן מיידל יהודית און איך וואָלט איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ, אין דעם זייד פון די קאַשטאַן־ברוינע האָר. זי איז געווען עכט און לעבעדיק און די שלעפעדיקע מידקייט האָט איר געקליידט, ווי עס קליידט דער צער און די מעלאַנכאָליע צו אַן איידעלער פּרויען־פיגור, צו אַ צירק־טענצערין פון דעגאַ.

עס איז מיר געווען אַ שאָד פון דער דאָזיקער שטוב אַרויסצוגיין. אָ, ווען איך קען כאָטש זיך באַהאַלטן אין דער ראַם פון פראַ פיליפּאָ ליפּיס בילד. ווען איך קען דאָרט שטעקן בלייבן מיט דער וואונדער־לעכער רענעסאַנס־דאַמע... — — —

ווען איך בין שפּעט ביינאַכט איבער די שטעטלדיקע וועגן געגאַנ־גען, איז דער הימל געווען דורכזיכטיק ווי אַ זיידענער פּאַראַסאָל. מען האָט דורך אים געקענט זען אַלע האָניק־ברוינע מלאכים, און אַלע פּנימער פון די פאַרשטאָרבענע מענטשן פון דער ערד. די לבנה, מיט איר שאַרפן, קינבאַקיקן פּנים, האָט זיך מיר געדאַכט, זעט אויס ווי די שלאָפנדע יהודית. און כסדר האָט זיך מיר געדרייט דאָס מיידל פאַר די אויגן, וואָס האָט הנאה פון איר מידקייט, וואָס האָט ליב די מידקייט פון אירע יונג־מיידלשע גלידער, וואָס געניסט איר אַריינפליסן אין דער ראָלע פון דער פרוי, מיט אַלע אירע פיזיאָלאָגישע אייגנשאַפטן. פּאַסמעס ברוינע האָר, ווי הערבסטיקע בוימער־צווייגן, זיינען געווען צעוואָרפן איבער אירע מילעכדיקע בריסט, איבער דער דינער און גילדענער בלוזקע. אַלע ווערטער און פראַזן פון מיין ערשטן ליבע־ליד האָבן בישט געהאַט דעם וואונדערלעכן רעאַליזם, דעם פּשוטן חן, די עכטקייט און די ראָמאַנטיק פון איין קנייטש פון איר בלוזקע, פון איין בינטל שטראַלנ־דיקע האָר וואָס טריפט מיט פאַרב, נאַכלעסיק ווי אַ גאָלדיקער שטראָם פליסנדיק איבער איר דינער, צאַרטער פּלייצע — איבער איר געזונ־טער פּלייצע, ווי אַ שטיק פּעלז אויסגעשניטן אין אַ סקאַלע מיטן שאַרפן דימענט פון אַ שטערן...

אויפן הימל זיינען געגאַנגען וואָלקנס, דאָ טונקעלע, פאַרשריבענע, ווי אויסגעריסענע בלעטער פון מיין מאַנוסקריפּט. דאָ העלע און ווייסע, גרייט פאַרשריבן צו ווערן אין דער צוקונפט פון מיין פּעדער, גרייט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין געדיכטער, זיידענער פּראָזע... איך בין געגאַנגען ווי אין אַ חלום, אין דעם אומענדלעכן קאָרידאָר פון דער בלויער, פון דער אַלפאַרביקער נאַכט... איך בין געגאַנגען שיכּור און פאַרכישופט אין דער גרויסער וועלט אַריין... — — — —

דאָס תהלימל

איך בין היינט צוגעפֿאָרן אין די בראָנקס צו מיין אײנציקע שוועס־טער מירעלע. און דאָרט האָב איך זיך ווידער אין געהיים געטוליעט צו אַלע זאַכן וואָס זיינען איבערגעבליבן פֿון מיינע עלטערנס הויז. צו די טייערע זאַכן פֿון מיין פֿאָטער און מוטער. מיין טאַטע האָט ליב געהאַט צו קויפֿן סטאַטועטקעס און זיי איבערצופֿאַרבן די שטיינערנע גלידער. ער פֿלעגט איינקויפֿן גאָלדענע און זילבערנע פֿאַרבן. די סטאַ־טועטקע פֿון דער פֿרוי מיטן שלאַנקן, רייצנדיקן גוף האָט געפֿאַנגען מיין האַרץ. מיין פֿאָטער האָט צוגעשמירט אירע לאַנגע האָר מיט גאָלד. און פֿלאַם האָט ער אַריינגעזעצט איינמיטן פֿון אירע ברוסטן. און פֿייער האָט ער אַריינגעשטעלט אין אירע אויגן. ער האָט זיך גע־שפּילט מיט איר פֿיגור. ער האָט אַלע אירע גלידער אָפּגעמאַלעוועט מיט הייסן בראָנז.

איך זיץ דאָ אין אַ ווינקל פֿון מיין שוועסטער מירעלעס וואוינונג און איך אָטעם איין די פֿאַרבן פֿון מיין טאַטנס מאַלעריי. דאָ זיינען איבערגעבליבן רעליקוויעס פֿון זיינע גאָלדענע, קינסטלערישע הענט. מיין טאַטע ליגט שוין לאַנג אין דרערד. גאָר איצט, אין זוניקן דע־מערונג, שפּילן זיינע בונטע פֿאַרבן אויף די רייצנדיקע גלידער פֿון די שלאַנקע, תאוהדיקע געציגס. דער פֿונק אין האַרצן פֿון אַ קינסטלער האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער וואָלט אוודאי געווען אַ גרויסער מאָלער, ווען ער וואָלט שטודירט אין זיין יוגנט אין אַ קונסט־אַקאַדעמיע. ווען ער וואָלט געהאַט אַרום זיך אַן אינטעלעקטועלע סביבה. זיין מאָ־לערישער טאַלאַנט האָט זיך אַנגעצונדן און אויסגעלאָשן אויף די צאַרטע גלידער פֿון אַ גריכישער געטין. אין די קאָלירן פֿון גאָלד און זילבער האָט ער געמאַכט זיין קינסטלערישן חשבון.

מיין שוואָגער אויזער טראָגט אין זיין זכרון דאָס גאַנצע שטעטל אונזערס. אַלץ איז ביי אים ווי ערשט נעכטן געשען. און היינט אָוונט האָט ער דווקא אויסגעקליבן צו רעדן וועגן דער פֿירשטין וואַרניער. אין דעמערנדיקן אָוונט גייט אויף ביי מיין שוועסטער אין די בראָנקס דאָס דינע, פֿראַגילע און אַריסטאָקראַטישע געשטאַלט פֿון דער פֿיר־שטין וואַרניער. איך זע דעם גרויסן טרויער אין אירע צוויי שטאַלצע אויגן. די פֿירשטין וואַרניער טראָגט אַ שוואַרצן קלייד מיט גאָלדענע בלומען איינגעוועבט אינם זיידענעם שטאָף. די פֿירשטין וואַרניער איז מיין חלום. זי איז געשטאַנען ביים וויגעלע פֿון מיין קינדהייט. איר בלייך פּנים איז מיר אַריין אין פֿייער פֿון מיין האַרצן, אין אייביקן אַנגעצונדענעם חלום.

ווער איז די פֿירשטין וואַרניער? מיין שוואָגער אויזער האָט זי גוט געקענט. אַזוי זאָגט ער. זי און אירע צוויי שלאַנקע שוועסטער,

אזוי ווי פון אַ טונקעלער באַלאַדע אַרויס. זיי האָבן אַלע דריי געוואוינט אין אַן אַלטן שלאָס, אין דער טיפעניש פון פולאַווער היסטאָרישן פּאַרק. דער שלאָס איז געווען געבויט אין רענעסאַנס־סטיל, פון ווייסן מאַרמאָר. דער שלאָס האָט געהערט צום פירשט טשאַרטאָריסקי און צו דער נאַבעלער פירשטין איזאַבעלאַ. אַן איטאַליענישער אַרכיטעקט האָט געבויט דעם שלאָס לויט אַלע כללים פון איטאַליענישן רענעסאַנס. דער דאַזיקער בלאַסער שלאָס האָט מיך יונגערהייט פאַרכישופט. דאָ זיינען פאַרגעקומען פאַנטאַסטישע מאַסקנבעלער און קעניגלעכע פּאַרטיס. דאָ, אין די פּרעכטיקע זאַלן, האָט נאַפּאַלעאָן געטאַנצט מיט די שלאַכעצקע פוילישע דאַמען. ס'האָט דאָ געטרונקען ווייַן קשיאַנדזוע יוזעף פּאָניאַטאָווסקי. מען האָט דאָ עלעגאַנט געשמועסט, געפלירטעוועט און געשפּילט מאַזורקעס. אַמאָל האָט דאָ אַהער פאַרבלאָנדזשעט דער שטראַלנדיק־טרויעריקער גייסט פון פרעדעריק שאָפּען. אין די פענצטער פון שלאָס פלעג איך אַריינקוקן מיט אינגלערישער שפּאַנונג. דער פּאָעט אין מיר פלעגט דאָ זען מאַסקעס און קאָסטיומען אַלערליי. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען רייך־געמאָלענע בילדער פון היסטאָרישע העלדן, אין מאַסיווע, גאָלדענע ראַמען. ס'איז געשטאַנען קעניגלעכע מעבל אין שטויב, ווי אין שניי געהילט. ס'האָבן זיך געוואַלגערט טייערע קליידער און געשיר. ס'איז נאָך געווען אויסגעשאָטן קאָנפעטי פון אַמאָליקע בעלער. אַ שפּין האָט שפּאַצירט לענגאויס דער קאָלעכדיקער וואַנט און זיך באַזעצט אויף די שווערע, געלע וואָגעס פון אַן אַלטן זייגער. מיין אויג איז געבליבן שטיין אויף די פּאָרטרעטן פון אַריסטאָקראַטישע פרויען. און צווישן די שיינע דאַמען פלעג איך זען איינע, מיט אַ בלאַסן, דורכזיכטיקן פּנים, מיין אויסדערווילטע, מיין אייביקע כלה. זי איז מיין וואונדערלעכע כלה שוין זיבנט טויזנטער יאָרן. אין יעדער קלאַסישן ראָמאַן איז זי דערהויפּט־כאַראַקטער...

דער פולאַווער פּאַרק האָט מיר געגעבן חלום און פּאָעזיע. ס'איז דאָ געווען געשיכטע, ראָמאַנטיק און ליטעראַטור. דאָ האָב איך מיטגענומען מיט זיך צו לייענען צווישן די אוראַלטע בוימער און גריכישע סטאַטועס — ביכער פון מיצקעוויטש, פון יוליוש סלאָוואַצקי און פון קראַשינסקי. כ'האָב דאָ צום ערשטן מאָל געלייענט פּרץ, לייב ניידוסן און קולבאַק. אונטער יעדער בריקל און אין שאָטן פון יעדער בוים איז דאָ געזעסן באַהאַלטן אַ גאָלדענע מוזע. ס'האָט מיך דאָ האַרציק געקושט די גאָלדענע געטין פון דיכטונג. אירע גרויסע פלאַם־קושן זיינען מיר געגאַנגען אין סאַמע מיטן האַרץ אַריין.

און אָט אין דעם דאָזיקן ווייסן, מירמעלנעם שלאָס האָבן זיך איינזאַם געלעבט די דריי פּאַרצייטישע און באַלאַדישע שוועסטער וואַרניער. זיי האָבן געשטאַמט פון פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטן, וואָס זיינען אַנטלאָפן אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פונם בלויען און שאַרפן מעסער פון דער גיליאָטינע. זייער זיידע דער פירשט וואַרניער, איז געווען אַ קרוב פונם טערקישן סולטאַן. אין אַ געוויסע צייט האָבן די דריי שוועסטער געלערנט אין סולטאַנישן הויף מיטן סולטאַנס קינדער דייטש און פראַנצויזיש. שפּעטער מיט יאָרן זיינען זיי אַריבערגעקומען קיין פולאַווי אויף דאָ צו פאַרחלומען זייערע איינ־

זאַמע מיידלשע לעבנס. זייער פּאָטער, אַ טיכטיקער אַגראָנאָם, האָט געבויט דעם פּולאַווער פּאַרק אינם סטיל פון ווערסיי. דער פּולאַווער פּאַרק האָט געשמט אין גאַנץ קרוינפּוילן מיט זיינע וואונדער. ער איז געווען ממש אַ פאַנטאַסטיש קונסטווערק. מען האָט דאָ געקענט גיין שפּאַצירן אין די גערוימע אַלייען און טראַכטן פון אַנטואַן וואַטאָ און פון מאַדאַם דע פּאָמפּאַדור. עס איז געווען אַ גאָרטן פון קולטור. דער גאַנצער פּאַרק איז געווען פּאַרגליווערט אין טויטער, פּוילישער געשיכטע. פּאָעטן זיינען דאָ געקומען און געשריבן פּאָעזיע לכבוד דעם זעלטענעם פּאַרק. דאָ האָבן פאַרבראַכט מענער און פרויען, וואָס זיינען שפּעטער אַריין אין דער פּוילישער געשיכטע און ליטעראַטור. דאָ האָבן מאָלערס געמאָלן לאַנדשאַפטן. אין שאָטן פון די היסטאָריש־אַלטע בוימער האָבן פאַרלעך זיך געקושט. מען האָט דאָ שפּאַצירט אין די זומערדיקע שיינע טעג און געפירט גייסטרייכע און פילאָסאָפישע שמועסן. אין דער לופט זיינען געבליבן שטיין גרויסע געדאַנקען און פערזן פון לידער. די סטאַטועס האָבן זיך צוגעהערט צו דער מוזיק פון מענטש־לעכע רייד.

און דאָ, אין אַן איינזאַמען שלאָס, האָבן געוואוינט די דריי איינזאַמע זעלן: די פירשטינס וואַרניער. מיין שוואָגער אויזער זאָגט אַז זיי האָבן אויסגעצייכנט גערעדט פּויליש און טערקיש. (צווישן זיך, פאַרשטייט זיך, האָבן זיי גערעדט פראַנצויזיש). און אַז זיי פלעגן אַ סך דערציילן פונם סולטאַנס הויף, וואו זיי האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט און שפּעטער געוואָרן גוואוערנאַנטקעס אויף אַ לאַנגער צייט.

מיין שוואָגער אויזער איז פון פּאַך געווען אַ בלאַכאַרזש און מען פלעגט אים אָפט רופן כדי צו פאַרריכטן די וואַסערלייטונג אינם פּאַרק. רעדן רעדט ער נאָר וועגן איינע פון די שוועסטער וואַרניער. משמעות אַז זי איז אים אַממייסטן געפעלן. זי איז אים אַריין אין האַרצן מיט איר אַריסטאָקראַטישער פיגור און בלאַסן פּנים. אָט דרייט זי זיך דאָ אַרום אין דער בראַנקסער וואוינונג, אַ פאַרגילדעטע פון דער זונס גאָלדענעם דעמער און פון די פייערן פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע. מיר דאַכט זיך אַז איך הער איר האַרצרייצנדיקן וויינען. זי וויינט אויפן טויט פון קעניג לודוויג דעם זעכצנטן און די שיינע קע־ניגין מאַריע אַנטואַנעטע, די מאַרטירערין און „פאָלקס־פיינדין"...

און בשעת מיין שוואָגער אויזער רעדט פון דער פירשטין וואַרניער, בעט איך ביי מיין שוועסטער אַ מזוזה פאַר מיין נייער וואוינונג. אין ווערלכער איך האָב זיך ערשט אַריינגעצויגן. קיין מזוזה האָט זי נישט. אויף אַלע טירן הענגען ביי איר מזוזות. נאָר זי וועט מיר שענקען אַ תהלימל. אַ קליין תהלימל איז פונקט אַזוי גוט ווי מזוזה. אפשר נאָך בעסער...

מיין שוואָגער אויזער זוכט אויס פאַר מיר פאַרשיידענע תהלימ־לעך. מחזורימלעך. חומשימלעך. איך דערקען מיין טאַטנס ספרים און חומשים. ווען איך בין געווען אַ קליין אינגל, האָב איך געלייענט דעם עברי־טייטש אין די אַלע ספרים. איך האָב מיט גרויס נייגעריקייט געשעפּט דאָס גאָלד און בריליאַנטן פונם פשוטן לשון. פון דער האַניק־דיקער אַלטמאָדישקייט. פון די פאַרשיידענע ביישפּילן און מעשהלעך.

אלע מעשהלעך זיינען מערסטנס געווען וועגן קעניגינס, פרינצעסינס, פירשטינס און סוחרים וואָס פאָרן אַרום אויף די יאַרידים קיין לייפּציג און דאַנציג און וואָס פירן גרויסע מסחרים אַזש אין ווין און אין בערלין. אין פּראָג און אין אַמסטערדאַם. ס'האָט דאָ געשווירבלט און געגליבלט מיט פּאַרבלאָנדזשעטע פּרינצן און מיט פּאָסטוכער. דער פּאַסטוך האָט אין פרימאַרגנדיק־פייכטן פעלד געפונען די וויינענדיקע, איינזאַמע פּרינצעסין. איך האָב אין די דאָזיקע ספרים געלייענט וועגן דוד המלכס הערלעכע טראָן־שטול און וועגן די מלכה שבא און די טונקעלע האָר אויף אירע נאַקעדיקע פיס, וואָס שלמה המלך האָט דערזען, בשעת איר אָנקום אין זיין רעזידענץ. איך האָב אין זיך אַריינגענומען אַ גאַנצן ליטעראַטור פון אָט די ספרימלעך, מחזורימלעך און תהלימלעך. און איצט, דרייסיק יאָר שפּעטער, דערזע איך זיי ווידער, אין אַ הויז אין די בראָנקס... עס ווילט זיך מיר צופאַלן צו די ספרים און זיי אויסקושן די געלע בלעטלעך. אויסקושן די גלידער פון די פאַרבלאָנדזשעטע פּרינצעסינס...

מיין שוואָגער אויזער דערציילט מיר אַז איינמאָל האָט ער אין מיסטקאַסטן געפונען אַ גאַנצן ראַמש מיט ספרים. דער נעגערישער „דזשעניטאָר", אַ טויט־שיכורער, האָט זיי געפונען נאַסע און פאַרפלעקטע אין קעלער און ער האָט זיי אַרויסגעוואָרפן. מיין מאַמע האָט זיך דערמאָלט צוגעכאַפּט צו זיי ווי צו אַן אבן טוב. זי פלעגט מיט טאָפּעלע ברילן לייענען דעם טייערן עברי־טייטש... זי האָט מיט אירע געלע פינגער געמישט די געלע, פון צייט פאַרגאָלדיקטע בלעטער. זי האָט דאָרט געפונען געוואַלטיקע אוצרות פון שיינקייט און פרומקייט. פון דאָרטן האָט זי געשעפּט גאַנצע עמערס מיט האָניק פון גלויבן.

מיין שוועסטער זאָגט:

— קלייב דיר אויס אַ תהלימל. לעג עס אַוועק אין דיין וואוינונג אין אַ ווינקל. וואו דו לייגסט עס, איז גוט. אַבי עס ליגט אין הויז. דו קענסט עס אַוועקלייגן לעבן דיין בעט...

מיין שוואָגער זאָגט:

— וואָס ווייסטו וואָס דאָס איז? עס איז טויזנט מאָל בעסער ווי אַ מזוזה. אַ מזוזה האָט דאָך נאָר איין תפילה. און דאָס תהלימל באַזיצט דאָך לויטער גאָלדענע תפילות. וואָס ווייסטו וואָסערע קראַפט די דאָזיקע תפילות האָבן?! מען קען דאָך ברענגען משיחן מיט אַזאַ הייליקע תפילה...

איך וויל עפּעס זאָגן פון אַ סקעפּטישן כאַראַקטער. אָבער, איך טראַכט, עס איז בעסער צו שווייגן. פאַרוואָס זאָל איך אַנטכישופן דעם געוואַלטיקן כישוף פון די תפילות, אין וועלכע מיין שוועסטער און שוואָגער גלויבן אַזוי מעכטיק. און איך אַליין, איך פיל עפּעס אַזאַ מאָדנע היימישקייט אינם אָנרירן דאָס תהלימל. דאָס זיסע, דאָס האַרציקע תהלימל. איך קלייב עס מיר אויס פון צווישן די אַנדערע תהלימלעך. איינס איז, למשל, פון פּיאָטרקאָוו, פון יאָר 1888. איינס איז פון ווין, פון יאָר 1887. אויפן שער־בלאַט שוועבן אַרום מלאכים מיט דינע פליגל. די מלאכים זיינען מיר עפּעס אַזוי וואוילבאַקאַנט... און איין תהלימל איז פון וואַרשע, פון יאָר 1890... נאָר מיינס איז דאָס טייער־

סטע תהלימל. ס'איז דאָס וואַרשעווער תהלימל. ס'האָט אַרום הונדערט מיט צוועלף זייטלעך. די בלעטלעך זיינען געל ווי די הויט פון דער לבנה אַרום ראש־חודש־צייט. אויפן שער־בלאַט שטייט: „פאַר יעדער מזמור האָבן מיר געשטעלט אויף עברי־טייטש ד׳ ניצון און די כוונה פון דוד המלך אין יעדן קאַפּיטל. און ווער עס זאָגט אַלע טאָג איז ער פאַרזיכערט דאָס ער איז איין בן עולם הבא".

איך פאָר אַהיים מיטן אונטערגרונט־באַן. אַרום מיר זיצן צוויי גרויסע נעגערטעס. מיר פאַלט איין: איינע איז ענלעך צו מלכה שבא. די צווייטע מוז אַוודאי זיין איר הויף־דאַמע. און ווער איז דער הויכער, אַטלעטישער נעגער, מיטן שטאָלצן בליק און די געקרויזלטע שוואַרץ־האָר ווי הונדערט נעכט? דער דאָזיקער נעגער איז ענלעך אויף דוד המלך. אַזוי ווי ער לויכט אַרויס פון די זיסע געזאַנגען פון הייליקן און טייערן תהלים...

איך עפן אויף דאָס תהלימל און מיר ווערט זיס אויפן גומען. דער עברי־טייטש איז ווי האָניק זיס און זאַפטיק. דאָס היימישע, דאָס אַלט־פרענקישע לשון איז זיס צום האַרצן ווי באַלזאַם. איך לייען קליינע שטיקלעך פּראָזע: „זינגט צו גאָט איין נייע גיזאַנג. זיין לויב איז פון אַלע אומות וואָס זיינען אין ענד דר וועלט. און פון די ווס פאָרין אין ים מיט שיפין און די ווס וואוינען אויף די אינזלן פון דעם ים. דר מדבר און זיינע שטעט וועלן אויך אויפהייבין זייער קול מיט איין גיזאַנג און די אָפנע שטעט ווס היינט זיצין דאָרטן טאָטרין וועלין אויך גאָט לויבין אַז זיי וועלין לעבדיג ווערין. אונ פון די שפּיץ בערג וועלין זיי געבין צו גאָט כבוד אונ זיין לויב וועלין זאָגן די ווס זיצין אויף אינזלן. גאָט וועט אַרויסגיין ווי אַ איין גבור ווי איין בעל מלחמה וועט ער דער וועקין נקמה. ער וועט שאלין און וועט שרייען אויף זיינע פיינט וועט ער זיך שטאַרקן. און איז וועט ער זאָגין: פון פיל צייטין אָן האָב איך גישוויגן. אָבער פון היינט אָן וועל איך שרייען וויא איין גיוונרין. איך וועל פר וויסטין און פר טיליגן מיינע פיינט אַלע: איך וועל וויסט מאַכין די בערג און אַלע זייערע גראָזין וועל איך פאַר מאַכן. און די טייכן וועל איך מאכין צו אינזלן און די זעען וועל איך טרוקן מאַכין. און איך וועל פיהרין די וואָס זיינן געוועזן בלינד ביז אַהער אין דעם גוטן וועג וואָס זיי האָבן ניט גיוואוסט צו גיין אין די גוטע שטעגין וואָס זיי האָבן נישט גיוואוסט ביז אַהער וועל איך זיי מאַכין טרעטין. איך וועל מאַכין דאָס פינצטרניש פאַר זיי צו ליכט און דס פאַרקרימטע וועל איך מאַכן צו גלייכקייט. די דאָזיקע זאַכן וועל איך טאָן און איך וועל ניט פאַרלאָזן".

אָט אַזוי האָב איך געלייענט אין תהלימל, פאָרנדיק אין דער טי־פעניש פונם אונטערגרונט־באַן. די מלכה שבא פון דעם לאַנד האַרלעם קוקט מיך אָן צוזאַמען מיט איר שוואַרצער הויף־דאַמע. דוד המלך שמייכלט צו מיר מיט דאַנקבאַרקייט וואָס איך בין אַזוי געטריי גע־בליבן צו זיין גאָלדן תהלימל. די גויים אין וואַגאָן טראַכטן: מען זעט דאָך באַשיינפּערלעך, לויט מיין באָרד און דעם קליינעם, טייערן ספרל, פון וועמענס בלעטלעך עס שיט זיך אַ געלער שניי פון ברעקלעך אַלטער פּאַפּיר... מען זעט דאָך קלאָר אַז איך בין אַ „ראַבין". אַ שיכורער

אַירישמען מורמלט אַפילו: „גאָד בלעס דהי דזשוס״, (גאָט, באַשיץ די אידן!).

ווי נאָר איך קום אַהיים, שפּעט ביינאַכט, לייג איך אַוועק מיין טייער תהלימל אויפן טישל, ביים בעט. אַוודאי וועל איך קויפן אַ מזוזה. וואָרעם אַז מיין גאָטזעליקע מאַמע וועט זיך אין אַ נאַכט פאַרגלוסטן צו קומען צו מיר פון איר ברוקלינער שוואַרצן און פינצטערן קבר, זאָל זי קענען אָנרירן די מזוזה מיט איר ביינערדיקער האַנט. זאָל זי זיך דאָ פילן היימלעך. אָבער דערווייל איז מיר גוט. די טירן שטייען פריי אָפן. איך האָב נישט מער קיין מורא פאַר קיין שדים. דאָס גאָלדענע תהלימל איז דאָ הינען מיט מיר. ס׳איז מיר גוט ווי די וועלט: דוד המלך דרייט זיך אַרום פראַנק און פריי אין מיין נייער וואוינונג. אַז ער קומט אַמאָל אין דער פייכטער און נעפּלדיקער לאָנג איילאַנד, וואו איך האָב מיין קליינע שטוב, פאַרשוועבט ער גלייך צו מיר. ווי געשיקט זיך, פאַרבלאָנדזשעט דאָ אַמאָל אויך די רייצנדיקע מלכּה שבא, וועמענס שטאַרקע און פאַטעטישע ליבשאָפט צום קיסר דוד עס ברענט נאָך אַלץ מיט אַ גרויס ליבעס־פייער אין איר פלאַמיקן עטיאָפּישן האַרצן. אין איר אַבעסיניש, קעניגלעך בלוט. די מאַמע אַליין זעט צו פון גן־עדן אויס ווי איך פריי זיך מיטן טייערן, מיטן ליכטיקן תהלימל. מיר איז גוט, מיין תהלימל באַשיצט מיך פאַר כלערליי שלעכטס. איך קוק אַרויס דורכן פענצטער ביי דער נאַכט: די געשניצטע פּנימער פון די שטערן שמייכלען פרומע. די לבנה, ווי אַ ריזיקע שטיק געלע וואַקס, פאַרזיגלט גאָלדן דעם הימל. פונם תהלימל גייט גאָלדענער האָניק און הייליקער, דערהויבענער אָרגל־געזאַנג. איך שלאָף איין אַ באַרואיקטער: מיך באַשיצט אַ הימלישע, אַן אייזערנע אַרמיי פון תפילות...

ניו־יאָרק, 23 יולי, 1954.



I. SCHOR

מחבר פון טויזנט סקיצן

עס איז אַ קלײנער סקווער אין די דאַון־טאַונער גאַסן פון ניו־יאָרק. עס איז נאָך זײער װאַרעם. נאָר די בלעטער, די אײביקע קופּערנע בלעטער, פֿאַלן שוין פון די בוימער, װי װאַקס װאָלט הײס אַראָפּטריפן פון די צװײַגן.

קינדער לויפן נאָך אַן אַלטער פעטער פרוי מיט טונקעלע האָר. זײ זידלען איר. זײ וואַרפן איר נאָך פאַרוויאַנעטע בלומען, שטעכיקע ווערטער, חיזק. די אַלטע פרוי ווערט אויפגעקאָכט. זי זידלט די קינדער. עס איז ריינד צו זען ווי אומשולדיקע קינדער רייצן זיך מיט אַן אַלטער פרוי, ווי מיט אַ חיה... און ווי אַזוי די אַלטע פרוי וואַרפט צו, אין איר אומבאַ־האַלפנקייט, צאַרנדיקע רייד צו קלײנע קינדער, וואָס האָבן דאָך די אידלקייט פון מלאכים...

אַ מאַן זיצט אויף אַן אײזערנער באַנק, נעבן פאָנטאַן, מיד פון דער אַרבעט. דאָ זיצט ער און ער היט אָפּ זײן קלײן קינד, אַ גאָלדן מײדעלע, וואָס פויזעט אַרום אויפן סקווער. קלײן טעכטערל קוקט צום פאָנטאַן, צו אָט דער פינקלענדיקער רויז פון בריליאַנטענע וואַסערשפּריצן אַראָנזשירט, און אַרום דעם פאָנטאַן וואַקסן מאַטע, טרויעריקע בלומען, פאַרשטויבטע און פאַרשמאַכטע פון דער ניו־יאָרקער היץ. קלײנע פרוי, קלײנע קאָקעטקע, קוקט צו די מאַטע בלומען — אַנגעצונדענע פלעקן אויף דער ערד. זי שטעלט חנעוודיק אונטער איר קלײן פנימל צו די טראָפּנס וואַסער, וואָס שפּריצן פונם פאָנטאַן. אָט פאַרבלאָנדזשעט זי צום שאָסיי, וואו די אויטאָמאָבילן לויפן האַסטיקע. זי קוקט מיט שטױנונג אויף אָט דער פאַנטאַסטישער וועלט. פאָטער שטײט אויף, כאַפּט זי אין זײנע אָרעמס, נעמט זי אַן ברוטאַל פאַרן האַנט... ווי טוט עס דעם קינד וויי... פאָטער אין ניו־יאָרק, שווערער אַרבעטער, איז נישט קײן מבין אויף דער פאָטערשער שײנקײט פון זײן אײגן קינד.

אויף זײן פּיעדעסטאַל, אינמיטן פון סקווער, שטײט דער האָלענדישער גובערנאַטאָר, פּיטער וואַן סטײוועסאַנט, מיט זײן הילצערנעם, פּיראַטישן פוס. ער שטײט אַזוי דורך שניי און דורך רעגן, מיט זײן פאַרקריפּלטער פיגור, אין קעגנזאַץ צו די באַמבאַסטישע און פאַרריסענע פיגורן אויף די מערסטע מאָנומענטן. און גוטע פײגעלעך חברן זיך מיטן גובערנאַטאָר. זײ זײנען זײנע אינטימע פרײנט...

איך זיץ מיט מײן אַלטן פרײנט, אַ אידישן שרײפטשטעלער. ער האָט שוין אין זײן לעבן אָנגעשריבן אַ טויזנט סקיצן אין אַ באַרימטער צײטונג. אָבער איצט, אויף דער עלטער, האָט אים די רעדאַקציע אַרויסגעוואָרפן ווי אַ הונט... דאָ זיצט ער נעבן מיר, אין זײן העלן, לויזן אָנצוג, ווי ער וואָלט זײן אײנגעהילט אין גרויען, קאַלטן שפּינגעוועבס. ער זיצט — אַ שאָטן... אין דעם וואַרעמען אָוונט פון חודש אויגוסט, ווען די בלעטער פאַלן שוין פון די אַלטע בוימער... וויפיל מאָל האָט ער מיר שוין דערצײלט וועגן זײן אײנציקן און לעצטן ראָמאַנס... אָנגעשריבן אין זײן לעבן איבער אַ טויזנט סקיצן און דערצײלונגען וועגן ליבע — און אַלט געוואָרן איז ער אָן ליבע אין זײן לעבן. אָן פרײנט. אָן אַ טײערער געשטאַלט וואָס זאָל אַרומגײן

אַרום אים און אים צוטראָגן אין אַ טריבן אָונט אַ גלאָז מיט הייסע טיי, אין וועלכן דאָס ליכט פון לאָמפּ זאָל זיך רעפלעקטירן, זאָל אַרויסלויכטן. עס איז זייער ביטער אויף דער עלטער צו זיין אַליין. אַלע פריינדינס פון דער יוגנט זיינען אַלט געוואָרן. זיי זיינען געוואָרן באָבעס. און די זיידעס זיינען נאָך אַלץ אייפערזיכטיק אויף זייערע אַלטע דאַמען...

פון די טויזנט סקיצן איז געוואָרן שטויב. דו קענסט קוים לייענען די שטיקלעך אָפּגעריבענע ציטונגען, וואָס די האַנט פון צייט מעקט אויס ווי מיט אַ גומענעם מעקער. דעם מאָגערן האָנאָראַר פאַר די דערציילונגען האָט ער שוין לאַנג אויפגעגעסן. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אין איינזאַמקייט...

נאָר לעצטנס איז דערשינען אַ צאַרטע, אַן אומעטיקע דאַמע, און זי איז געוואָרן דעם עלטערן שריפטשטעלערס געליבטע. אַ גאַנץ לעבן האָט ער געהאַלטן אין איין אויסטראַכטן זיינע אידעאַלע העלדינעס, און איצט, אויף די עלטערע יאָרן, איז זי ענדלעך געקומען... נישט צו יונג פאַר אַ מיידל, אָבער נישט צו אַלט פאַר אים... די האָר אירע — שוין דורכגעוועבטע מיט שטיקלעך זילבער. אָבער ער האָט איר געגעבן אַן עצה: זיי צו לאָזן אָפּפאַרבן אויף טיציאַן־רויט. דאָס פיגורל אירס איז געווען אַ ליבלעכס. אָבער אין לויזע קליידער, ווי אין קרינאַלינעס. ער האָט איר געקויפט עטלעכע קליידער. אַ גאָלדענע בראָשקע מיט אַ מגן־דוד. אַ בראַסלעט מיט אַ גרויסן סאַפּירשטיין פאַר איר דינע האַנט... אַ שיינעם בראַסלעט פון גאָלד, ווי אַ צאַרטע שלאַנג, וואָס האָט איר האַנט געהאַלטן ווי צוגעקאָוועט צו אים...

זי האָט געהאַט פיינע פיס, נאָר וואונדיקע, ווייטיקלעכע... קיין שום שיך האָט איר נישט געפּאַסט. די פינגער פון אירע פיס זיינען געווען באַדעקט מיט בלויע וואונדן... גייענדיק האָט זי שטענדיק געליטן. און ער, דער פאַרליבטער, דער מחבר פון טויזנט סקיצן, וואָס האָט דורך זיין גאַנץ לעבן געהאַט צו טאָן מיט אויסגעטראַכטע פרויען, האָט איצט פאַר זיך דערזען אַ לעבעדיקן מענטש, אַ פרוי מיט אַלע אירע נויטווענדיקייטן, וואָס קאָסטן געוויינלעך געלט... פון דער נאַטור אַ קאַרגער, ווי ס'רוב אַלטע בחורים וואָס ציטערן פאַר דער קאַלטער און איינזאַמער עלטער, האָט ער זיך דאָך איצט געלאָזט קאָסטן אַ היפּשע פאַר דאָלאַר... צום ערשט האָט ער זי אַריינגעפירט צו זיין באַקאַנטן שוסטער, וואָס איז אויך אַ שטיקל פאַרערער פונם שריפטשטעלער, און ער האָט פאַר איר באַשטעלט אַ פּאָר פיינע, ווייכע שיך, מיט נידעריקע אָפּצאַצן. דערביי האָט ער געהאַט אַ כוונה: זאָל זי אויפן גאַס נישט אויסזען העכער פאַר אים... טאַקע אינגער פון אים מיט אַ סך יאָרן — אָבער נישט העכער...

עטלעכע יאָר צייט איז דער שריפטשטעלער מיט איר אַרומגעגאַנגען. און צום ערשטן מאָל, ווי שוין דערציילט, האָט די ליבע זיך אין זיין האַרץ אויף אַן אמת צעפלאַקערט. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען די געוואַלטיקע שיינקייט פון ליבע, וואָס איז שטאַרקער פון טויט. איר פּאָעזיע וואָס נעמט אַרום דאָס אָרעמע מענטשלעכע האַרץ. איר טייוולישע מאַכט. איר ווילדן כּישוף. די נאַטור האָט איצט געקראָגן פאַר אים זין און שיינקייט. די יאָר־סעזאָנען האָבן פאַר אים געהאַט באַדייטונג. אַלץ איז איצט געווען אַ רייכע ראָם וואוהין ער האָט אַריינגעשטעלט, אַזוי ווי אין אַ מאַרמאָרענער

נישע, זיין געליבטע מיידל... אין אַלע קליינע, ליבע פּאַרקן פון ניו־יאָרק האָט ער געפירט זיין דולציניע. אין די פּאַרקן וואו ער פלעגט פריער זיצן געווינלעך אַן איינזאַמער און טראַכטן פון אַ טעמע פאַר אַ נייער דערציילונג. אָט גייט אַ פּרוי דורך דער אַלייע — ער האָט באַשלאָסן זי איינצולאַדן אַלס העלדין פאַר זיין דערציילונג. אַלע סטאַטועס פון די פּאַרקן, אין בלייך־קאַלטן מאַרמאָר, באַהאַלטענע אין די שאָטנס פון אור־אַלטע און טונקעלע בוימער, האָט ער איר געוויזן און פאַרגעשטעלט מיט זייערע באַרימטע נעמען און געשיכטן. און זי, מרים, איז פאַר אַ ם געווען שענער פון די אַלע ווענוסעס און אַפּראָדיטעס, ווייל זי איז געווען לעבעדיק... ווייל זי האָט אים אַרויס־געוויזן ווייבלעכע דאַנקבאַרקייט פאַר זיינע מתנות. זי איז געווען צאַרטער, בלייכער, פּאַטעטישער, ווי די אַלע פאַרשטיינערטע פרויען אויף די מאַר־מאָרנע פּיעדעסטאַלן. אַ פּרוי נעבן וועמען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל געפילט אַלס פולבאַרעכטיקטער בירגער פון דער געזעלשאַפט...

און זי, מרים, זי האָט אין אים געפונען דעם פּריינט, דעם עלטערן, איידעלן פריינט, וואָס באַשיצט איר... רעדוצירט פון אַלע יונג־מיידעלשע טרוימען צו ברוטאַלער און גרויער איינזאַמקייט, אין אייביק ווייסטער שרעק פאַר דער „אַלט־מוידישקייט“, האָט זי אַקצעפּטירט דעם אַלטן מחבר פריינט־שאַפט און ליבע... און דורך די אַלייען פלעגן זיי גיין געאָרעמט, ווי פאָטער און טאָכטער. און עס איז געווען עפּעס זייער רירענדעס אין זייער צוזאַמען גיין, אין די שפּאַצירן דורך די הערבסטיקע פּאַרקן, אַריינקוקנדיק אין פאַר־נאַכטיקע זוניק־אַנגעצונדענע שויבן פון אַלטע געביידעס... זיך שפּיגלענ־דיק אין פאַרשטויבטע שוי־פענסטער...

און אַזוי האָט דער מחבר פון טויזנט סקיצן איר מאָדערניזירט און ביס־לעכווייז אויסגעקליידט. זי איז איצט צאַרטער און שענער געוואָרן... זיינע ליידנשאַפטלעכע קושן האָבן אירע ליפּן פולער, ווייכער און רויטער גע־מאַכט... זי האָט זיך איצט אויסגעלערנט שיין צו קליידן, ווי די דאַמען אין גרעניטש ווילעדזש, אין קינסטלערישן קוואַרטאַל... זי איז איצט געוואָרן אַ פרוי וואָס מען האָט געקענט זען אַז אַ מאַן איז אין איר שטאַרק פאַראינטע־רעסירט... אַז זי ווערט געפלעגט, ווי אַ פיינער וואַזאַן, פאַר אַ לאַנגער צייט פאַרטריקנט און פאַרנאַכלעסיקט, פון אַ טייערער האַנט, וואָס ווייסט ווי אַזוי זי צו באַהאַנדלען, זי אויפצופרישן מיט דער וואַרעמקייט פון דער זון... זי איז טאַקע געוואָרן, ווי שוין באַמערקט, רייצענדער און שענער...

און, דאָס איז געווען אַ געפאַר. צום ערשטן מאָל האָבן איצט מענער זי אָנגעהויבן צו באַמערקן... זי פלעגט שוין אפילו לעצטנס נישט קומען פּינקטלעך צו די ראַנדעוואוען מיטן מחבר פון די טויזנט סקיצן, ווי זי פלעגט עס טאָן אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. עס פלעגט אפילו טרעפן אַז זי פלעגט איינגאַנצן פאַרפעלן צו קומען צו אַ ראַנדעוואו...

און וואָסאַמאָל מער דערזעענדיק אַז עס רוקט זיך אָן אויף אים אַ גרויס אומגליק, האָט זיין האַרץ אָנגעהויבן צו פלאַמען מיט גרויס אייפערזוכט... דאָס פייער האָט אים אַרומגענומען אינגאַנצן... ער האָט געזען אַז אויפ־בויענדיק מרימען פון אַן אָרעם, פאַרנאַכלעסיקט מיידל צו אַ רייצנדער, קאָקעטישער דאַמע — האָט ער זיך אַליין אומגליקלעך געמאַכט... די ערשטע צייט, באַשיידן און צופרידן מיט איר שיקזאַל, האָט זי איצט אָנגעהויבן

צו רעוואָלטירן אַנטקעגן איר מייסטער... גייענדיק מיט אים אין דער גאַס, אין די פיינע טעג פון פרילינג, איז זי שוין ווייט נישט געווען גלייכגילטיק צו די נייגעריקע בליקן פון די פאַרבייגייענדיקע מענער... ער האָט געפילט אַז זי שעמט זיך מיט אים ביי איר זייט...

זי האָט שוין נישט אַזוי גערן געענטפערט אויף זיינע קאָמפּלימענטן. עס איז איינגעטראָטן דער קריזיס...

***

שוין לאַנג ווי זי איז אַוועק... עס איז שוין דערין אַ שיינע פּאָר יאָר... און ער האָט ביטער געליטן. אַ גאַנץ לעבן האָט ער געלאָזט פייניקן זיינע העלדן מיט פאַרדאַכט, מיט אייפערזוכט... און איצט איז די אייפערזוכט, אָט די שוידערלעכע געטין מיט שלאַנגען־לאָקן, געקומען אין זיין אייגענעם געצעלט... די העלדן האָבן נקמה גענומען אין זייער מחבר...

ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשען, האָט ער מיר שוין אַ סך מאָל דערציילט. נאָר היינט, אין דעם אויגוסט־וואַרעמען אָוונט, ווען די לעצטע זון־שטראַלן מיניען זיך, ברענען זיך אויס אין דעם קופּער פון פּיטער סטייוועסענטס סטאַטוע; ווען די קופּערנע בלעטער טריפן אַראָפּ פון די ביימער ווי צעשמאָלצענער וואַקס, רעדט ער ווידער און ער דערמאָנט זיך עפּיזאָדן...

— עס איז געווען אין אַ קליינעם רעסטאָראַן אין גרעניטש ווילעדזש, אַ קליינער, אָבער אַ ציכטיקער און אינטימער רעסטאָראַן. מיר פלעגן דאָרט אָפט קומען, זיך אויסצובאַהאַלטן פון דער רוישיקער ניו־יאָרק, זיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקל און זיך באַאָבאַכטן אין שפּיגל... אינעם אַנטקעגנאיבערדיקן שפּיגל, וואָס איז געווען זייער אַלט און האָט געהאַט אַ גאָלדענעם ראַם — אַ גילדערנע שלאַנג. דער דאָזיקער שפּיגל, הגם ער האָט געהאַט רויטע, זשאַווערנדיקע לישייעס, קופּערנע פלעקן, האָט דאָך רעאַליסטיש־געטריי אָפּגעשפּיגלט די מענטשן. מיר האָבן נישט געקוקט וואָס עס טוט זיך אין דעם רעסטאָראַן. קיין זאַך האָט פאַר אונז נישט עקזיסטירט. נאָר אַלץ האָבן מיר געזען אין שפּיגל: די באַוועגונג פון אַ צאַרטע מיידל מיט ראָבנטונקעלע האָר, וועלכע האָט באַדינט די געסט און וואָס האָט אין איר גאַנג זיך קאָקעטיש געוויגט צום טאַקט פון דער מוזיק, וואָס פלעגט זיך הערן פון דער מעכאַנישער פּיאַנאָ... דעם רויך פון אַ ציגאַרעט, וואָס אַן איינזאַמע טונקעלע דאַמע האָט נערוועז גערויכערט... אַ פּאַרפּאַלק וואָס פלעגט דערשיינען און טרינקען פון קליינע, דינע גלעזלעך אַ פּעטן, קלעפּיקן און קאָנצענטרירטן וויין... מיר פלעגן אַלץ באַמערקן אינעם שפּיגל...

יעדעס מאָל וואָס מיר פלעגן קומען אין רעסטאָראַן, פלעגט אויך דערשיינען אַ פּאָרל, וואָס האָט געצויגן אונזער אויפמערקזאַמקייט... דאָס איז געווען אַן עלטערער הער, פּילייכט אַ דייטשער איד, אַ חשובער מאַן, מיט אַ באָרד ווי ביי דר. הערצל, שיין פאַרקאַמט. נאָך פון די שיינע בערד פון ניינצענטן יאָרהונדערט, וואָס מען טרעפט אָן אויף די מאָלערייען פון די פראַנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן. זיין פּנים איז געווען זייער איינדרוקספול, ווי פון אַ מאַרטירער, טרויעריק און אויסגעבלייכט, ווי דאָס אידעלע, ליידנדע פּנים פון היינריך היינע...

און זי, זיין באַגלייטערין, אַ קליינע, אַ לוסטיקע, אַ שמייכלענדיקע...

ווי האָט איר אימפּאָנירט זיין שמערצפולע, זיין אידעלע מאַסקע! אים האָט קענטיק אימפּאָנירט איר דינער פּרויעגרייץ, די פרישקייט און די ליליקע בלייכקייט פון איר פאַרטראַכט, אָבער יונג און רייצנד געזיכט... אויך זי האָט געהאַט טראַגישעס אין איר צאַרט, ווייבלעך וועזן... ווי דאָס געשטאַלט פון דער אידעלער עלעאָנאָראַ דוזע... און זיי פלעגן אַזוי שעהן לאַנג שעפּטשען, רעדן וואונדערלעכע רייד... נאָר זי איז געווען פיל אינגער פאַר אים... און ער איז געווען פיל עלטער און פיל טרויעריקער...

און יעדעס מאָל פלעגט דער מחבר פון די טויזנט סקיצן באַטראַכטן ווי אַזוי זיין געליבטע קוקט אין שפּיגל, קוקט אינם זילבערנעם רום, אָבסערווירט די באַוועגונגען און מינעס פון די צוויי פאַרליבטע און זי באַמערקט מיט טרויעריקער נאָכטראַכטונג דעם קאָנטראַסט אין זייערע יאָרן...

איינמאָל האָט דער שריפטשטעלער געפרעגט: — מרים טייערע, וואָס זעסטו אינם שפּיגל?

זי האָט געשוויגן. זי האָט נאָכגעדענקט צי זי זאָל פאַרראַטן איר מחשבה... זי האָט געענטפערט מיט אַ שטילן קול:

— איך זע אַ שפּיגל...

עס איז געווען גענוג פאַר אים, דעם סענסיטיוון קינסטלער. גענוג אַנדייטלעך... זי זעט אַ שפּיגל... אינם שפּיגל איז געווען אָפּגעשפּיגלט איר גורל. אין דעם דאָזיקן פּאָרל זעט זי זיך אַליין און אים, דעם עלטערן סקיצנשרייבער. זי זעט דעם שאַרפן אונטערשייד אין זיי בײדן: אין די יאָרן, אין דער האַלטונג, אין דעם אויסזען...

יעדעס מאָל דערציילט מיר דער שריפטשטעלער אַן עפּיזאָד, אָדער ער לייענט אַ ליד וואָס ער האָט נאָר וואָס אָנגעשריבן... עס איז, פאַרשטייט זיך, צו איר געווידמעט... עס זיינען אומעטיקע לידער. צאַרנדיקע פּאָעזיע. זיי ברענגען מיט כעס פאַר דעם וואָס מרים האָט אים ענדלעך פאַרלאָזן...

דער מחבר פון טויזנט סקיצן האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען איין זאַך: אַז זי איז אַוועק ווייל ער האָט איר ליידנשאַפט נישט געשטילט... ווייל זיינע קושן אויף איר מויל פלעגן איר פייערדיק אויפרייצן, אָבער ער האָט צום קלימאַקס נישט דערפירט... מרים האָט געבענקט נאָך מאַן און נאָך באַמאַנונג... ער האָט איר געפירט אין אַלע פּאַרקן, אין אַלע ליבעס־אַלייען, אין אַלע אינטימע רעסטאָראַנען, אין אַלע קינאָס און טעאַטערס... אָבער ער אַליין, אַן אַלטער, אימפּאָטענטער מאַן, האָט איר קיין אמתע ליבע נישט געקענט געבן... דאָרט, דאָס פּאָרל אין שפּיגל זיינען געקומען ערב אָדער נאָך דעם קלימאַקס... זייערע צוזאַמענטרעפן זיך איז געווען אַן אינטערמעצאָ, אַ פּויזע, צווישן זייערע פייערדיקע הויכפּונקטן...

נאָך יעדן אַקט האָבן זיי זיך געטראָפן אין ווינקל פון רעסטאָראַן, ביים זילבער פונם שפּיגל, אונטערן שטראַלנדיקן לאָמפּ — די זון פון קאַפע — און זיי האָבן זיך אָפּגעלויבט איינער דעם אַנדערן און פול מיט דאַנקבאַרקייט צו זיך די רייד פון שיר השירים גערעדט... און עס איז געווען אין זיי ביידע פולער צוזאַג און דערוואַרטונג פון נייער, האַניק־רייכער סעודה פון ליבע... אָבער, זיי, מרים און דער סקיצנשרייבער, זיי זיינען געקומען פרעמדע, פּוסטע און קיינמאָל נישט קיין אינטימע... ער האָט נישט גע־

וואוסט אַז אַ מאַן באַדאַרף אַרויסרופן דעם עקסטאַז פון עראָטישער דאַנק־באַרקייט אין אַ פרוי... דער מחבר פון טויזנט סקיצן האָט אײן זאַך בלויז נישט געוואוסט... — — —

די לבנה ציטערט בלאַס אויפן הימלישן לײַנוואַנט. זי טריפט איבערן קופער פון דער סטאַטוע... מענטשן, עלנטע שאָטנס, אָרעמע, פון לעבן דערדריקטע, זיצן אינם קלײנעם סקווער... אונטער די מאָגערע בוימער. צו זייערע פיס פאַלן די בלעטער, ווי מעדאַליאָן־הערצער פון גאָלד פאַלן צו דער ערד, פאַלן ווי בלוטיק־פאַרוואונדעטע פייגל פון די בוימער...

דער מחבר פון טויזנט סקיצן געזעגנט זיך מיט מיר און ער גייט איינזאַם, מיט אַ געבויגענער און טרויעריקער פיגור אין דער נאַכט אַרײַן. איך בלײַב זיצן אַליין אויף דער גרינער באַנק, כדי נאָכצוטראַכטן איבער די קאַפּריזן פון שיקזאַל...

דער נעגער און די שווערע פרוי

איך קען נישט פאַרגעסן דעם טינט־שוואַרצן נעגער וואָס האָט זיך אַזוי שוער געראַנגלט אויפצוהייבן פון ברודיקן שניי די שוואַרצע פרוי. זי איז געפאַלן צום שניי אַזוי ווי אַ פינצטערער זייל פון זאַלץ, וואָס ווינטן און זאַווייען האָבן אָפּגעלעקט שטיקער פון אירע מעכטיקע פּליִיצעס. מענער פון אַלע ראַסן האָבן גֿעבראָכן שטיקער פון אירע שווערע בריסט. ס׳האָבן זינדיקע נעכט אויסגעטרונקען פון איר קרוגן מיט יאָמער, בעכערס מיט געוויין, לאַגלען מיט טרערן און גאַנצע טעפּ מיט מאַרך פון די ביינער. זי איז דאָרט געלעגן ווי אַ פּאָמניק. שווער געלעגט צו דר׳ערד און טויט־שיכור ווי אויבזער גוט־באַקאַנטער פון אַלטע צייטן, פריינט לוט, וועמענס טעכטער מיר האָבן ליב אין זייער ערדישן טרויער...

ווען איך בין אין אַן ערב־שבת צוגעקומען צו דער גאַס, אין דער אידישער געגנט, איז שוין די סצענע געווען אַ פאַרטיקע: די פרוי איז שוין געלעגן ברייט צעלעגט אין אידישן שניי ווי אַ קעניגין. דער נעגער האָט פּשוט געפּרואווט זיינע כוחות ביים אויפהייבן איר פון דר׳ערד. ער האָט צום ערשט געמיינט אַז זי איז פיל לייכטער ווי זי איז אין דער אמתן געווען. ער האָט זי מיט זיינע צוויי מעכטיקע, פינצטערע און תאווהדיקע ידים געפּרואווט אויפשטעלן אויף אירע פיס, ווי אויף צוויי הילצערנע סלופּעס. וואָרים זי האָט געהאַט צוויי לאַנגע, פינצטערע פיס, דיקע ווי די דיקע זיילן פון אַ טעמפּל. און צוויי לאַנגע, שווערע הענט, פעטע ווי די פעטע צווייגן פון אַ גרינעם בוים, ווען ער ווערט אין פרילינג געשוואָלן מיט זיין פלייש און מיט זיין זאַפט. און איר פיין־געשניצט פּנים האָט אויסגעדריקט טרויער, פּרימיטיווע נאַאיוויטעט, טיפע איבערלעבעניש, עקסטאַז פון תאווה און שרעק. ס׳איז אַ לעבעדיקע געצין געלעגן פאַרגראָבן טיף אין שניי, ווי אַ שטיינערנער מאָנומענט.

דער נעגער, איר איצטיקער פּאַרטנער, פעט פון זינד, איר פּימפּ אוודאי, דער וואָס לעבט פון די הייסע און אויסגעמאַטערטע גלידער פון איר גוף, האָט זי איצט, אַ טיף־געפאַלענע צום גרונט, געפּרואווט אויפשטעלן אויף אירע צוויי מאַרמאָרענע פיס, ווי צוויי זיילן אין אַ טעמפּל. אָבער ווי נאָר ער האָט קוים מיט צרות זי אויפגעשטעלט, איז זי צוריק געפאַלן ווי אַ זייל פון גראַניטשטיין. דער נאַסער, ברודיקער שניי האָט אַ שפּריץ געטאָן פון אַלע זייטן אויף די פּנימער פון די מענטשן.

דער נעגער איז געשטאַנען אַן אַנטוישטער נעבן דער שוואַרצער פרוי ווי נעבן אַ באַרג מיט פלייש פונעפעס אַ שווערע, פאַרמבולדיקע און געפּגרטע חיה. ער האָט געקוקט אויף איר מיט פינצטערן צאָרן. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט צוויי גרויסע, מיט בלוט און פייער פאַרגאָסענע אויגן. ער האָט אין דער מחשבה געזוכט דעם שפּרוך אַריינצושעפּטשן אין אירע דינע, זייד־גרויע אויערן, וואָס זאָלן איר באַוועגן זיך צו וועלן אַליין אויפהויבן פון דעם מיאוסן זומפּ פון חרפּה און שאַנד. דער נעגער האָט זיך איצט אַריבערגעבויגן איבער איר, אַריינגעשושקעט שנעל און הייס אין אירע אויערן, וואָס האָט משמעות געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג אויף דער מאָדנער, מידער און מאַטער

פרוי. וואָרים זי האָט שוין אוודאי אַלע געמיינע און צערטלענדיקע רייד פון אים געהערט. שטילער פליסטער ווי אַ טייכל אינמיטן דער לבנהדיקער נאַכט. רייד פון ברענענדיקער תאווה ווי דער הייסער שטורעם. אַלץ, אַלץ האָט ער שוין אין איר אַריינגערעדט אין מאָמענטן פון ליידנשאַפט. ער האָט זי איצט ווידער געפּרואווט אויפהויבן ווי מען הויבט אויף אַ טויטן וואַלפיש, טויטלעך פאַרוואונדעט און שווער ביים ברעג פון ים געפאַלן מיט דער פינצטערער שווערקייט פון טויט. איצט האָט ער זי מיט דער הילף פון אירע מאַכטלאָזע אָרעמס געפּרואווט פאַרוואַרפן אויף זיינע אייזערנע פּלייצעס, כדי זי אַריינצוטראָגן אינם וואָגן אַריין, צום אייזערנעם און פאַרזשאַווערטן פאָרדל, וואָס האָט געוואַרט אַ פאַרשטעקטע אין שניי. זי האָט אים אָפּגעשפּיגן און באַליידיקט מיט שטיקנדיקע אויסגעשרייען, וואָס זי האָט אַרויסגעריסן פון איר סאַמע ווייבלעכער טיפעניש. פון די געדערים אַרויס האָט זי געשריגן פינצטער און הייזעריק. אַנשטאָט אים צו העלפן זיך אויפצוהויבן, האָט זי אים זיך נאָך אַנטקעגנגעשטעלט. זי האָט אין כעס ממש געריסן שטיקער פון אים. זי האָט געוואָרפן מיט די הענט און געריוועט ווי אַ געשאָכטענע חיה. זי האָט מעכטיק אויסגעדריקט אַן אוראַלטע שנאה, נאָך פון דזשאַנגל אָן, וואָס עס טראָגט די געשענדעטע און געפּייניקטע פרוי צום

מאַן, צום פּיראַט פון איר פלייש. זי האָט וואולקאַניש אַרויסגעבראָכן מיט שנאה פון איר בלוט אויפן מענלעכן מין. זי האָט אים אָפּגעגאָסן מיט בלייערנע קוואָרטן צאָרן. זי האָט געשטשירעט מיט די ציין ווי אַ פערד אין פינצטערער און מוראדיקער גסיסה, ווען נאָענט צו די פערדיש־פינצטערעאויגן דרייט זיך דער שוואַרצער הימל מיט זיינע בלוטיק־אָנגעצונדענע שטערן.

עס האָט אויך אויסגעזען אַז זי האָט עפּעס אַ מאָדנע הנאה פון ליגן דאָ. דער נעגער האָט זי געפּרואווט אויפהויבן אויף זיך אַזוי ווי פאַרוואונדעטע חיה. אָבער, נאָכדעם ווי ער האָט אפשר אַ שעה צייט געאַרבעט אויף צו פאַרפעסטיקן די געוואַלטיקע לאַסט אויף זיין מאַסיוון, שטאָלערנעם גוף, איז זי באַלד צוריק אַראָפּגעפאַלן מיט אַ טראַסק. ווי אַ שווערער פעלז וואָס האָט מיט אַ דונערדיקן זעץ געקראַכט אין ים אַריין. די גאַנצע אויסמאַטערנדיקע אַרבעט זיינע איז איצט געווען אַן אומזיסטע. וואָס וועט איצט זיין? און דאָ פאַרזאַמלען זיך אַ גרויסע און בונטע מאַסע מענטשן. עס שטעלן זיך אָפּ סלאַווישע גלחים, מיט לאַנגע, גאָלד־לויכטנדיקע קרייצן אויף די שווערע, ברוינע זשופּיצעס. זייערע זיידענע בערד ווערן פאַרשנייט מיט קאָנפעטי. עס גייען אַדורך רבנים מיט סידורים אין די הענט. זיי איילן זיך מקבל צו זיין דעם הייליקן שבת קודש. דאַנעבן, אין די אָרומיגע גאַסן, שטייען שולן און קלויסטערס. אינגלעך מיט לאַנגע, געקרויזלטע פּיאות שטייען דאָ און קוקן. דער געמישטער עולם כיכיקעט. מען לאַכט און מען חוזקט אויפן אַדרעס פונם קליינגעוואָרענעם און אָרעמן נעגער. מען זאָגט אַלערליי וואולגאַרע וויצן אויפן אַדרעס פון דער שיכורער פרוי. מען שמייכלט איבער דעם דאָזיקן מאָדנעם נעגער וואָס וויל אויפהויבן אַ ווייב פון דער פאַרשנייטער ערד און איז בקיין שום אופן נישט אימשטאַנד. זי ליגט דאָ אַ לויזע. מיט אַן אַרויפגעשטאַרצטן קלייד. די מייטקעס זיינען ביי איר צעריסן. אירע בריסטן סטאַרטשען אַרויס אָן בריסטהאַלטערס. די בריסטן אירע, ברוינע און שווערע און שווער־גענוצטע, דורך אַ טויזנט הענט אויסגעטאַפּטע,

וועדן פרעך באליידיקט פון פארבייגייערס בליקן. די האר אירע זיינען צעוואָרפענע אויף אירע נאַסע פּלייצעס. האר אירע אויסגעמישט מיט ערד און מיט שניי און מיט טרערן. איר פּנים איז אויסגעשמירט אין בלוט. אויף די צעשניטענע ליפּן — פּרעכע רייד. זי זידלט ביטער דעם מאַן. דער מאַב האָט זיין פּיקניק. דער המון האָט זיין סצענע. דאָס פּעבל האָט הנאה פון עמעצנס אָפּגעדעקטער שאַנד. און די פאַרשעמטע און פאַרשענדטע שענדעט און שימפּט דעם המון.

דער אומבאַהאָלפענער נעגער טראַכט: וואָס טוט מען דאָ? אַ מאָדנע סיטואַציע אַזאַ. ווי אַזוי שלעפּט מען אַרויס דעם דאַזיקן וויסטן, ווייבלעכן העלפאַנט פונם שניי־זומפּ? ווי אַזוי ווערט מען שוין ענדלעך פּטור פונם דאַזיקן ווילדן המון פון אַלע ראַסן דאָ צונויפגעזאַמלט? אָ, ווען ער וואָלט זי שוין ענדלעך האָבן אינעווייניק אין זיין פאַרזשאַווערטן פאָרדל, וואָלט ער זיך מיט איר געטראָגן העט־ווייט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, גלייך אינם שוואַרצן קעניגרייך פון האַרלעם. ער וואָלט איר געשלאָגן ביז בלוט פאַר אַלע די חרפּות און בושהס וואָס זי האָט אים אָנגעטאָן. אָבער זי ליגט זיך דאָ ברייט, די חצופה, ווי אין אַ קעניגלעכן בעט. זי איז די מלכה שבא. אַז דו ווילסט גאָר: חלומט זי איצט... אַט די אַלע מענטשן, אַט דער אָנגעלויף פון נייגעריקע לייט — אַן ענטוזיאַסטיש פּובליקום. זיי באַוואונדערן די שוואַרצע, אַבעסינישע קעניגין. עס פאַלט אַ שניי פון ווייסן קאָנפעטי איבער איר קאָפּ. מאַלאַרזשעס מאַלן איבער דעם קאָסמאָס אין ווייסן. שפּילט, איר שיכורע כלי־זמרים פונם אָרקעסטער. שאַלט, איר שופרות, דאָס ליד פון לײדנשאַפט. פלייטן, ציטערט דין מיט אַ געוויין! טשעלאָ, שפּיל אויס מיין אינערלעכן יאָמער! ברעכט אַרויס אין אַ נצחון־ליד, אינסטרומענטן אַלע. באַזינגט און באַשפּילט מיך, די קעניגין פון תאווה!

— מיימי, For Gods' Sake, what is the Matter with you ?

שטיי אויף, טשוכע דיך אויס, זע אין וואָסאַראַ עקלהאַפטן מעמד דו ביסט. מיימי, ס'איז נישט שיין, פע! מענטשן לאַכן אָפּ פון דיר, צו אַל' די שוואַרצע רוחות! הייב זיך אויף פונם גלעגער פון טינעף! — יאָמערט שוין איצט אין פינצטערער פאַרצווייפלונג דער מאַן.

נאָר מיימי חלומט אינם שנייאיקן זומפּ. עס פאַלט איר גאָרנישט איין צו פאַרלאָזן דאָס דאַזיקע צו איר אָנגענעמע טעאַטער. זי איז דאָ דער צענטער פון דער וועלט. פון הימל גייען מיטן שניי ווייסע מלאכים מיט גילדערנע פּעכערס אין די הענט. מען קילט די אָנגעגליטע לופט מיט קילנדיקע פּעכערס. עס טראָגט אַ רייצנדיקער מלאך אַ דינע קרוין פאַרן קאָפּ פון מיימי, אָ, מיימי איז היינט הימלישע קעניגין. באַלד וועט אַראָפּנידערן שלמה המלך פון זיין הויכן גאָלדענעם טראָן אין אַ באַפליגלטער קאַרעטע און קושן מיימיס גאָלדענע הענט...

פלוצלינג קומט אָן פון ערגעץ אַ צווייטער נעגער. עפּעס איינער אין אַ ברייטן, גלאַנציקן צילינדער. ער מוז אוודאי זיין אַ מאַן וואָס אַרבעט ביי די מתים אין אַ „פיונעראַל־היים". זיינע הענט זיינען ווי גרויע, סאַמעטענע הענטשקעס. אַזוי זעט אויס די הויט פון זיינע גרויע הענט. דער נייער נעגער זעט באַלד אין וואָסאַראַ צרה זיין ראַסנברודער געפינט זיך דאָ... אָן אַ וואָרט אויסצורעדן נעמען ביידע מענער רירן דעם באַרג וואָס הייסט פרוי. דעם הימאַלאַיאַ פון ווייבלעכע גלידער. געוואַלט! אַ שטערבלעכע

פרוי זאָל זיין אַזוי שווער אַזוי ווי אַ שטיינערנער לייב. זיי הויבן איר אויף ביי איין פוס — פאַלט דער צווייטער פוס צוריק מיט אַ טראַסק. צום ערשט ווייזט זי אַרויס אַ געוויסן אינטערעס פאַר דעם פרעמדן נעגער. זי גיט זיך אים עפּעס איבער. נאָר באַלד קריגט זי חרטה. דער ווייבערישער צו להכעיס ברענט אויף אין איר בלוט. און פונם הייבן און רייסן איר קערפּער ווערט זי גאַנץ נאַקעטער. אַלע אירע גלידער באַפרייען זיך ביסלעכווייז פון די קליידער, פון דער אונטערוועש. דער פרישער נעגער אַרבעט ממש עבודת פרך. זי חנדלט זיך עטוואָס צו אים. אָבער, אין חלום. זי דענקט: ס'איז אפשר שלמה המלך. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קליינער, בידנער נעגערישער קירכע, וואָס רופט זיך: "The House of the children of Zion".

אַ גאַנצע שטאָט איז דאָך נישט אַזוי שווער אויפצושטעלן ווי אויפצו־טורעמען אויף אירע בלייערנע פיס די פרוי. ביידע נעגערס קענען דעם פאַרשנייטן אַלף פון אַ פרוי נישט אויפשטעלן. יעדעס מאָל פאַלט זי צוריק מיט אַ טעמפּן קראַך אין פינצטערן גרוב פון שניי און בלאָטע. זי וויל דאָ האַרציק ליגן און טו איר עפּעס. דאָ וויל זי פינצטער און פרעך פאַרקערן מיטן גאָרן מענערטום פון דער ערד. דאָס איז טאַקע די זונה וואָס ווערט רייך געשילדערט אין תנ"ך. זי שלאָפט מיט גאַנץ מצרים און מיט בבל. זי שלאָפט מיט אַן אַרמיי פון תאווה־הונגעריקע סאָלדאַטן. זי שלאָפט מיט אַ ברענענדיק־דורשטיקן מדבר פון מאַן, וואָס לעכצט פייערדיק נאָך ווייב. אירע בריסטן — צוויי הויכע בערגער, ווי עס ווערט געבראַכט אין אַן אַלטן ספר. איר טראַכט — אַ נאַסער, טונקעלער טאָל.

אומבאַהאָלפן זײַנען שוין איצט ביידע נעגערס. דעם נייערן נעגער באַפאַלט פלוצלינג אַ מחשבה: אָפּציען. ער שטייגט שנעל אַריין אין זיין אויטאָמאָביל און ווערט נעלם. איצט קומט אָן די פּאָליציי. צוויי איירישע יונגען מיט רויטע האָר און מיט פעט־פאַרגאָסענע אויגן פרואוון מיט געוואַלט רירן די פרוי. אָבער, עס רירט זיך נישט. מען קען דעם דאָזיקן באַרג נישט רירן. זי איז צוגעוואַקסן, אַזוי ווי אַ בוים איז צוגעוואַקסן צו דער ערד מיט זיינע טויזנט טיפע און אייזערנע וואָרצלען. די פּאָליציי־לייט ווערן נעלם און אין אַ ווײַלע אַרום באַווייזן זיך די פייערלעשער. אַ גאַנצע מחנה סטראַזשאַקן, אין גלאַנציק־מעטאַלענע העלמען, ווי רוימישע לעגיאָנען, שלעפּן די פרוי. זי בייסט זיי די הענט. זי שרייט ווילד און צאָרנדיק ווי אַ שווער־פאַרוואונדעטע לייבעכע. זי יאָמערט מיט עפּעס אַ פינצטערן יאָמער פון איר טראַכט. פון אירע צעווייטיקטע און צעריסענע גדעדערים ברעכט זיך אַרויס אַן אומערדיש געוויין. עס וויינט אַ באַליידיקטער וואַלד. דער עולם וואָס האָט די גאַנצע צייט געלאַכט און געחוזקט פון איר, וויינט ממש מיט. אַ גרויס רחמנות שטייגט אויף אין אַלעמענס הערצער צו דער דאָזיקער יאָמערנדיקער חיה, וואָס איז ממש טויטלעך פאַרוואונדעט אין די גדעדערים. עס הערן זיך בייזע אויסגעשרייען פונם פובליקום. די חיה האָט אָנגעצונדן דעם המון צו מיטלייד. צו בונט און רעוואָלט. דער מאַב קרעכצט אויף אין ווייטיק און פּראָטעסט. אָבער די פייערלעשער פאַרשטייען די לאַגע און זיי פאַרלירן נישט קיין סך צייט. ענדלעך געלינגט דער מחנה סטראַזשאַקן איר צו רירן פונם זומפּ, איר אויפהייבן פון איר ערדישן בעט און אַרויפלעגן אויף אַ טראָג־בעטל. זי שפּייט און זי יורינירט. דער שניי איז פאַרגאָסן פון

אירע געזאַלצענע טרערן און פון איר גרינער, פעטער השתנה, אַזוי ווי אַ קראַנקע חיה וואָלט דאָ געגוססט אין איר פינצטערן שטאַרבן — — —

דער עולם האָט נישט קיין חשק זיך צו צעגיין פון דאָזיקן אומגעוויינלעכן גאַסן־ספּעקטאַקל. ווען דער אויטאָמאָביל רירט זיך, שטעקט זי אַרויס צו אַלעמען אַ לאַנגע צונג. איך בלייב שטיין צווישן פּובליקום אַ פאַרטרויערטער:

— איז דאָס די פרוי וואָס פּאָעטן באַזינגען מיט די איידלסטע לידער? איז דאָס די לבנה־בלאַסע, צאַרטע און זילבערנע פרוי, וואָס דא ווינטשי און ראַפאַעל האָבן אַזוי מייסטערהאַפט געמאָלן אין אָנגעצונדענע פאַרבן פון גאָלד? קען די פרוי פון שיר השירים און פון די „געטלעכע קאָמעדיע" זיין אַזוי שווער אַזוי ווי אַ באַרג פון שטיין? קען די געטלעכע פרוי פון פּעטראַרקע און היינע איינשמירן זיך אין אַזאַ ברודיקן שניי און בלאָטע? קען זי זיין אַזוי חיהש און קען זי ווערן אַזוי מיאוס און אָפּשטויסנדיק?

— יאָ! — ענטפערט אין מיר אַ קול — דאָס איז אויך די פרוי. דאָס איז אויך אַ פּראָמינענטער טייל פון דער פרויס כאַראַקטער. זי האָט זיך אָנגעשיכורט ווי לוט און ווי זיינע טעכטער. וויל זי ליגן אַ נאַקעט־אָפּגעדעקטע פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, פאַרן פּובליקום פון גאָר דער ערד.

ניו־יאָרק, 22טער אויגוסט, 1955

דער אַלטער זייגער

ווי געלע וואַקס פאַלן, טריפן די בלעטער פון די בוימער. אַמאָל האָבן זיי אין גאָלד געגליט, זיך געטונקען אין די פלאַמען פון דער זון. זיי האָבן געבענקט צום אומגעהויערן רוים. די ביימער ווערן אַלץ נאַקעטער. אַ שיכור זיצט אויף אַ באַנק און ער רעדט צו זיך אַליין. יעדעס מאָל נעמט ער אַרויס פון זיין קעשענע אַ ברוינע, אַ שאָקאָלאַדע־ברוינע פלאַש און ער טוט אַ זשלאָקע פון דעם טייוולישן עליקסיר. דאַן לעגט ער אַוועק זיינע בײדע הענט אויף די קניעס — צוויי גאָלדענע פלייטן. דער ווינט וועט איבער זיי אַ שפיל טאָן...

נעבן מיר, אויף דער אייזערנער באַנק, צווישן די פאַרקילטע בוימער, זיצט דער אידישער שריפטשטעלער. איצט איז ער דורכגענומען מיט דער ערב יום כיפורדיקע שטימונג. מיטן הערבסט וואָס וויזט זיין פּנים, דורך די דינע בלעטער, אין יעדער ווינקעל פון סקווער, אין יעדער ווינקעל פון דער וועלט. דעראינערונגען גייען אויף. פון דער קינדהייט. פון דער יוגענט. פון אַ טויזנט יאָ צוריק. זינט דעם אָנפאַנג פון דער עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק. די בלעטער וואָס טריפן ווי גליענדיקער וואַקס פון די ביימער, צעשמאָלצענע דורך דער זונס וואַרעמן מויל, זעען אויס ווי פּנימער, ווי מאַסקעס פון די שיילאָקס און די יוד־זיסעס... פּנימער פון די נביאים, פון די אָבות, פון משה רבינו, פון אָדם און פון חוהן... די בלעטער מישן זיך אויס, טאַנצן אויף, ציטערן אויף... עס איז די היס־טאָרישע פאַרגאַנגענהייט, די דראַמע פון אונזער אַלטן פאָלק...

דער שריפטשטעלער, וואָס האָט קיין ווייב, קיין קינד און קיין רינד און וועמענס אַלע געליבטע האָבן דורך דער צייט חתונה געהאַט, זיינען שוין איצט געוואָרן אַלטע מוטערס און אפילו באָבעס, איז איצט אַן עלנטער מענטש. ער רעדט מיט אַ געבראָכענער שטימע:

— אַנומלט האָט מיך דער ווינט פלוצלינג צוגעטריבן צום אַלטן זייגער. איך בין דאָרט נישט געווען שוין אַרום פערציק יאָר צייט. עס איז געווען אַן אומהיימלעכער פאַרנאַכט. איר ווייסט דאָך, ווען איך שליס צו די ביורא, פאָר איך אַוועק ערגעץ אין די בראָנקס, אין ברוקלין. דאָ האָב איך אַמאָל געוואוינט... דאָרט האָב איך געחלומט... די הייזער זיינען שוין אַלע אַלט געוואָרן... אַ טייל הייזער זיינען שוין לאַנג אַראָפּגעריסן געוואָרן... דאָ פלעגט מיך באַזוכן די מיט די ביבליש־ווייכע, סאַמעטענע אויגן, מיט דעם בלאָנדן קאָפּ געדיכטע האָר, אַזוי ווי אַ וואַלד וואָס גאָלדיקט זיך אין הערבסט... איך האָב אין אַלע ווינקלען פון מיין בחורישן חדר פאַר איר אָנגעצונדן ליכט... און דאָרטן, די לעצטע דאַמע אין מיין לעבן... דאָס שוואַנענליד פון אַלע מיינע ראָמאַנען...

עס איז געווען אַ הויז, אַזוי ווי אַ קליינער שלאָס, נעבן דעם „פּיונעראַל מאָנס" גוט... דאָרט וואו הויכע בוימער דערהויבן זיך אומהיימלעך און זיי גרייכן די וואָלקנס מיט זייערע אומגעווײנלעכע צווייגן... דאָרט אַהין איז זי געקומען, די לעצטע העלדין פון אַלע מיינע ראָמאַנען...

אַט אַזוי לויף איך נאָך די שאָטנס פון מײנע ליבעס... זאָגט ערגעץ וואו דער פראַנצויזישער פּאָעט שאַרל באָדלער, אַז ער האָט געהאַט דעראײ־נערונגען אַזוי ווי ער וואָלט געלעבט אַ טויזנט יאָר לאַנג... איך יאָג זיך נאָך די שאָטנס, די ספּעקטערן, די שפּינוועבסטיקע געשפּענסטער פון מײן פאַרגאַנגענהײט... עס איז זײער שווער צו לעבן מיטן ליכט פון אַמאָל... מיט שטיקלעך דעראינערונגען... עס איז טרויעריק צו לעבן מיט אַלבאָמען... מיט קברים פון די טײערסטע... מיט די געלבע בלעטער און זײדענע לאָקן, באַהאַלטן צווישן די בלעטער פון דיקע, קלאַסישע ראָ־מאַנען...

איז אַט, אין דעם אומהײמלעכן אָקטאָבער־אָוונט, האָט עס מיך גע־טריבן צום אַלטן זײגער, אין די גאַסן פון ניו־יאָרקער דאַון־טאַון־קעגנט. עס איז געווען אַן אַלטער זײגער, ווי געזאָגט, וואָס איך האָב געזען מיט פערציק יאָר צוריק... איך בין דעמאָלט געווען יונג, ערשט פונם שטעטל אַרויס. און בין ערשט געהאַט אַרײנגעפאַלן אינם גהנומדיקן קעסל, אין ניו־יאָרק. די הײמישע, די זאַפטיקע סעדער, פייכטע מיט טוי, זײנען נאָך געווען פייכט אויף מיר. זײנען נאָך געלעגן אויף מײנע אַקסלען ווי פאַרביקע טעפּיכער אויף די פּלײצעס פונם טערקישן הענדלער. געסלעך, הײזלעך, דעם גלחס פײן־אויסגעקעמטער גאָרטן, די „טומאה" מיטן מעשענעם צלם, וואָס גלאַנצט אין דער זון; דאָס בית עולם מיט עלטערע און מיט אינגערע קברים, מיט הויכע גראָז באַוואַקסן און מיט רוי־ערד, ערשט־אַרויסגעהויבענע פון דער ערד; פאַרטרערטע פּנימער פון אַלטע טאַטע־מאַמע; אַ שטיק פּנים, ווי אַ שטיק מעשׂ, פון אַ מומע, אַ שוועסטער, אַ שוועגערין; אַ קאָפּ זוניק־גאָלדענע האָר פון אַ צאַרטער געליבטער... אַלץ איז נאָך געווען אין מיר, אין מײן פּסיכיק, כאַאָטיש אַנגעוואָרפן, אויסגעמישט, ברענענדיק ווי פײער אין מײן זכרון...

און אַט איז דער זײגער. ער איז שוין אַפילו דעמאָלט געווען אַלט... פון צײט אַ פאַרקרומטער. פון אַ טויזנט רעגנס געוואַשן און געפּאַטשט. פון שנײען פאַרברודיקט. פון האָגלען באַלײדיקט. פון ווינטן געשמיסן. נאָר די צײט איז אײביקער ווי דער דויער פון אַ מענטשן, בפרט ווי דער דויער פון אַ שנײ, אַ רעגן, אַ האָגל, אַ ווינט... דאָ ברעכן זיך אָפּ לבנות און זונען... יאָר־סעזאָנען, אין דעם גאַנצן רײכן לאָר און כישוף פון פרילינג און פון הערבסט, גײען פאַרבײ, ווי געוואַלטיקע אויסשטעלונגען פון גאָט, דעם גרויסן אַרכיטעקט פון די הימלען... און צײט טריאומפירט... און די ווײזערס ווײזן צען מינוט צו זיבן... מײן פרײנט, אַ לאַנדסמאַן פון שטעטל, יאָגט מיך אונטער: „אײל דיך, שטעטל פּיס, וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק? דו האָסט דעם טרויער דײנעם באַדאַרפט איבערלאָזן אין דער הײם... דאָ איז ניו־יאָרק... דאָ יאָגט מען... ווילסטו מאַכן אַ לעבן, ברודער, טאָ „האַרי־אַפּ"...

מיר איז געוואָרן קאַלט אין די בײנער פון זײנע רײד. ווי שטיקער רויע, ברוטאַלע פעלזן, זײנען זײנע ווערטער געפאַלן איבער מײן קאָפּ, איבער מײן דערשראָקן און אומעטיק האַרץ... אַ סך מענטשן זײנען שוין געווען אין גאַס. פרויען מיט נאָך פאַרשלאָפענע, שײנע אויגן. מענער, אויפגעריסענע פון שלאָף פון שטיקער חלום, פון די הײמישע טוי־נאַסע סעדער פון חלום...

און, יענער טאָג איז שוין לאַנג אַדורך ... מיט פערציק יאָר צוריק ... איך בין שוין אַלט געוואָרן. מיין קאָפּ און מיין באָרד לויכטן מיט שניי. און ווען איך בין צוגעקומען צום אַלטן זייגער, בין איך געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט ... איר הויט, דער טינק, שיילט זיך אַזוי ווי עס שיילט זיך אַן אָפּגעברענט, מענטשלעך לייב. די הייזער זיינען עלטער געוואָרן מיט פערציק יאָר, מיט פערציק לאַנגע, שווערע יאָרן ... פאַרבייגייער זיינען אַדורכגעגאַנגען, אין דער אָקטאָבער־קילער, כמאַרנער נאַכט ... פון די וואָלקנס איז געפאַלן אַ קיל רעגנדל ... די פאַרבייגייער, מיר דאַכט, זיינען דיזעלבע ווי אין יענעם זוניקן פרימאָרגן ... אָבער ניין ... אַ סך פון יענע מענטשן לעבן שוין נישט מער ... דער זייגער האָט אָפּגעציילט זייערע טעג און וואָכן, זייערע חדשים און יאָרן ... און די צייט, דער מעטאַלענער זייגער, איז געבליבן שטיין. נאָך אַ ווײַלע, און אויך איך וועל אונטערגיין, ווי אַ זעגל, וואָס זינקט אין די שטורעמדיקע כוואַליעס ...

פלוצלינג דערהער איך פון דער ווייטנס אַ קול:

— איטשעלע! איטשעלע!

איך קוק זיך אַרום און איך דערזע צוויי אַלטע פּנימער, פון אַ מאַן און אַ פרוי ... זיי שמייכלען צו מיר ... איך פּרואוו זיך דערמאָנען ווער זיי זיינען. עס איז אָבער שווער זיך צו דערמאָנען ... די פרוי, עפּעס אַ יונגע מיידל טויכט אַרויס פון איר, ווי אַ כוואַליע פון ים, ווי אַ סירענע, פון וועמענס לויכטנדיקן לייב די וואַסערטראָפּנס ריגנען ווי זילבער ... איך האָב זי דערקענט ... און דורך איר — האָב איך אים אויך דערקענט ... מיט אַרום פופציק יאָר צוריק ... און די פּעטע און פייכטע סעדער פון שטעטל, מיטן רייכן, בונטן אויבס ... און זי — אַ שטיק זון ... און מיין חבר איז פאַרליבט אין איר ... איינמאָל קומט ער צו מיר און ער זאָגט:

— איך האָב ליב ראַכעלאַן ... און דו שטייסט מיר אין וועג ... האָסטו זי דען באמת ליב? אויב יאָ, וועל איך זי דיר אָפּטרעטן ...

איך בין געווען איבערראַשט פון זיינע רייד. אמת, ראַכעלאַ האָט מיך גערן געהאַט. מיר פלעגן זיך קושן אין לבנה־נעכט, פולע מיט גאָלד און מיט בלוי ... מיר האָבן געהאַט „ראַנטקעס" און מיר פלעגן שפּאַצירן ווייט אונטער דער שטאָט, דאָרט וואו די וועגן פירן אַרויף אויף די ברייטע, גרינע פעלדער, צו די טייכן, וועלדער און שטראָמען ... צום אָפּענעם, צום אומענדלעכן הימל, וואו די האַנט פון גאָט מאָלט אומאויפהערלעך הימלישע שיינקייטן ... די מאָלערישקייטן פון דער נאַטור ... וואו דער הימל רעפלעקטירט די לאַנדשאַפטן פון דער ערד ... און די ערד, די וואַסערן, שפּיגלען אָפּ דעם אימאַזש, דאָס הייליקע לאַנדשאַפטס־פּנים פון הימל ... און אינמיטן דעם הערלעכן מאַסקאַראַד פון דער נאַטור — זי, ראַכעלאַ, אַ יונגע, אַ וואַרעמע, זיך טולענדיק צו מיר אין אל איר יונגמיידלשקייט ... און אַלץ האָט דאָך טאַקע אַ זין בלויז צוליב איר ... זי באַשיינט און זי באַחנט די גאַנצע נאַטור און אויך מיין האַרץ צינדט זיך אָן. נאָר איצט, ווען מיין יוגנט־חבר האָט מיך באַשולדיקט אַז איך נעם אַוועק „זיין" געליבטע פון אים, איז אין מיר אויפגעגאַנגען דער שטאָלץ פון אַ „ריטער", מ'שטיינס געזאָגט. איך האָב אים געזאָגט:

— ראַכעלאַ איז נישט מיין מיידל ... דו האָסט זיך אַלץ אויסגע־

טראַכט... איך וועל דיר באַווייזן מיט מיין טאַט אַז איך בין אין ראַכעלאַן נישט פאַראינטערעסירט... איך וועל אַוועקפאָרן פון שטאָט כדי דו זאָלסט קענען חתונה האָבן מיט ראַכעלאַן...

איך בין געווען געריר׳ט פון מיינע אייגענע גרויסמוטיקע רייד. מיין יוגנט־חבר איז געווען גליקלעך. אָבער שפּעטער האָט מיר שטאַרק ווי געטאָן צו פאַרלאָזן ראַכעלאַן... איך האָב אָבער געמוזט אויספירן מיין צוזאָג... יענעם יאָר האָב איך געזען די כוואַליעס פון אַטלאַנטיק. די שיף וויגט זיך אויפן גרויסן ים. עס זיינען טעג און נעכט פון שטורם און פון זון־ליכט, אַזוי ווי מיין וועג אין לעבן... דער ים איז מיין לעבנס־בוך... ער עפנט די פּאַנאָראַמאַ פון מיין לעבן... אַזוי ביזן לעצטן טאָג... פרויען אין גרינע און בלויע פּעלערינעס שטעקן אַרויס זייערע גאָלדענע קעפּ פון ים. אָט דערלאַנגען זיי מיט די ווייסע, ליליען־ווייסע, ציטערנדיקע הענט צו מיר — און אָט פאַרשווינדן זיי, נידערן צום אָפּגרונט, פאַרוואונדן זיך אין די פעלזן פון ים־טיפעניש, פאַלן מיט אַ געוויין אין דעם פלושענעם אָפּגרונט...

און שפּעטער — די גרויקייט פון ניו־יאָרק — די טיפע, פינצטערע „סאָבווייס". די „סוועט־שעפּער" מיט די וואולגאַרע רייד פון די אַרבעטער. אַרבעט! אַרבעט און קריינקונג... און די גרינע פעלדער, די פלושענע לאָנקעס, די וואַלדיקע שטעגן, רינען אויס, רינען אויס מיט אַלע זייערע רייכע קאָלירן, אַזוי ווי אַ רייכער זון־אונטערגאַנג, וואָס פאַרצערט זיך אַליין... און מיט די גרינע, שמעקנדיקע פעלדער פאַרשווינדט ראַכעלאַ, דאָס מיידל פון שטעטל, מיט אירע גאָלדענע צעפּ... — — —

און איצט, נאָך פערציק יאָר, שטייען מיר אַלע ביי דער אַלטער וואַנט פון אַ טרויעריק הויז, איינזאַמע און אויסגעקרומטע פון לעבן. יענע ראַ־כעלאַ איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן. געבליבן איז אַן אַלטע, שרעק־לעך־דעפּאַרמירטע פרוי... שוין בעסער אפשר וואָס איך בין געבליבן אַן אַלטער בחור, אַן איינזאַמער מענטש... ווי וואָלט איך איצט געקענט לעבן מיט אַזאַ אַלטער פרוי? און בשעת מיר זיינען געשטאַנען שטומע, אין דער אומהיימלעכער נאַכט, האָט מיין יוגנט־חבר אַ שלעפּ געטאָן זיין פרוי און האָט אויסגעוואָרטשעט:

— „קום, קום שוין שנעלער! מיר דערוואַרטן היינט אָונט געסט!"

און זיי זיינען אַוועק אין דער רעגנדיקער נאַכט... די אַלטע אייפער־זוכט האָט אין אים דערוואַכט... און איך האָב געשמייכלט איבער דעם מאָדנעם עפּיזאָד... נאָך אַזוי פיל פאַרלאָפענע יאָרן איז ער נאָך אַלץ געווען פאַרליבט אין זיין פרוי, אין ראַכעלאַן... און נאָך אַלץ אייפערזוכ־טיק... און די נאַכט האָט זיי איינגעשלונגען... די אונהיימלעכע נאַכט... און טרויעריק און הייזעריק האָט דער זייגער געקלאַפּט, צום טאַקט פון רעגן, צום טאַקט פון ווינט, צום טאַקט פון דער וועלט...

און איך האָב זיך קוים אַוועקגעשאַרט פון דעם דאָזיקן פּלאַץ... מיינע פיס האָבן מיך נישט געוואָלט טראָגן: צו וואָס? וואוהין? ביז וואַנען? פאַרוואָס? — — —

עס איז געווען ערב יום־כיפור. דורך די שטאָכעטן זעען מיר ווי אידן איילן זיך מיט מחזורים אין די אַלטע הענט. די מחזורים — אַלטע, געלע,

אויסגעריבענע, ווי די הענט פון פאָלק. און דער שיכור גייט איצט אַרום אויפן סקווער און ער זוכט ביי עמעצן צו באָרגן געלט... נאָר קיינער גיט אים נישט קיין פּעני. און זיין הויכע געשטאַלט צייכנט זיך טרויעריק אָפּ אויפן סקווער... און אַן אַלטע, דינע פרוי גייט שפּאַצירן מיט איר זון, אַ סאָלדאַט. זי פירט אים ביים האַנט, ווי אַ שול־מיידל פירט איר געליבטן ביים האַנט... ווי לאַנג קען נאָך די אַלטע פרוי לעבן? און מיט וויפל זשעדנעקייט האַלט זי אין איר דאַרער האַנט דעם זונס האַנט... ער וועט אַוועק איבער יבשה, איבערן ים, צו ערגעץ אַ שלאַכט פעלד... און זי וואָלט אים וועלן וואָס לענגער פאַרהאַלטן, אים נישט אַוועקלאָזן פון זיך...

עס איז ערב יום־כּיפור. אַן אַלט פאָלק גייט צו כל נדרי... צום חשבון הנפש מיט גאָט... גאָט גייט משפּטן; אַן אַלט, געמאַטערט פאָלק — אָדער גייט דאָס פאָלק משפּטן זיין גרייז־גרויען, איינזאַמען גאָט?! אַ גרויסער אומעט, אַ געוויין פון אַלע דורות, גייט דורך די וועלט...

איך געזעגן זיך מיטן אַלטן שריפטשטעל'ער... און שפּעט ביינאַכט, נאָכדעם ווי די טראַגישע כל־נדרי מעלאָדיע איז אַריין אין מיינע ביינער, קום איך אַהיים פון שול... און איך קוק אויפן אַלטן זייגער, וואָס איז מיר איבערגעבליבן פון מיין מוטער... ער קלאַפּט נאָך אַלץ... עס איז דער אַלטער טיק־טאַק, ווי איך פלעג אים הערן פון דער קיך פון מיין מוטער, וואו ער איז געשטאַנען... זי איז געשטאָרבן אונטער זיין טיק־טאַק... אונטער זיין הייזעריקן זופן די רגעס, די מינוטן, די שעהן... ביינאַכט, ווען איך דערוואַך פון אַ חלום, לייכטן זיינע פאָספאָרישע ציפערן און ווייזערס, ווי אויגן, פול מיט טרערן... זיין מענטשלעכער ציפערבלאַט־פּנים וויינט... עס דאַכט זיך מיר אַז מיין אַלטע מאַמע וויינט, קוקנדיק אויף מיר... דער ציפערבלאַט — דאָס איז איר פּנים...

איך קוק אויף אַ בילד פון פראַנסואַ דרועי, אַ פראַנצויזישער מאָל'ער פון דעם אַכצעגטן יאָרהונדערט. איבער אַ שיינער פאַמיליע פון דריי מענטשן: אַ פאָטער, אַ מוטער און אַ וואונדערשיינער טאָכטער, וואַכט דער זייגער... זינט דורות וואַכט ער איבער די מענטשן... דער פאָטער בויגט זיך אַריבער דער שטול, וואו עס זיצט זיין פרוי, אַ בלייכע און אַ פאַר־בענקטע... נעבן אירע קניעס זיצט די וואונדערלעכע טאָכטער, אַ קליינע צאַרטע ליאַלקע פון זילבער... און דער זייגער קלינגט פּינקטלעך און געטריי אויס די שעהן... די שעהן פון אַ גליקלעכן לעבן... ווי אַנדערש איז דעם דאָזיקן זייגערס גורל, ווי יענעמס, דעם זייגער וואָס הענגט נאָך אַזוי פיל יאָרן אין דעם אַלטן טויער... און ער ווערט געשלאָגן פון ווינט און רעגן, פון שניי און האָגל... יענער זייגער טרייבט די עלנטע צו דער אַרבעט... ער יאָגט די איינזאַמע... און דער דאָזיקער זייגער דאָ, אינם ראַם פון בילד, אין דער געמיטלעכער, אַריסטאָקראַטישער פאַמיליען אַט־מאָספערע, ציילט רואיק זיינע שטונדן, זיינע מינוטן, זיינע רגעס... ער וואַרט ביז די טאָכטער וועט ווערן גרויס, וועט ווערן אַ צאַרט־צעבליטע, רייפע דאַמע, און דאָס גרויסע ראָמאַנטישע האַרץ וועט זיך אַנצינדן אין איר... דער זייגער וועט וואַכן איבער דעם יונגן פאָרפאָלק דורך די נעכט... און שפּעטער — דער ציטער פון קינדער... פון יונגע שטימען, זינגענדיקע, קלאַנגענפולע, ווי בראַנדזענע כוואַליעס... אָ, די צוקונפט איז אַזוי ליכ־

טיק צום אַלטן, פּעאָדאַלן זייגער ... קיינמאָל וועט אויפן בילד זיך נישט פאַרלעשן דער שטימונגספולער פאַמיליען מאָמענט ...

עס איז יום־כּיפּור־ביינאַכט. עס טריפן גראָבע, געלע ליכט אין אַ סך אידישע הימען ... דאָס וואַקס, דאָס חלב, רינט און פאַרגיסט די לייכטער, דאָס גאָלד און דאָס זילבער פון די לייכטער ... פאַרגיסט דאָס זאַמד אין וועלכן די ליכט זיינען אַריינגעשטעלט, ווי שורות ביימער אין געלער, אין זאַמדיקער ערד ... איך שטיי צווישן די טריפנדיקע ליכט פון דער וועלט... איך קוק אַרויס דורכן פענצטער. די לבנה — אַט דער אוראַלטער, פויעריש־ליימענער זייגער, הענגט אין דעם בלויען, אומהיימלעכן הימל ... אַ לייימיקער פויערן זייגער, וועמענס „ווערק" איז פון האָלץ געמאַכט ... אַן אַלטער זייגער, וואָס ציילט שוין טויזנטער יאָרן זיין לעבן אין די וואָלקנס ... ציילט דאָס לעבן פון די דורות, וואָס קומען אויף און פאַרגייען, ווי די אומצאָליקע כוואַליעס פון גרויסן, פון אייביקן ים ...

ניו־יאָרק, 1 אָקטאָבער, 1944.

I. SCHOR

פילאָסאָפיע פון מיין באָרד

זינט איך האָב באַשלאָסן צו צירן מיין פּנים מיט אַ קליינער באָרד, האָבן מיך טויזנטער מענטשן שוין געפרעגט וועגן דער סיבה, וועגן דעם זין און די געהיימע באַדייטונג פון מיין באָרד. ווי נעמט דאָס אַ מיושבדיקער מענטש אײַנמיטן איין שיינעם העלן טאָג און ער פאַרלאָזט זיך גאָר אַ באָרד. פאַר יעדן איינציקן פרײַנט, וועלכער זאָרגט זיך אַזוי שטאַרק וועגן מיין אויסזען, האָב איך געמוזט געבן אַן אַנדערע דעקלאַראַציע. איך האָב אויסגעטראַכט אַלערליי אמתע און פאַלשע תּירוצים. איך האָב אין איינעם אַ טאָג, אָדער צו זיין פּינקטלעכער: אין איינעם אַ פריען באַגינען, ווען עס שאַריעט וואונדערלעך אויף טאָג, ווען עס הויבט אָן צו ציטערן מיט אַ נייעם ליכט, ווען אַ מיליאָן אידעלע קינסטלער־הענט הויבן אָן צו פאַרווישן די נאַכטישע פלעקן מיט שטיקער גאָלד און זילבער וואָס ריגט פון ערגעץ אַ נאָך־נישט גע־זעענע זון, אַזוי ווי פון אַ בלוטיקע וואונד — האָב איך באַשלאָסן אָנצו־שרייבן איין גרויסע, אַלגעמיינע דעקלאַראַציע וועגן מיין באָרד. דאָס זאָל זיין אַ מין מאַניפעסטאָ אַזאַ. אויב די וועלט זאָרגט טאַקע אַזוי שטאַרק וועגן מיר, טאָ זאָל זי קריגן איר פאַרדינטן ענטפער. און זאָלן אַלע מענטשן ווערן פאַרכישופט פון אַ מעכטיקער דערקלערונג.

***

די דאָזיקע „מעכטיקע דערקלערונג” האָב איך דערווייל נאָך נישט אויפן רעיון. אפשר וועט זי אונטערקומען אינם פּראָצעס פון שרייבן. אַ שרייבער ווייסט קיינמאָל נישט וועלכע גרויסע געדאַנקען עס קומען צו אים בשעתן האַלטן אַן אינספּירירטער די פעדער אין דער האַנט.

דערווייל אָבער וויל איך באַמערקן אַז איך האָב געטראַכט אָנצו־שרייבן אַ פעליעטאָן וועגן מיין באָרד. דאָס איז אפשר מיין סאַמע ערשטער פעליעטאָן. (דעם „אפשר” וואָלט מען דאָ געקענט גאַנץ שיין אַרויסלאָזן אויף דער פרייהייט. ער קען צונוץ קומען צו אַן אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעט). פאַרוואָס זאָל איך נישט זיין אומשטאַנד אָנצו־שרייבן אַ פעליעטאָן, האָב איך זיך געטראַכט, וועגן מיין באָרד? פאַרוואָס נישט שרייבן אַ פעליעטאָן בכלל? ווי אין די גוטע, אַלטע צייטן, ווען דער מענטשלעכער גייסט האָט זיך אַזוי שיין און גראַציעז אויסגעדריקט אין דעם פעליעטאָנישן זשאַנר... האָבן דאָך די מעכטיקע הערשער פון דער ערד אָפט געציטערט פאַר דער שאַרפער, אָנגעצונדענער פּען פון אַ פעליעטאָניסט אַלאַ וואָלטער, עראַזמוס פון ראָטערדאַם, היינריך היינע און אַפילו אַזאַ ווי מאַקסימיליאַן האַרדען. אויב אַ באַר־

בער דערלויבט זיך צו לערנען שערן אויף מיין באָרד, וועל איך זיך דערלויבן אויף מיין באָרד צו שרייבן אַ פּאַליעטאָן. —

***

הייגריך היינע פלעגט זאָגן:

— „אונטער די קליידער זיינען אַלע מענטשן נאַקעט".

מיר פאַלט איצט איין צו פאַראַפראַזירן דאָס שפּריכוואָרט: אונטער זייערע בערד זיינען אַלע מענטשן „אָפּגעגאָלט"...

***

איין מאָל, פאָרנדיק אין סאָבוויי, זע איך ווי איינער, אַ באַקאַנטער חזן, באַטראַכט מיך זייער אויפמערקזאַם. ביים אַרויסגיין פון סאָבוויי קומט ער צו צו מיר און ער זאָגט:

— איר זענט אַ חזן? איך קען אייך נישט פון דער יוניאָן.

— אַוודאי, אַז איר קומט קיינמאָל נישט צו קיין מיטינגען, טאָ פון וואַנען זאָלט איר מיך קענען? — האָב איך אים געפרעגט.

אַ שטאַרק־שולדיקער, מיט שטויענדיקע אויגן, איז דער חזן געבליבן שטיין.

***

יעקב גלאַטשטיין האָט מיר איינמאָל דערציילט אַז ער האָט געטראָגן אַ באָרד פיר יאָר צייט. (משמעות אַז אין די פיר יאָר האָט ער נאָך נישט באַזעסן קיין אין גרויע האָר...) אויך הערמאַן גאָלד, ווי באַקאַנט, האָט געטראָגן אַ ברייטע, צעשויבערטע באָרד, אַזוי ווי אַ פאַרלאָזן שטיק וואַלד־און־פעלד. ביידע פלעגן זיי אַהיימפאָרן צוזאַמען קיין ברוקלין. גלאַטשטיין האָט זיך שטאַרק געשעמט צו פאָרן אין סאָבוויי צוזאַמען מיט הערמאַן גאָלדן, צוליב זיין באָרד. (צוויי בערד אין אַ סאָבוויי ציען צופיל אויפמערקזאַמקייט). גלאַטשטיין פלעגט דעריבער יעדן טאָג געבן הערמאַן גאָלדן אַ ניקל אַז ער זאָל זיך פאָרן באַזונדער מיטן סאָבוויי. —

***

הערמאַן גאָלד, ווי געזאָגט, האָט געטראָגן אַ באָרד שוין זיבעט יאָרן. ווען איך האָב זיך פאַרלאָזן מיין באָרד, האָב איך אים איינמאָל באַגעגנט אויף סעקאָנד עוועניו. איך בין צוגעלאָפן צו אים און טייטלענדיק אויף אים מיט מכלומרשטער איבעראַשונג, האָב איך אויסגעשריגן:

— דו אויך האָסט זיך פאַרלאָזן אַ באָרד?!

דער אָרעמער הערמאַן גאָלד האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ מעשה. ער איז געווען טרויעריק פון מיין פרואוו אים „איבערצו־ביטרעווען". עס איז באמת געווען אַן אומגערעכטיקייט פון מיין זייט: ער, וואָס „מאַטערט" זיך מיט זיין ווילדער, קאַפּריזנער באָרד שוין זיבעט יאָרן, וואָס איז געווען ממש אַ פּיאָנער, אים זאָל איך גאָר פלוצ־לונג אָוועקשטעלן אין אַזאַ „לעכערלעכער" פּאָזע...

***

אין קאַפעטעריע קומט צו צו מיר איין מאָל אַ יונגע דאַמע. איר רעאַקציע (חשובער זעצער: זעצט נישט „רעדאַקציע"!) צו מיין באָרד האָט זי אויסגעדריקט אין די פאָלגנדע ווערטער:

— איר זעט איצט אויס ווי דער צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער...

איך האָב זיך געפילט טרויעריק פון דער באַמערקונג.

אַן אַנדערער האָט עס געהערט און האָט מיך געפּרואווט פאַר־טיידיקן:

— איר זעט אויס ווי דר. הערצל.

אַ דריטער האָט צוגעגעבן:

— אַבי ער זעט נישט אויס ווי דער גלח ראַספּוטין.

אַנדערע לייט האָבן מיך פאַרגליכן צו זשאַן זשאָרעס, צו קאונט ספּאַרצאַ, צו עמיל זאָלאַ, צו אַנאַטאָל פראַנס. אַ לינקער פּועלי ציוניסט האָט אין מיר געזען זרובבלען. (נישט דעם תנכ׳ישן...) מען האָט פאַר מיר אויסגעזוכט נעמען פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. פון רענע־סאַנס־פּעריאָד. פון דער אידישער געשיכטע. מיט מיין באָרד זיינען אויפגעגאַנגען וואונדערלעכע געשטאַלטן פון דער וועלטס היסטאָריע. מען האָט מיך אַפילו פאַרגליכן צום „הימלישן פרינץ״. (נאָר איך האָב מורא אַרויסצוברענגען זיין נאָמען אויף די ליפּן, כדי נישט ווי צו טאָן די לעצטנס־געוואָרענע „הייסע אידן״, די גרויסע „צדיקים״ אין די פרומע פּעלצן...).

***

געוויינלעך פלעג איך ענטפערן מיינע פריינט אויף דער פראַגע פאַרוואָס איך טראָג אַ באָרד:

— איך וויל ברענגען די מאַנאָטאָניע פון גאָלן זיך. איך וויל אַריינ־ברענגען ערנסט אין אונזער געזעלשאַפט. אין די פאַבריקע יאָרהונדער־טער האָבן מענער געטראָגן בערד. עס האָט דעמאָלט געהערשט מער יושר און ווירדיקייט ווי אין אונזער צייט. ווען מענער טראָגן בערד, מאַכט דאָס די מענטשן צום פאַרטראַכטן זיך. ערנסטער צו זיין. עס באַוועגט צו וועגן און צו מעסטן מענטשלעכע ווערטן. צו שעצן קול־טור. הייליק צו האַלטן דאָס מענטשלעכע לעבן. צו רעדן טיף און שיין. צו פירן רייכע סעודות פון ווייץ, געדאַנק און גייסטיקע גראַציע. איך וויל מיט מיין באָרד פּראָוואָצירן די לייכטזיניקייט פון אונזער צייט. איך וויל אַז די מענטשן זאָלן זיך פאַרטראַכטן אויף אַ מאָמענט. איך וויל די מענטשן נישט באַרואיקן — נאָר באַאומרואיקן זיי מיט מיין באָרד...

אַ טייל מענטשן איז מיין ענטפער געפעלן. אָבער די מערסטע האָבן נאָך אַלץ סקעפּטיש געדענקט אַז איך פּאָזיר...

***

איך בין אין אַ געוויסן שיינעם ווינטערדיקן נאָכמיטאָג געגאַנגען זען אַן אויסשטעלונג פון דעם וועלט־באַרימטן מאלער אַמאַדעאָ מאָדי־ליאַני אין דעם „מוזעאום פון מאָדערנער קונסט״. אַ זייער ערנסטע, עלטערע דאַמע, אין טונקעלע, זשאַלאַבנע קליידער פון שוואַרצן זייד, האָט שטאַרק אויפמערקזאַם באַטראַכט די גליענדיקע נודס פון מאָ־דיליאַניס שיכורן און פלאַמיקן פּענדזל, מיט געטלעכער שיינקייט אַרויס־געבראַכט. זי האָט מיך לאַנג באַטראַכט און ענדלעך באַשלאָסן צוצו־גיין צו מיר. זי האָט מיך געפרעגט מיט טרעמאָ אין איר קול:

— איר זענט דער הער מאָדיליאַני?

— ניין, מאַדאַם! דער הער מאָדיליאַני איז שוין טויט זינט אַ צוואַנציק יאָר...

ווי דער חזן, אויב איר געדענקט אים נאָך, איז די פרוי געבליבן אַ פאַרוואונדערטע שטיין. —

***

אין די ערשטע יאָרן פון מיין באָרד טראָגן פלעג איך מיט אַ צען שטאָלענע שערן אויסשערן יעדער גרויע האָר. מיט דער צייט איז די אַרבעט געוואָרן מאָנאָטאָן. דער קאַמף מיטן פאַרשנייט ווערן פון די האָר האָט מיך מיד געמאַכט. איצט האָב איך זיך געלערנט אויסצושערן מיינע טונקעלע האָר אויף דער פאַרשנייטער לאַנדשאַפט פון מיין באָרד. דאָס קומט מיר פיל לייכטער אָן... די צוקונפט זאָגט מיר צו גרויס דערפאָלג אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג.

***

מער ווי פאַר יעדער איינעם באָרד־טרעגער צווישן די ליטעראַטן, האָב איך מורא געהאַט פאַר זלמן שניאור. מיט אים שפּילט מען זיך נישט. ער וועט אָננעמען מיין באָרד ווי אַ פּערזענלעכע קאָנקורענץ. אין די פריערדיקע צייטן וואָלט אַ שניאור, וואָס שטאַמט פון דער שפּאַניש־אידישער פאַמיליע „סעניאָר", ווי ער פאַרזיכערט אַליין, און ער פאַר־געסט קיינמאָל נישט דעם זין און דעם שטאָלצן אַרויסרוף פון זיין נאָ־מען — מיך אַרויסגערופן אויף אַ דועל מיט נאַקעטע שווערדן אָדער אויף פּיסטאָלעטן. ווען איך האָב אין איינט באַדאַרפט דערשיינען פאַר שניאורן, האָט מיין האַרץ געציטערט פאַר אויפרעגונג. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר. איך האָב דערהערט זיינע פעסטע טריט. (אין מיר איז שיעור דאָס האַרץ אָפּגעשטאָרבן פאַר שרעק). דער העב־רעאישער פּאָעט און אידישער פּראָזאַאיקער, מיטן שטאָלצן אויסזען פון אַ צעזאַר, האָט געעפנט די טיר און מיך דערזעענדיק, האָבן זיינע צעזאַרישע אויגן זיך אָנגעגאָסן מיט רויטן צאָרן און ער האָט אַ מי־נוט געצווייפלט צי ער זאָל מיך אַריינלאָזן. ער האָט בייז אויסגע־בורטשעט:

— דאָס וויל אויך טראָגן אַ באָרד!..

איך האָב אים נישט געענטפערט. איך האָב געוואָלט אַז זיין כעס זאָל זיך אויסברענען און דער רויך מיט די שוועבל־פונקען זאָל זיך צעגיין. (מען מוז די געטער אויך געבן צייט אַז זייער צעאוס־צאָרן זאָל זיך אויסבליצן און אויסדונערן). שניאור האָט געשטעלט אַ טעלערל מיט צוויי האַלבע, צעריסענע סערדינען און אַ גלעזל ליקער. צום גליק איז ער נישט געווען אין דער ערגסטער פון זיינע שטימונגען. דערצו האָט ער זיך באַדאַרפט אַראָפּרעדן פון האַרצן פאַר די טויזנט „עוולהס", מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס די מענטשהייט באַגייט יעדער הונדערט מינוט אַנטקעגן אים... איך האָב אַלץ וואָס ער האָט גערעדט אויסגעהערט מיט גרויס געדולד. (וואָרעם פאַר די געטער מוז מען האָבן צייט און געמיט...) איך בין געווען צופרידן וואָס ער האָט די „חוצפּה" פון מיין פאַרלאָזן זיך אַ באָרד פאַרהעלטניסמעסיק לייכט אַראָפּגעשלונגען. אָבער, איך האָב נאָך אַלץ מורא געהאַט צו קוקן אויף זיין באָרד, אויס פּחד, טאָמער טראַכט ער:

— דעם דאָזיקן צוציק געפעלט גאָרנישט מיין באָרד, וואָס איך, זלמן סעניאָר, טראָג שוין זינט אַ האַלבן יאָרהונדערט און באַציר מיט איר נישט נאָר מיין שיינעם, קלאָר־הויטיקן פּנים — נאָר דעקאָריר מיט איר ממש דעם גאַנצן פּלאַנעט!..

איך בין אַרויסגעגאַנגען פון זלמן שניאורס הויז שפּעט ביינאַכט. אַ גרויסע, שווייצער־קעז־לבנה האָט זיך געהילט אין שטיקער זיידענע וואָלקן־וואַטע. ס'האָט אויסגעזען ווי די וואָלקנס וואָלטן געוועז דער לבנהס אַ טויזנט פאַנטאַסטישע בערד...

(אויב דער לייענער צווייפלט אין דעם אמת פון מיין געשיכטע, גיב איך אָן אַ באַגלויבטן עדות: מיט מיר צוזאַמען, אויפן באַזוך ביי זלמן שניאורן, איז אָנוועזנד געוועזן מיין ליבער קאָלעגע יצחק ליב־מאַן . . .).

***

הערמאַן גאָלד האָט שטענדיק זיך געשפּילט און ממש זיין לעבן פאַרשפּילט אינעם וואָרט־קאַלאַמבור. אין רויך פון דער באַרימטער „קאַפּע ראַיאַל" זיינען געבליבן אויף אייביק הענגען אפשר אַ מיליאָן פּרעכטיקע קאַלאַמבורן. איינע פון זיינע באַוואוסטע וואָרט־שפּילן איז:

— די „באָרד" אויף עדיוקיישאַן!

***

זיך צו פאַרלאָזן אַ באָרד מיינט פאַר אַן אונזעריקן צו רעדוצירן אַ סך געלט אויף זייף, בערשטלעך, מעסערלעך, מי און אָנשטרענגונג. איבערהויפּט צו שפּאָרן צייט. אַ באָרד וועט מיר פאַרשפּאָרן אַ וועלט מיט אַרבעט. אַזוי ווי איך בין, כידוע, אַ קנאַפּער גביר, האָט מיין באָרד מיר געקענט היפּש פאַרלייכטערן מיין בודזשעט.

אָבער אָט איז צו יענער צייט, אין סאַמע אָנפאַנג פון מיין פאַרלאָזן זיך די באָרד, געשען אַ זאַך, וואָס האָט מיך געבראַכט ממש צו גרויסע נסיונות אַראָפּצונעמען מיין באָרד. די סיבה איז געווען אַזאַ:

מיינס אַ נאָענטער פריינט, חבר ש. פּ. איז געוואָרן אַ גאַסנפּעדלער מיט ראַזירמעסערלעך. איינמאָל האָט ער מיר דערלאַנגט עטלעכע טוצן „זשילעטס" און אַ ביסל בערשטלעך. אויך אַ שאַכטעלע מיט זייף. איך בין מיט דער מתנה אַהיימגעגאַנגען אַ שטאַרק טרויער־ריקער. צו וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, וועט דאָס מיר איצט נוצן? די נביאים האָבן קיין מעסערלעך נישט באַנוצט און אויך איך קען זיך מיט זיי נישט באַנוצן. מיך האָט געטרייצט יעדער באַגינען זיך אויפצוהויבן פון בעט און באַנוצן די שאַרפע, שטאָלענע זשילעטקעס צו מיין ניי־געבאַקענער באָרד, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו קריגן פאָרם און ווירדע, אַזוי ווי אַ ניי־צעאַקערטער גאָרטן, וואָס קריגט אין פרילינג פאַרב און שפּראָצונג. די גאַנצע טעאָריע פון שפּאָרן געלט אויף מעסערלעך, דורכן פאַרלאָזן זיך אַ נישקשהדיקע באָרד, האָט איצט געקראַכט...

***

איך ווייס נישט ווי אַזוי מיין אינערלעכער גייסטיקער קאַמף וואָלט זיך געענדיקט, ווען נישט אַ צווייטער צופאַל:

דעם באַרימטן מאָלער מאַזעס סאָיער איז דווקא געפעלן מיין באָרד. ער זאָגט צו מיר איינמאָל:

— איך וויל מאָלן אַ פּאָרטרעט פון אייך. מיר געפעלט אייער באָרד...

איצט בין איך געוועזן אַן אָנגאַזשירטער מענטש. מאַזעס סאָיער האָט אָנגעהויבן פון מיר צו מאָלן גאַנצע זעקס פּאָרטרעטן. יעדעס מאָל

האָט ער אָנגעהויבן אַ נייעם פּאָרטרעט און אים נישט פאַרענדיקט. איך האָב פאַר אים פאַזירט דורך עטלעכע ווינטערס נאָכאַנאַנד. צווישן זיינע צענדליקער רייצנדע מיידלעך, בלאַסע און צאַרטע מאָדעלקעס, וואָס ער האָט מיט אַזאַ מאָלערישער איידלקייט פאַראייביקט אויף זיינע לייוונטן, אויסדריקנדיק זיין ליבשאַפט און רעספּעקט צום יונגן מיידל, צו אירע פּראָבלעמען, צום כישוף פון אירע גלידער — צווישן די דאָזיקע אַלערלייאיקע מאָדעלקעס האָט זיך עפּעס אַרומגעדרייט אַ אײַדישער שרייבער מיט אַ באָרד. מיינע פּאָרטרעטן האָבן באַדאַרפט פאַרענדיקט ווערן נעקסטן ווינטער־סעזאָן. וואָרעם זומערצייט האָט דער קינסטלער פאַרבראַכט אויפן שויס פון דער נאַטור. איצט האָב איך געמוזט טראָגן מיין באָרד, כדי מאָזעס סאָיער זאָל קענען פאַרענדיקן די פּאָרטרעטן. און, איך קען אויסזאָגן מיינע לייענער אַז איך פּאָזיר נאָך איצט אויך פאַר אים... איך האָב זיך, ווי געזאָגט, באַקאַנט מיט מאָזעס סאָיערס צאַרטע מאָדעלקעס. איך זע ווי זיי זיצן אויף דר'ערד פאַרן מאָלער, אָפּטמאָל טרויעריקע און איינזאַמע און ער שטעלט זיי אַוועק מיט גרויס פּיעטעט אין דער אייביקייט פון זיין ווערק. —

***

זאָל דאָס בלייבן געגוני פאַרצייכנט פאַר דער געשיכטע: אַ סך מענטשן האָבן מיך געטאָדלט פאַרן טראָגן אַ באָרד. מען האָט מיך אָפּט אויסגעלאַכט, אָפּגעחוזקט פון מיר. אָבער אַ צאָל פריינט האָבן מיר אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע, איבערהויפּט אין די ערשטע טעג און וואָכן פון מיין געוואַגטן קאַמף. די וועלט, איבעקהויפּט די אַמעריקאַנער וועלט, באַזונדערס די אידישע סביבה, האָט ליב אוניפאָרמיקייט. דער מינדסטער ברוך אין טראַדיציע ווערט אָנגענומען ווי אַן אַרויסרוף צום געוויינלעכן מענטש. מענטשן ליידן נישט קיין אַנדערשקייט, נישט אין לעבן, נישט אין דער ליטעראַטור. (מיין איצטיקער באָרדישער פעליעטאָן וועט אַוודאי אויך היפש קריטיקירט ווערן ווי אַן אָפּנייגונג אין די אָנגענומענע רעגעלן פון דער עסיי, צי פעליעטאָן. אַן עסיי פּאַסט צו שרייבן וועגן אַ וויכטיקער פערזענלעכקייט, צי אויף אַ פילאָסאָפישער טעמע. אַ פיליעטאָן מוז אַוודאי אויסלאַכן אַ באַדייטנדיקע פּאָליטישע געשטאַלט. צו שרייבן וועגן אַ באָרד איז אויך אין די איצטיקע טעג אַ געוואַגטע זאַך). אַלזאָ, זאָלן פאַרצייכנט ווערן לדורות די נעמען פון מיינע אַזוי גערופענע מיטקעמפער: די ליבע קאָלעגן יצחק ליבמאַן, מ. ירדני, משה וויטיעס, הענעך קאָן, און נאָך אַ סך אַנדערע פריינט האָבן צו מיר אויסגעדריקט סימפּאַטיע און סאָלידאַריטעט פאַר מיין באָרד.

איך בין זיי טיף אין האַרצן דאַנקבאַר.

איך וועל נאַטירלעך נישט פאַרצייכענען די נעמען פון מיינע קעגנער. צו וואָס זאָל איך זיי נאָך באַלוינען מיט אומשטערבלעכקייט פאַר זייערע ביטערע באַמערקונגען און שטעכווערטלעך?

מיין לאַנגיאָריקער פריינט, דער דיכטער יצחק ליבמאַן, פלעגט מיר שטענדיק צווואָרפן אַ וואָרט, ווען נאָר איך פלעג, אין אַן אור־

מעטיקער שטימונג, צווייפלען אין דער צוועקמעסיקייט פון מיין באָרד, אַ וואָרט וואָס האָט מיר געגעבן מוט און אַנטשלאָסנקייט אָנצוגיין אין מיין באָרד־עקשנות... ליבמאַן פלעגט מיר זאָגן:

— איר זאָלט אַפילו נישט טראַכטן זיך אַראָפּצונעמען די באָרד. וואָרעם אייערע שונאים פאַרגינען זי אייך נישט...

געהערט אַזאַ מעשה, אַז מיינע אָרעמע שונאים פאַרגינען מיר נישט די באָרד, קענט איר זיך שוין וואויל פאָרשטעלן וואָס איך האָב באַשלאָסן...

***

וואָס שייך מיין טייערע געליבטע, וועמענס נאָמען איך וועל דאָ דזשענטעלמעניש אָנגעבן ווי אַ פיקטיוון — אַלישבע, האָט זי מיר צו־געגעבן גרויס מוט: — אין די טעג ווען איך האָב זיך פאַרלאָזן מיין באָרד, האָט זי מיר מיט שטאָלץ געהייסן טראָגן די באָרד. (זייטיק, גייענדיק מיט איר אויפן גאַס, האָב איך באַמערקט אַז זי פאָרשט יעדן איינעם פאַרבייגייערס רעאַקציע צו מיין באָרד. זי איז געווען נייגעריק צו וויסן ווי אַזוי פאַרבייגייער רעאַגירן אויף איר פריינטס אויסזען...), אָבער, אין די מאָמענטן ווען איך האָב שטאַרק און טיף געצווייפלט אין דער צוועקמעסיקייט צו טראָגן אַ באָרד און איך האָב מיט איר גערעדט אַז איך גיי זיך פּראָסט און פּשוט אַראָפּגאָלן די באָרד — האָט זי פולשטענדיק איינגעשטימט מיט מיר... דאָס מיינט אַז מיין טייערע, צאַרטע און שאַרמאַנטע אַלישבע האָט זיך געוואַקלט און האָט בלויז מיט מיר אָפּאָרטוניסטיש איינגעשטימט, לויט מיין שטימונג און קאַפּריז. זי איז ווערט מיין ליבע און מיין דאַנק: וואָרעם זי איז די איינציקע וואָס האָט געטראָגן די שטעכעדיקע צייכנס אויף איר פּנימס בלאַסער הויט בשעת איך האָב זי מיט פייער און מיט ליבשאַפט געקושט. אי־בערהויפּט אין דער ערשטער צייט, אינם אַזוי גערופענעם פרילינג פון מיין באָרד, ווי האָט דאָס אידעלע און גראַציעזע באַשעפעניש גע־מוזט ליידן פון די האַרטע שטעך פון מיין קורצער באָרד, וואָס האָט איר געשטאָכן ווי דאָס ערשט־פאַרשניטענע פעלד פון קאָרן אין די גרינע טעג פון מיין דאָרפישער און באָרפוסער קינדהייט...

יאָ, טראָץ דעם וואָס מיין געליבטע האָט זיך געוואַקלט צווישן פּראָ און קאָנטראָ, טראָג איך צו איר טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר אירע ליידן...

***

און ביסלעכווייז האָט זיך די וועלט צוגעוואוינט צו מיין באָרד. מען האָט מיך אָנגעהויבן אַלץ ווייניקער צו רודפן. די מעסערלעך, אַ מתנה פון מיין טייערן פריינט ש. ליגן און זשאַווערן רויט. מאָזעס סאַיערס פּאָרטרעטן פון מיר וואַקסן און ווערן אַלץ פאַרביקער, גאַנצער און מאָלעריש־מאַטורער. מיין באָרד בירגערט זיך איין אין דער געזעלשאַפט און אין דער אידישער ליטעראַטור. אינם שטיק רוים וועלכן יעדער מענטש פאַרנעמט אינם אוניווערס גיי איך אַרום מיט מיין באָרד. איך גלויב באמונה שלמה אַז איך וועל זיך מיט איר קיינמאָל מער נישט שיידן. איך האָב מיט איר, מיט מיין באָרד, אַזוי צו זאָגן, געשלאָסן אויף אייביק אַ פייערלעכן בונד. —

***

אַ פּראָפּאָ דאָס פרעגן זיך די סיבה פון מיין פאַרלאָזן זיך אַ באָרד.

וואָרעם די וועלט איז שרעקלעך נייגעריק צו וויסן וועגן מיין באָרד. איר זין און באַדייטונג פאַר מיר אַליין, פאַרן פאָלק און פאַר דער וועלט־געשיכטע. נאַטירלעך איז ווערט צו באַמערקן — אין פאַראַנטעזן — אַז די וועלט פרעגט מיך ווייניק צי איך האָב גענוג האָניק און בוימאייל אין מיין היים. צי איז פאַראַן ברויט צו דער זעט און וויין צום לוסטיק זיין אין מיין שטוב. צי ברענט דאָס פייער אינם אויוון גענוג וואַרעם אויף מיך אָנצואוואַרעמען. צי האָב איך אַ לייטיש מלבוש אויפן לייב. צי איז פאַראַן גענוג טיי און ציטרין אין מיין גלאָז טיי. צי לויכט די זון אין מיין פענצטער. צי טריפט עס מיט לויטער פרייד אין מיין שטוב. צי קוואַלט ריינע וואַסער פון מיין קוואַל. די וועלט פרעגט נישט די אַלע פראַגן... אָבער די זעלבע גרויסע וועלט איז שטאַרק נייגעריק צו וויסן די באַדייטונג פון מיין באָרד...

***

דער מאלער שאול ראַבינאָ האָט אַליין אַ גרויסע, היפשע, געלב־לעכע באָרד מיט ווייסע פעדים דורכגעמישט. דאָס איז געווען אין האַרבסט־צייט. איך האָב אים באַגעגנט אין בידערמאַנס בוך־געשעפט. מיר האָבן שפּאַצירט צום סעקאַנד עוועניו־סקווער. אין הינטערגרונט שטייט פּיטער סטייוועסענטס דענקמאָל. דער האָלענדישער גובערנאַטאָר האָט נישט איבעריקס ליב געהאַט קיין אידן. זיין שנאה שפּריצט אַרויס ממש פון זיין שטיינערנעם פּנים. די האַרבסטיקע בוימער האָבן קופּערדיק געלויכטן אין דעם געלן ליכט פון דער לבנה און אין רעפלעקציע פון אַן אויסגעקרימטע, שיכורע, אייזערנע לאַמטערנע. מיר האָבן זיך צעזעצט אויף אַ גרינער באַנק. מיר ביידע, מיט אונ־זערע היפשע בערד, האָבן אויסגעזען ווי צווי אומדערפאַרענע נביאים. מיר האָבן גערעדט וועגן ליטעראַטור און מאַלעריי. מיר האָבן אויך געשמועסט וועגן אונזערע בערד. דאָס איז צו מיר געווען אַן אומפאַר־געסלעכער אָוונט. איך וויס אַליין נישט געגוי צוליב וואָס דער אָוונט איז געווען אַזוי אומפאַרגעסלעך. נאָר די האַרבסטיקע און נאַקטורנע שטימונג האָט מיך זעלטן־טיף באַהערשט. ס'איז געווען אַ סך פּאָעזיע אין די דילאַניש־געלע בלעטער אויפן ברוק... איך האָב דעמאָלט דער־ציילט שאול ראַבינאָן:

— נעכטן בין איך געגאַנגען ביים הויז וואו גליצענשטיין האָט צום לעצטן מאָל געוואוינט... איך האָב מיר מיינע סימנים וואו דאָס הויז שטייט. אין דער אַלייע זיינען געווען אַ וועלט מיט געדיכטע, געלע בלעטער, אברהם משה דילאָנס טויטע, געלע בלעטער. פון דאַנען אויס, פון קעלער־שטוב, מיט די רויטע, ליימיקע און פייכטע בלעטער, איז אַרויסגעגאַנגען גליצענשטיין צום טויט אין דער לעצטער נאַכט פון חודש דעצעמבער, 1942. פון דאָ אויס איז ער געגאַנגען באַגעגענען דעם טויט ביי דער קליינער קירך. די איראָניע: דער פרומער איד גליצענשטיין איז געשטאָרבן לעבן אַ קריסטלעכער קירך...

דאָס הויז איז מיר פרעמד איצט. נאָר עס איז געהייליקט מיט גליצענשטיינס לעצטן וואוינען דאָ... מיט זיינע לעצטע אַרבעטן. צווישן אַנדערע: אַ סקולפּטור פון אַ שטאַרק ווינענדיקן אינגל...

דאָס איז געווען אין די טעג ווען היטלער האָט געשאָכטן אידישע קינדער אין פּוילן...

מיר דאַכט: אין קעלער ליגט נאָך זיין טויטנמאַסקע. אין דער טויטנמאַסקע שטעקן נאָך זיינע גרויע האָר. די גרויע האָר פון זיין באָרד וואָס די גיפּסענע מאַסקע האָט אין הייסן גלי אויסגעריסן... די מאַסקע גלאָצט מיט קאַלטע אויגנגלעכער צום באַשפינוועפּטן סופיט...

עפּעס וואַקסט דאָ דער גאָרטן אַריין אין הימל אַריין. אין דער אייביקייט. עס וואַקסן דער שטיינערנער בעכער מיט אויסגעטריקנטע טראָפּנס־וואַסער־צייכנס. די וואַזע, און די געלע בלעטער — פּאַרמע־טענע מגילות נאָך פון פאַראַיאָרן, נאָך מיט צייכנס פון גליצענשטיינס טריט אין זיי; די מאָדנע בוימער, די ערד, דער שטיין, דער טיש פון האָלץ; אַלץ, אַלץ וואַקסט אַריין אין לעגענדע, וואַקסט אַריין אין אייביקייט. עס ווערן אַלע זאַכן יעדער מינוט נענטער צו דער אייבי־קייט. זיי וואַקסן אַריין אין דער הימלישער אייביקייט, צייט פאַרשטיי־נערט זיי אַריין, שטום־גולמדיק און מעכטיק...

יאָ, אין דער פאַרגליווערטער מאַסקע האָב איך געפונען אַ סך האָר פון גליצענשטיינס באָרד און עס איז געווען ווי איך וואָלט געשטאַנען פאַר זיין לעבעדיקן פּנים...

איינמאָל, ווען גליצענשטיין איז דאָ געגאַנגען באַגעגענען אַ גרויסן מלוכה־גאַסט, האָט ער מיר דערלאַנגט דאָס שערל און מיך געבעטן אים אַ ביסל צוצושערן די באָרד, די פּיאות. איך האָב דאָס געהן גע־טאָן. נאָר עפּעס האָט מיין האַנט געציטערט. ווי פּשוט און כמעט קינ־דיש גליצענשטיין איז געווען, האָב איך געפילט אַז איך שער די באָרד פון אַ גרויסן מייסטער. זייענדיק פאַרטיק מיט זיין באָרד, האָט גלי־צענשטיין מיט געוואָלט מיר גענומען צוריקצאָלן מיטן צושערן מיינע האָר. ס'איז איבעריק צוצוגעבן אַז קיין צו גלענצנדער באַרבער איז דער סקולפּטאָר נישט געווען...

***

איך האָב מיין פעליעטאָן געוואָלט געבן פאָלגנדן טיטול: „אַפּראָ־פּאָ און אין שייכות צו מיין באָרד". איין וואָרט פון דעם ערשטן טייל נאָמען וואָלט מען זיכער געקענט אַרויסוואַרפן. אָבער מיר געפעלט דאָס וואָרט „אַפּראָפּאָ". אַ וואָרט איז הייליק. דער פראַנצויזישער דיכטער און דענקער שאַרל פּעגי האָט זיך אַ סך מאָל איבערגעחזרט בשעתן שרייבן. ווען די ווערטער קומען אַרויס ביים ערשטן מאָל שרייבן, האָט ער געהאַלטן אַז זיי מוזן שוין אויף אייביק שטיין בלייבן אויפן פּאַפּיר. זיי זיינען אַזוי ווי לעבעדיקע באַשעפענישן. מען טאָר זיי נישט פאַרניכטן.

***

מר. יאַנאַס האָט געהייסן דער באַלעבאָס פון מיין טונקעלן צימער אויף צענטראַל פּאַרק וועסט. ער איז געווען אַ גריך פון סאַלאָניקי, וואָס האָט אין זיין יוגנט־צייט שטודירט מעדיצין און האָט געחלומט צו ווערן אַ דאָקטאָר. אָבער אָנשטאָט צו העלפן פאַרהיילן די וואונדן פון קראַנקע מענטשן, האָט ער זיך גאָר פאַרוואַנדלט אין אַ הויט־שינדער פון זיינע אָרעמע לאָקאַטאָרן. דאָך האָט ער באַזעסן אַ פיינע אייגנשאַפט: הומאָר. שטענדיק פלעגט ער מיך מכלומרשט פאַרפאָלגן צוליב מיין

באָרד. זיין אידעע פיקס איז געווען אַז איך טראָג מיין באָרד צוליב רעליגיעזע טעמים. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ פאַרברענטער אַטע־איסט, נאָך פון אינגערסאָלס פּעריאָדע — האָט ער געזוכט שטענדיק מיט מיר צו דיסקוטירן וועגן רעליגיע און ער פלעגט דערביי קריטי־קירן מיין באָרד.

איינמאָל האָב איך טאַקע מיין באָרד געהאַט אַרונטערגענומען. איך האָב דעמאָלט געפילט עפּעס אַזוי פּוסט. עס איז געווען ווי אַ פעלד וואָס מען שניידט אָפּ די תבואה דערפון. איך האָב שרעקלעך געבענקט נאָך מיין באָרד.

מר. יאַנאַס האָט מיך דערזען און אַנשטאָט זיך צו פרייען מיט מיין מפּלה, קומט ער צו און ער זאָגט צו מיר:

— דו ווייסט, דו זעסט אויס אומהיימלעך אָן דיין באָרד. דאָס איז מיין אויפריכטיקע מיינונג. דו מוזסט דיר צוריק פאַרלאָזן די באָרד.

ער האָט צוגעגעבן:

— אין די פינף און צוואַנציק־טויזנט־געשעפטן פאַרקויפט מען אַזעלכע באָרד־מאָדעלן וואָס דו טוסט זיך אָן אויף דער גאַמבע בשעתן ראַזירן זיך. דיין באָרד ענדערט זיך דעמאָלט קיינמאָל נישט. קויף דיר איין אָט אַזאַ מין באָרד־מאָדעל. דעמאָלט וועסטו שטענדיק זיין זיכער מיט דעם פּינקטלעכן אויסזען פון דיין באָרד. ביז איצט איז זי אַמאָל גע־ווען גרעסער, אַמאָל קלענער. פון איצט אָן וועסטו טראָגן איין סאָרט באָרד — פון איין און איינציקער מאָס...

ער האָט שוין איצט גערעדט זייער אויפריכטיק, דער גריכישער הייזער־אייגנטימער, מר. יאַנאַס.

***

באַרבערס זיינען די ערגסטע שונאים פון בערד. צי ווייל זייערע הענט גליטשן זיך און גלוסטן זיך נאָר צו שערן, צו אַראָפּראַזירן און אַראָפּראַמען אַלץ פון דעם מענטשלעכן פּנים? צי איז דאָס קעגן זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן. נאָר ס׳איז אַ פאַקט אַז באַרבערס האָבן אַ פיזישע שנאה צו בערד. אַ באַרבער פאַרלירט עפּעס זיין רעספּעקט צו דיר ווען דו טראָגסט אַ באָרד. ביים סוף פונם אָפּשערן דיך וועט ער אַוודאי פרעגן אויס העפלעכקייט וועגן צי דו ווילסט אַז ער זאָל „פיקסן" דיין באָרד.

חלילה וחס! ער טאָר זיך צו דער באָרד נישט צורירן. ער וואָלט גענומען בלוטיקע נקמה. איינמאָל, אין אַ לייכטזיניקן מאָמענט אין מיין לעבן, האָט אַזאַ באַרבער מיר אַזוי אָפּגעקלאָגט די באָרד, אַז ס׳האָט גערדויערט חדשים צו פאַרהיילן אירע וואונדן און צוריקצוברענגען זי צו אַ מער־ווייניקער מענטשלעכן צושטאַנד...

ווייזט אויס אַז באַרבערס זיינען קאָנסערוואַטיווע מענטשן, אויסער דער „באַרבער דע סעוויל"... וואָרעם וואָלטן באַרבערס געווען דרייסטע מענער, רעוואָלוציאָנערע פּערזענלעכקייטן, וואָלטן זיי נישט איין קעניג־לעכן קאָפּ אַראָפּגעשניטן פון די עפּאַגאַנישע אַקסלען, בשעתן שערן די קעניגן... זיי וואָלטן אָפּטמאָל אַפילו אַרויסגעהאָלפן די פליכטן פון דעם תליון און פון דער גילאָטינע...

***

יאָ, גרויסע מענער אין דער געשיכטע פון דער וועלט האָבן געטראָגן בערד. און איינמאָל האָב איך אין אַ גרויסן חלום, ערב באַגינען, ביים וואונדערלעכן אויפשאַריען פון טאָג, געזען גאָט און גאָטס געשטאַלט, מיט זיין אומגעהייערער, שטורעמדיקער באָרד. איבער די קאָסמישע האָריזאָנטן איז ער אויפגעשטיגן ווי אַן אַלף. זיין שפּיץ־געשטאַלט איז געווען מיליאָנען מיילן הויך. זיינע פיס האָבן זיך געצויגן מיליאָנען מיילן טיף אין שטורעמדיקע אָפּגרונטן. זיינע אויגן זיינען געווען צוויי גרויסע אָקעאַנען, פאַרפלאַמטע פון זון־פאַרגענג. זיין שטערן — דער גאַנצער האָריזאָנט, מיט פלאַמיקע בליצן צעאַקערט. זיינע האָר — שטורעמדיקע, גראַניטענע וואָלקנס. און זיין באָרד — אַן אומגעהויערער, פינצטערער וואַלד. איך האָב אויפגעציטערט אין געוואַלטיקער אימה און גרויס ציטערניש פון פאַר גאָט. און איך האָב געטראַכט: דער מענטש איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. אַזוי שטייט אינם ספר הספרים. טאָ פאַרוואָס טראָגט מאַן נישט גאָטס באָרד? פאַרוואָס פאַרלייקנט מאַן זיין פולע געשטאַלט? האָט גאָט אים געשענקט אַ באָרד כדי ער זאָל זיך מיט איר נישט צירן — נאָר פאַרשניידן יעדער טאָג, אַ פופציק יאָר צייט קעמפן מיט זיין באָרד אין זיין זיבעציק יאָריקן לעבן? מעג מאַן צעשטערן דער נאַטורס חן און גאָטס געשאַנק צום מאַן?

און זינט יענעם געוואַלטיקן חלום פון גאָטס מאַסיווע, אומגעהייערע געשטאַלט ענטפער איך צו אַלעמען, ווען מען פרעגט מיך וועגן די סיבה פון מיין פאַרלאָזן זיך אַ באָרד:

— דער מאַן איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. עס איז אַ זינד ווען ער פאַרשניידט די באָרד פון זיין פּנים. ער פאַרשניידט דערמיט זיין מאָראַל. ער צעשטערט אַ גרויסע שטיק וועלט־דעקאָראַציע. ער צעברעכט אינם מענטש גאָטס דערהאַבענע און דערהויבענע געשטאַלט. ער שענדט גאָטס געוואַלטיקן אויסזען. מאַן באַדאַרף שטאָלצערהייט טראָגן גאָטס באָרד אויפן פּלאַנעט. ער באַדאַרף אַרומשפּאַצירן אין צייט מיט זיין צו גאָט־ענלעכן פּנים און געשטאַלט. פּונקט אַזוי ווי די פרוי וועט נישט צעשטערן איר ווייבלעכן חן, איר צאַרטקייט אין אויסזען, איר אידעלע גראַציע, אַזוי באַדאַרף דער מאַן נישט אויפגעבן זיין מענלעכקייט אין זיין אויסזען און דערשיינונג. די באָרד פון אַ מאַן קרוינט זיין פּערזענלעכקייט!

ניו־יאָרק, 14 נאָוועמ., 1954.

אפשר האָט אייך גאָט פאַרגעסן

די פרוי, אַ מאָלערין, דערציילט מיר אין דער סביבה פון אירע מאָלערייען, וועלכע זיינען אויפגעהאַנגען אויף אַלע פיר זייטן ווענט פון איר וואוינונג:

— איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט אין אַ רעסטאָראַן. ס'האָט גע־צויגן מיין אויפמערקזאַמקייט איר דינע, שלאַנקע פיגור. איר געאיידלט פּנים. אירע גרויסע, טיפע אויגן, אין וועלכע עס שטראַלט מענטשלעכער צער און מענטשלעכע איינזאַמקייט. זי האָט קוים געקענט עסן וואָס מען האָט איר דערלאַנגט אין רעסטאָראַן. זי איז די גאַנצע צייט געווען פאַרנומען מיטן גרויסן הונט, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ לייב. דער הונט איז געווען אין שאַרפן קאָנטראַסט צו איר דינער, פראַגילער און עטערישער פיגור.

איך האָב זי באַגלייט אַהיים. זי האָט געהאַט שוועריקייטן מיטן הונט. זי האָט געוואָלט נעמען אַן אויטאָמאָביל פאַרן הונט. לעצטנס, זאָגט זי, איז דער הונט עפּעס נישט מיט אַלעמען. ער פילט זיך נישט צו גוט. זי דענקט אַז ער האָט אַ הויכן בלוט־דרוק... אַנומלט האָט זי געוואָלט גיין מיטן הונט אין פּאַרק, ווייל ער איז נישט געווען געזונט. האָט דער שאָפער פון אויטאָמאָביל ביי איר געפאָדערט פינף דאָלער אין פאָראויס פאַר דער קליינער רייזע פון עטלעכע בלאָק צום פּאַרק צו. ס'האָט אַביסל גערעגנט. דעריבער האָט זי נישט געקענט גיין שפּאַצירן מיטן הונט. אַזאַ ברוטאַלער שאָפער! ער פאַרשטייט נישט די באַדייטונג פון אַ הונט. זיי האָבן שטיינערנע הערצער, די מענטשן... וואָלט אַ הונט דען געפאָדערט פינף טאָלער פאַר צופירן אַ בלינדן מענטש צום נאָענטן פּאַרק?

עס איז געווען אַ דאַך־שטיבל, אַרום דער אַלטער געביידע פון קאַר־נעגיע האָל, וואו די אַלטע, צאַרטע פרוי מיט איר הונט האָבן געוואוינט. דאָס מעבל איז געווען אַלט און אָפּגעפּאַרן. אויף די ברודיקע ווענט זיינען געהאַנגען פלאַמענדע רעמבראַנדט־פּאָרטרעטן. רעפּראָדוקציעס פון דעם מאָטראָפּאָליטאַן־מוזעאום. קוקנדיק אויף די רעפּראָדוקציעס, האָב איך זיך דערמאָנט אין די אָריגינאַלן, וואָס איך האָב געזען אין פאַרשיידענע מוזעאומס פון דער וועלט. איך האָב געקוקט אויפן פּאָר־טרעט פון סאַסקאַ, וואָס האָט ליב געהאַט אָנצוטאָן איר צאַרטן, פראַגילן גוף אין רייכע, קאָסטלעכע קליידער און אין גאָלדענע צירונג. עס איז די סאַסקאַ פון דעם גליקלעכן פּעריאָד אין קינסטלערס לעבן, ווען רעמבראַנדט איז געווען באַרימט, ווען רייכע בורגערס פון אַמסטערדאַם האָבן געמאַכט ביי אים באַשטעלונגען אויף ריזיקע לייוואַנטן, ווען ער האָט איינגעקויפט פאַר זיין רייך הויז אַנטיקן און עכטע איטאַליענישע רענעסאַנס־קונסטווערק. ווען גאָלד האָט געשטראָמט אינעם הויז און ווייַן האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. סאַסקאַ, פון די גליקלעכע טעג, לויכט אַראָפּ פונם פּאָרטרעט מיט אירע וואונדערשיינע אויגן, מיט די גאָלדענע ברוסט, מיט דער זיסער פיגור. מיט איר פאַזירט ער פאַר זיין אייגענעם

געניוס, ווען זי זיצט ביי אים אויף די קני און ער הייבט הויך דעם גאָלדענעם כוס מיט וויין. און אָט איז דער פּאָרטרעט פון זיין זון טיטוס, מיט וועלכן ער האָט זיך געפּרייט,ווייל זיינע דריי פריערדיקע קינדער זיינען געשטאָרבן קליינערהייט. טיטוס איז אויסערגעוויינלעך שיין. אָבער דער טויט פון שווינדזוכט ליגט אים אויף זיין שיינעם פּנים. איך האָב זעלטן געזען אַזאַ שיין אינגל. און אַזאַ טרויעריק אינגל. דער אַלטער טאַטע וועט מוזן גיין צו זיין זונס לויה און לאָזן אַריינלעגן אין דר'ערד דעם דאָזיקן בליענדיקן אינגל. און אָט איז די „סיביל", וועלכע שיינט צו זיצן אין אַ טיפע פינצטערניש און זי לויכט פון דאָרטן אַרויס. זי לויכט ווי אַ שטיק גאָלד. עפּעס אַלע רעמבראַנדטישע כאַראַקטערן שטעקן אין טיפער פינצטערניש און זיי לייכטן פון דאָרטן אַרויס ווי בליצן. זיי פלאַמען אַלע. זיי זיינען געמאָלן מיטן פייער און מיטן פינצטערניש פון דער נאַכט. די פּאָרטרעטן פון קריסטוסן און די אַפּאָסטאָלן, פאַר וועלכע ס'האָבן פּאָזירט אין דער געטאָ פּאָרטוגעזישע אָרעמע אידן, געיאָגטע און געפּלאָגטע פון זייער שיקזאַל; די פּאָרטרעטן פון אַלטע פרויען און מענער, מיט וועמענס יסורים רעמבראַנדט איז געווען באַקאַנט, וועמען ער האָט געמאָלן מיט טיפער סימפּאַטיע, מיט הומאַניסטישער פאַרשטענדעניש, מיט אמתן רחמנות, אויסדריקנדיק אין זייערע פּנימער רעזיגנאַציע און טרויער, אַלטקייט און טראַגעדיע, באַשולדיקונגען און גייסטיקע יסורים; מענטשלעכע געבראָכנקייט און שמערץ, שטייענדיק אַנטקעגן זייערע שיקזאַלן, פון גאָט און פון מענטשן פאַרלאָזענע. ער האָט געמאָלן די בורגערס פון אַמסטערדאַם, די בעאַמטע פון די שטעטלעך, די רואיקע מענטשן פון שטילן, טרויעריק־נאַכטראַכטענדיקן גייסט; ער האָט צוזאַמענגענומען די טרויעריקע פון דער ערד, די לאָמע, קרומע, בלינדע און אָרעמע בעטלערס, די וואָס האָבן געבעטן מיט קרומע, פאַרשעמטע הענט. ער האָט זיך, אַ פּאַראַרעמטער, געצויגן אין דער געטאָ, צו זיין מיט די שוואַכע און שאָטנדיקע מענטשן. זיך דערנערנדיק מיט אַ שטיקל קעז און ברויט און אַ ביסל קאָרגן וויין, האָט ער זיך דערנענטערט צו די אידן, די זין פון אַלטן, ליידנדיקן פאָלק, וועלכע זיינען אים געוואָרן נאָענט אין זיינע אייגענע ליידן, און ער האָט זיי אַלע געמאָלן מאָנומענטאַליש. ער האָט זיין אָרעמען, אַלטן טאַטן איבערגעטאָן אין קעניגלעכע קליידער און ער האָט אים געמאָלן אַלס אַ תּנכישן כאַראַקטער. ער האָט געמאָלן זיין שוועסטער אַלס אַן עוואַנגעלישע געשטאַלט. ער האָט געמאָלן זיין מוטער אַלס אַ קעניגין. די געפאַלענע זיינען אויפגעגאַנגען אין זיין קונסט צו שטאָלצער קעניגלעכקייט. די שטערבלעכע מענטשן טראָגן קרוינען פון אומשטערבלעכקייט. „דער נאָבעלער סלאָוו" — וועלכער שטאָלצער קעניג! פאַרן דאָזיקן מייסטער בלייבט מען שטיין ווי פאַר אַ גאָט. מען קען משוגע ווערן פון דער זעאונג. עס איז צו איבערמענטשלעך. עס האָט צו טאָן מיט געטלעכע קוואַליטעטן. דאָ האָט אַ שטערבלעכער ביי די געטער געבאָרגט קענטעניש. טרויער און טראַגעדיע יאָמערט אַרויס פון רעמבראַנדטס פּנימער. דער פינצטערער טרויער פון דאָס אייביק־פאַרגענגלעכע ווייעט אַראָפּ פון אַלע זיינע מענטשלעכע פּנימער. און וואָס אָרעמער און וואָס

עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ מעכטיקער האָט זיין געניוס זיך צעפלאַמט און דערציילט צו דער אייביקייט אין אַ שטאָלצער, מעכטיקער שפּראַך די יסורים פון די מענטשן.

— און בשעת איך האָב אַזוי באַטראַכט די פּאָרטרעטן־רעפּראָדוק־ציעס, מיט וועלכע די טרויעריקע מאַריקיע האָט דעקאָרירט איר קליינע וואוינונג ביים הימל הויך, האָט זיך מיר געדאַכט אַז מאַריקיע אַליין איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ רעמבראַנדט־מאָלעריי. זי האָט מיר דערציילט אַז זי וואוינט שוין דאָ איבער פערציק יאָר, אין דעם דאָזיקן צימער. זי קומט פון אַמסטערדאַם און זי איז געווען אַ לערערין. אָבער איצט מוז זי זיין מיטן הונט... דער הונט באַדאַרף אָגב האָבן אַן אָפּרו אויפן דאָרף... זי אַליין פּאָרט קיינמאָל נישט אויף קיין וואַקאַציע. אָבער דער אָרעמער הונט נויטיקט זיך שטאַרק אין וואַקאַציע. זי מוז זיך פאַרשאַפן גוטע פריינט וואָס זאָלן נעמען דעם הונט אין דאָרף אַריין, אויף דער פרישער לופט. אָבער די מענטשן זיינען אַזעלכע ביטערע, זיי האָבן נישט קיין שום פאַרשטענדניש פאַר חיות. זי אַליין בלויז, אַ לערערין, אַ שרייבערין, אַ קענערין פון דער וועלט־ליטעראַטור, ווייסט דעם זין פון אַ הונט. אַ הונט איז אַ גלגול פון אַ מענטש. אַ גוטער מענטש האָט אין דער ברוטאַלער מענטשלעכער געזעלשאַפט נישט געקענט לעבן, איז ער יונגערהייט געשטאָרבן און ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הונט...

— איך האָב צו איר געזאָגט: — „מאַריקיע! דו זעסט אַליין אויס זייער בלאַס... דו וואָלסט באַדאַרפט אויף זיך אַליין בעסער אַכטונג געבן. לאָז אָפּ דעם הונט. זאָרג בעסער פאַר זיך אַליין. דער הונט איז פיל שטאַרקער פון דיר...“

מאַריקיע איז אין כעס געוואָרן אויף מיר. זי האָט מיך אָנגעהויבן צו שילטן. איך האָב געמוזט אַוועקגיין פון איר.

— וואָכן זיינען אַדורכגעגאַנגען און איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אין מאַריקיען מיט דעם הונט אירן. נאָר איינמאָל, אין אַ הערבסטיקן טאָג, האָב איך לאַנג שפּאַצירט אין דער ריכטונג פון קאַרנעגיע האַל. און פּלוצלינג דערמאָן איך זיך אַז מאַריקיע וואוינט דאָך דאָ. איך בין אַרויפגעגאַנגען די זעקס גאָרנס מיט אָפּגעריבענע, קרומע טרעפּ. ביי דער טיר פון מאַריקיעס וואוינונג איז געשטאַנען אַ פרוי און האָט גע־וויינט. מאַריקיע האָט איר נישט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך.

— אפשר וועט זי דיך אַריינלאָזן! — זאָגט צו מיר די אידעלע פרוי.

— מיר איז געוואָרן טרויעריק פון דער גאַנצער געשיכטע. איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין און קיינמאָל מער נישט קומען אַהער. אָבער, איך האָב צוליב געטאָן דער פרעמדער, פאַרצווייפלטער פרוי און איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אַ בלאַס, אויסגעצערט און אַסטראַליש פּנים האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם שפּעלטל. מאַריקיע האָט געזאָגט מיט זייער אַ שוואַכער שטימע:

— דיך וועל איך אַריינלאָזן. אָבער נישט הענדריקיען...

— און בשעת איך בין אַריינגעגאַנגען, האָט זיך הענדריקיע געפּרוּווט

אויך אַריינשטופּן דורך דער טיר צוזאַמען מיט מיר. אָבער מאַריקיע האָט נישט געלאָזן. זי האָט פאַרהאַקט די טיר, צוריקשטופּנדיק און שלאָגנדיק די אַלטע פרוי...

— איך האָב פאַר זיך דערזען אַ טרויעריק בילד: ביידע, די פרוי און דער הונט, זיינען געלעגן קראַנק אויפן בעט... דער הונט איז אוודאי געווען אויסגעצערט פון נישט עסן. מאַריקיע האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ גייסט.

— מאַריקיע, פאַרוואָס לאָזט דו נישט אַריין די פרוי? — האָב איך איר געפרעגט. — זי וויל דיר העלפן. דו וועסט דאָך דאָ אויסגיין מיטן הונט צוזאַמען.

— איך וויל דאָ שטאַרבן. איך וועל קיינעם נישט אַריינלאָזן. אַ געזעלשאַפט וואָס באַהאַנדלט אַזוי ברוטאַל אַ הונט, וויל איך נישט קענען...

— אָבער וואָס איז די אַלטע פרוי שולדיק? האָט זי דיך שלעכט באַהאַנדלט? האָט זי געבאָרגט געלט ביי דיר און זי וויל דיר נישט אָפּגעבן? — האָב איך איר געפרעגט.

— מיט איר וועל זיך לאָדן אין הימלישן געריכט... — האָט מאַריקיע אויסגעשריגן און אירע אויגן האָבן פלאַמענדיק אויפגעבליצט.

— איך האָב געזען אַז מאַריקיע וועט זיך נישט לאָזן איבעררעדן. זי איז שוין געווען אין אַ וואַנזיניקן צושטאַנד. זי האָ טדערצו וואָכנלאַנג שוין נישט געהאַט געגעסן. אין זיין בלינדער געטריישאַפט צו זיין באַלע־באָסטע, איז דער הונט געלעגן נעבן איר, אַן אויסגעצערטער. ביידע — פרוי און הונט — זיינען געווען אין אַ שטערבלעכן צושטאַנד. און פון די ווענט האָבן געטלעך אַראָפּגעלויכטן די ערנסטע פּנימער פון רעמבראַנדטס פּאָרטרעטן. פון דער צאַרטער און פראַגילער סאַסקאַס האַלדז און אָרעמס לויכט אַראָפּ דאָס גאָלדענע צירונג. הויך האַלט דער יונגער רעמבראַנדט אין זיין האַנט דעם כוס מיט וויין. מיט דער צווייטער האַנט האַלט ער סאַסקאַס דינע טאַליע... וויין, ווייב און געזאַנג — הייסט דער דאָזיקער פּעריאָד. דאַנעבן הענגען פּאָרטרעטן פון זיין צווייטער פרוי, הענדריקיע פאַן סטאָפּעלס, „וועלכע האָט נישט געקענט נישט שרייבן און נישט לייענען — אָבער זי האָט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ הייליקע". און אין די יאָרן ווען רעמבראַנדט איז געוואָרן אַן איינזאַמער מאַן, ווען דאָס רייכטום פון זיין הויז איז ברוטאַל אַוועקגענומען געוואָרן דורך די קרע־דיטאָרס, איז זיין מעכטיקע קונסט און די פריינטשאַפט פון הענדריקיע סטאָפּעלס געווען זיין איינציקע טרייסט. זי איז געקומען צו אים, נישט ווי סאַסקאַ, אין די טעג פון זיין רום, נאָר אין די יאָרן פון טרויער און אומגליק. אָבער אָט הענגט זיין זעלבסטפּאָרטרעט: ענלעך צו בעטלאָונס פּנים. עס איז פון דער צייט ווען רעמבראַנדט האָט שוין געהאַט פאַרלוירן זיין רייך הויז, זיין אַנזען, זיין גאָלד און זיינע ביידע ווייבער. דער זון טיטוס איז אויך שוין צווישן די שאָטנס... אַן איינזאַמער איוב, שטייט רעמבראַנדט פאַרן חורבן פון זיין לעבן. זיין פּנים איז געשוואָלן פון ווייטיק. ער האָט זיך קעגן זיין שיקזאַל, ווי בעטאָווען, העלדיש אַנט־קעגנגעשטעלט. ער האָט אים געשלאָגן מיט די פויסטן. אים איז איצט

געבליבן דער זיכערער אומשטערבלעכער רום פון דער צוקונפט.

— איך בין אַרויסגעגאַנגען, וואַרפנדיק אַ לעצטן בליק צו מאַריקיען. זי האָט אויסגעזען ווי אַ הייליקע. זי איז געוואָרן צו אַ וואונדערלעך גע־לייטערטע, טרויעריקע פיגור פון אַ רעמבראַנדט־פּאָרטרעט.

— הענדריקיע האָט אויף מיר געוואַרט. מיר זיינען צוזאַמען גע־גאַנגען אין פּאַרק. מיר האָבן שפּאַצירט אין דעם הערבסטיקן וועג פון געפאַרבטע בלעטער. שפּעטער האָבן מיר געזען אַ פילם וועגן דעם לעבן פון טולוז־לאָטרעק. דאַן זיינען מיר געגאַנגען אין מיין וואוינונג. זי האָט באַוואונדערט מיינע בילדער. זי האָט געגעסן נאַכטמאָל ביי מיר. זי האָט געטרונקען ווייַן. און ערשט ביים וויין האָט זי מיר דערציילט אַז זי קען נאָך מאַריקיען פון אַמסטערדאַם. ווען זיי זיינען געווען קליינע קינדער, האָבן זיי זיך געשפּילט. שפּעטער זיינען זיי צוזאַמען געקומען מיט זייערע עלטערן קיין אַמעריקע. זי אַליין וואוינט אַלע אירע יאָרן אין אַ קליין שטעטל אין פּענסילוואַניע שטאַט. אָבער זי פלעגט אָפט קומען באַזוכן איר יוגנט־פריינדין מאַריקיע. זיי האָבן ביידע קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. אין די לעצטע יאָרן האָט זי באַמערקט ווי מאַריקיע ווערט גייס־טיק קראַנק. איר פאַרשטאַנד ווערט אַלץ שוואַכער. די איינזאַמקייט האָט פאַרצערט מאַריקיען. אָבער איצט איז דאָס ערשטע מאָל וואָס מאַריקיע, אַ וואַנזיניקע, וויל איר לעבנס־חברטע נישט אַריינלאָזן צו זיך אין שטוב...

— הענדריקיע איז אַוועקגעפאָרן צוריק אין איר קליינעם שטעטל אין פּענסילוואַניע. און דאָרטן, אינם צימערל, ליגן ביידע: מאַריקיע און איר הונט. ביידע שטאַרבן מיט אַ לאַנגזאַמען טויט". — — —

די מאָלערין האָט מיר דערציילט די געשיכטע. ווען איך בין אַהיים־געפאָרן מיטן אַמניבוס, האָב איך געטראַכט פון די טויזנטער מאַריקיעס אין ניו־יאָרק, פון די פילע מענער און פרויען וואָס קומען אום פון איינ־זאַמקייט אין דער גרויסער שטאָט. ווי זיי ווערן פאַרפוילט אין די דאַך־שטיבלעך, אין די האָטעלן, אין די טיפע קעלער־אַפּאַרטמענטן. איך האָב געזען די אַלע היימלאָזע און פאַרוואַרלאָזטע אין די שטאָטישע גערטנער און סקווערן, אין די אַזילן און אַלערליי אינסטיטוציעס. ווי זייערע קערפּערס ווערן געפירט אין די מאָרגס, אין די קרעמאַטאָריומס, צו אַנאַטאָמישע קליניקעס, אויף זייטיקע קברים, אָן מצבות...

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָב איך באַזוכט די מאָלערין. מיר האָבן געגעסן אָונטבערויט און געטרונקען ווייַן. איך האָב באַטראַכט די מאָ־לערייען אויף די ווענט. די מאָלערין האָט אין איר לעבן געוואוינט אין קאַליפאָרניע, אין אַריזאָנאַ, אין ניו־מעקסיקאָ. ס'האָבן פון די ראַמען אַרויסגעלויכטן די אַנגעצונדענע לאַנדשאַפטן. פּאַלמען און קאַקטוסן. בוקעטן בלומען האָבן געשטראַלט ווי פייער. אויפן טיש איז געלעגן אַן אָפענער בריוו. הענדריקיע האָט געשריבן אַז מאַריקיע מיט איר הונט זיינען געפונען געוואָרן טויטע אין זייער וואוינונג אויפן אייזערנעם בעט. אַ וואוילטעטיקע אינסטיטוציע האָט זיך פאַרנומען מיט מאַריקיעס לויה. די רעמבראַנדט־רעפּראָדוקציעס האָט צוגענומען די „סאַלוויישן אַרמי". זי וועט זיי פאַרקויפן פאַר נויטבאַדערפטיקע...

וואונדערלעך האָבן געשטראַלט די לאַנדשאַפטן אין די פיינע ראַמען. געמאָלטע קעצלעך האָבן זיך געשפּילט אין די בילדער. אויפן ציפּערבלאַט פון אַן אַלטן זייגער האָבן זיך גערוקט די ווייזערס. פון די אָפענע פענצ־טער האָבן זיך געהערט שפּאַנישע מעלאָדיעס. רייצנדע טאַנגאָס. אַ קינד האָט ערגעץ וואו געוויינט. איך האָב געטראַכט פון דעם גורל פון די מאַריקיעס אין זייערע איינזאַמע מאַנסאַרדעס...

הענדריקיע האָט געשריבן אַז זי וויל ספּעציעל קומען אין שטאָט כדי צו רעדן מיט דער מאָלערין וועגן מאַריקיעס לעבן. זי וויל איר אַ סך דערציילן. זי וויל זיךאויסרעדן דאָס האַרץ פאַר איר. וואָרים זי, הענד־ריקיע, איז שרעקלעך איינזאַם. איר איינציקע פריינדין איז געווען מאַריקיע. און מאַריקיע האָט איר שרעקלעך אָפּגעדינט: זי האָט איר נישט אַריינגעלאָזן צו זיך אין צימער נאָך אַ פריינטשאַפט וואָס האָט זיך געצויגן פון די קינדער־יאָרן אָן... פון די ערשטע זיסע טעג פון דער קינדהייט. ווען ביידע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין די גערוימע גערטנער פון דער שיינער שטאָט אַמסטערדאַם... הענדריקיע וויל ספּעציעל קומען צו דער מאָלערין זיך אויסוויינען דאָס פאַרוואונדעטע האַרץ... — — —

עס איז געווען שפּעט ביינאַכט, ווען איך האָב פאַרלאָזן דאָס צימער פון דער מאָלערין. קען דען אין אַ גרויסן בוך אָנגעשריבן ווערן די איינזאַמקייט פון דער מאָלערין, די איינזאַמקייט פון הענדריקיען, די איינזאַמקייט פון מאַריקיען? די וויסטע איינזאַמקייט וואָס עסט אויף טויזנטער מענטשן דורך די טעג און דורך די נעכט פון דער גרויסער שטאָט... אומבאַהאָלפן איז דעם שרייבערס אייזערנע פעדער אויף צו פרואוון פאַרצייכנען און פאַרקריצן די ליידן פון די מענטשן...

און אין די קראָמען פון דער „סאַלוויישן אַרמי" וועלן אָרעמע מענטשן קויפן די רעפּראָדוקציעס פון רעמבראַנדט, וואָס זיינען יאָר־צענדליקער געהאַנגען אויף די ווענט פון מאַריקיעס דאַך־שטיבל. די דאָזיקע פאַרוויאַנעטע און פאַרצערטע פנימער און געשטאַלטן, וואָס דער עלנט פון לעבן האָט געגריזשעט, האָט רעמבראַנדט מיט טיפן מיטלייד געמאָלן. און זיי וועלן ווידער ברענגען טרייסט צו די איינזאַמע פון די דאַך־שטיבלעך. און פון די אויגן פון רעמבראַנדטס מאָדעלן וועט שטראַלן די מחשבה:

— אפשר האָט איך גאָט פאַרגעסן. אָבער דער קינסטלער קען אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אייערע שטומע בליקן פאַרפאָלגן אים. אייערע טרויעריקע פנימער טראָגט ער טיף אין האַרצן. מיט גרויס סימפּאַטיע פאַרשרייבט ער אייך!..

ניו־יאָרק, 1טער יולי, 1953.

די אומוויכטיקע זאַכן

עמעץ פרעגט מיך:

— אז איר ווינט אין א פינצטערן צימער, ווי אזוי שרייבט איר וועגן הימל?

— אין מיין פינצטערן צימער לויכט די שענסטע זון. יעדן טאָג שלייַדערט די זון ארויס ריזיקע סכומים ליכט אין רוים אריין. איך האָב דאָס ליכט פון א מיליאָן יאָר אין מיין האַרץ אַרייַנגענומען. מיין טונקל צימער איז ווי א פּלאַנעטאַריום. דורכן סופיט זע איך אַלע שטערן. איך בין שטענדיק אַרומגענומען פון הימל. מיינע הענט וואָס שרייבן די שורות, זענען שטיקער זון. מיין שרייבטישל בליט אויס ווי א גרויסער בוים אין אַפּריל. די ווענט ווערן צעגומען פון פאַנטאַסטישע שדים. איך זע אַלע פיר אומענדלעכע זייטן פון דער וועלט. איך בין איינגעהילט אין דער אומענדלעכקייט.

עמעץ פרעגט מיך:

— עס איז דאָך ווינטער. און איר שרייבט וועגן זומער.

— יאָ, אינמיטן ווינטער ווען די עלטערע מענטשן פאַלן אום אין שניי און אין גליטשערייען און רעגנס; ווען די זון איז נישטאָ און קיין טאָג איז נישטאָ און דער נאַטורס עלעמענטן הוליען, דעמאָלט שרייב איך פון יולי און פון אויגוסט. איך לאָז אויפלעבן די שענסטע לאַנדשאַפטן אין מיין זכרון. דער זומער קלינגט אויף מיט פייגל־כאָרן. עס ברעכן זיך אָפּ גאַנצע טייכן זון־בראַנדזע און זיי פאַרגיסן די ערד. אינמיטן די ווינטערדיקע שנייען און קורזשאַוועס; ווען די ערד איז צוגעדעקט מיט דיקן און מיט ברודיקן שניי; ווען דער הונט האָט מורא פאַרן רעגן און ווינט; שרייב איך וועגן אזוי פיל זון; וועגן אזוי פיל ליכט; אזוי פיל שיינע, לאַכנדיקע פרויען. שאַמפּאַניער שוימט שטורמיש און די געזעלשאַפט איז אזוי גליקלעך.

— און וואָס טוט איר אין זומער?

— אין זומער בין איך אויך היפש טעטיק. דעמאָלט דערמאָן איך זיך די שניי־באַלעטן פון גרויסן ווינטער. עס פאַלן שנייען אין מיין פּראָזע ווי גאָט אַליין וואָלט זיי ריינע אַרונטערגעוואָרפן צום פּלאַנעט. עס שטייען וועלדער פאַרגליווערט אין שניי און טייכן זענען ווי גלאַטע מעטאַלן אַוועקגעלייגט איבער די טעריטאָריעס. דער ווינטער־סקולפּטאָר האַקט אויס פון אייזיקן מאַרמאָר שטעט און באַפעלקערונגען. דער מענטשלעכער גיגאַנט גייט איינזאַם אַנטקעגן אַלע בייזע און צאָרנדיקע וועטערן מיט זיין פלאַם אין קאָפּ און אין האַרצן. איך לאָז אויפבליען שניי־ליליעס ריזיקע אזוי ווי די בוימער און אייזיקע לאָטאָסן צירן מיינע טייך־ברעגן; מיט דער געליבטער גיי איך שפּאַצירן אויף זילבער־אייזיקע לאָנקעס. דער אוניווערס איז א קרישטאָלענער. די שטערן — פון צין. פון בליי -- די ביימער. דער רעגן פאַלט ווי א גרויער שפּיאַלטער. פון די אייזיקע צאַפּנס ווערן לאָמפּן און קאַנדעלאַבערס. מעבטיקע שלעסער פון אייז שטייגן ארויס, טעמפּלען פאַנטאַסטישע; לייכטער לייכטן אויף אזוי ווי גיגאַנטישע זיילן, הויך פון דער ערד ביז צום הימל. דאָס פייער באַרירט די קנעבלעך פון גאָט. ריזיקע מענער מיט שטאָלערנע בערד אומהאַלדזן פרויען פון אייז־מאַרמאָר. די לבנה פאַרגליווערט מיט אירע קאַלטע קושן די מעטאַלענע פּאַנאָראַמעס. אינמיטן זומער

האָב איך אויס די דאָזיקע אייזערנע וויזיעס פון ווינטער. ווען די היץ פאַרברענט די ערד, זע איך גראַניטענע בערג, אייביק באַדעקטע מיט אייז און שניי. זע איך ווייסע לאַנדשאַפטן אַזוי ווי פון בריליאַנטענע פעלזן אויסגעהאַקטע. —

— און וואָס טוט איר שטענדיק? — פרעגט אידיאָטיש דער עמעץ.

— שטענדיק פאַרנעם איך זיך מיט די סאַמע אומוויכטיקסטע זאַכן. דאָס וואָס איר פאַרזעט, דאָס דערזע איך. איך שטעל זיך מיט ליבשאַפט אָפּ ביי דעם וואָס איר גייט בלינדערהייט פאַרביי. אין באַגינען לויפט איר צום סאָבוויי. איך לויף אין פאַרק, איך איל זיך צו הערן דעם פרימאָרגן־כאָר פון די פייגל. ווען איר זיצט אין אָוונט ביים ראַדיאָ, כדי צו הערן די נייעסן פון דער וועלט, שטיי איך אין ציטערניש פאַר די גרויסע שטערן. ווען איר זענט פאַרנומען ביים הויז וואָס איר בויט, שטיי איך פאַרן קעלער פון אַן אַלטער געביידע און איך זע פאַר מיר אויפגיין דאָס פאַרגאַנגענע לעבן פון די מענטשן. זיי שטראַלן אויף צו מיר פון די שאָטנס און פון די אַלטע ווענט, זיי גייען פלאַמיקע אַרויס פון די שפּאַרונעס. ווען איר לויפט שנעל פאַרביי די גאַס, קיינעם נישט באַטראַכטנדיק, שטעל איך זיך אָפּ ביים געבראָכענעם מאַן וואָס שטייט אונטערן סאָבוויי־טונעל מיט די קיישעלעך בלומען. איך זע ווי ער שלאָפט און ווי אַלט זיין פּנים איז אַנטקעגן דעם טרויער פון די בלומען. ויען איר טראַכט פון געלט, קוק איך אויפמערקזאַם אָן דאָס קינד וואָס שלאָפט אין וויגל — אַזוי ווי אַ גרויסער גאָלדענער בודאַ — אַזוי ווי גאָטס אַחרלעכע ליאַלקע. באַלד אין דער פרי, ווען די שטערן זענען נאָך אין דעם טיולענעם הימל נישט אויסגעלאָשן, דערוואַך איך כדי צו באַטראַכטן גאָטס שיינקייט — אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט. נישט פאַרזעענדיק די געשעעניש אונטער דער זון. ווערנדיק באַרירט פון דעם מינדעסטן ניואַנס אין דער אַטמאָספערע. אַריינאָטעמענדיק אין זיך דעם פאַרפיום פון געבורט און פון טויט פון אַלע זאַכן און ציטערנדיק אין ליבשאַפט און מורא ביי יעדער מינדעסטע באַשעפעניש — אפילו פאַר דעם אָטעם פון אַ רגע צייט, פאַר אַ פונק פון קאָליר אין דעמערונג, פאַרן ציטער פון וואָלקנדיקע וואָלן אין דער נאַכט, פאַרן פליגל־פאָך פון אַ שטאַרבנדיקן פויגל...

יאָ, איך בין געקומען אויף דער ערד כדי צו באַטראַכטן די קליינע, די סאַמע אומוויכטיקסטע זאַכן פון דער דאָזיקער וועלט...

ניו־יאָרק, 15 פעברואַר, 1950

אַ גיגאַנטישער ספר

איך זע אַ גיגאַנטישן ספר — אַזוי ריזיק ווי די אַלפּנבערג, ווען זיי זענען מיט אַלע פעלזנבלעטער געעפנט צו דער לבנה. און מלאָכים מיט זייערע אייזערנע פינגער מישן זיינע אומגעהויערע, פעלזיקע בלעטער און שטורעמס מיט בליציקע אויגן לייענען די געוואַלטיקע אותיות. און אין דעם דאָזיקן מעכטיקן ספר זענען אַריינגעשריבן אַלע מענטשנלעבנס — אַלע ערדישע און הימלישע ברואים — און אָט דערזע איך דאָרט מיין אייגענעם נאָמען מיט אַ פייער־נאָגל אַריינגעקריצט אינם גראַניט פון דער אייביקייט...

אינהאַלט

זייט

דאָס געהיימניספולע שנירל פּערל	3
דער איד אין ברוקלינער פּאַרק	11
דער טאַנץ פון אַ אידישער צייטונג	17
דער פעטער פון כעלם	25
אדם און חוה	29
רומענישער ווינקעלער	35
אַ גלגול פון פּאַגאַניני	43
צוואַנציק יאָר אין אַמעריקע	52
גענגסטערס ווייב	60
דער פישער און זיין געפאַנג	69
די לאַנדסלייט פון מאָדזשיץ	73
קרוינונג אין נאַלענצאָף	80
נביא אין פעדערן	86
אַ פּאַרצייטישער מענטש	93
שטיינערנע ווינטרויבן	101
מיין ערשטע ליבע־ליד	107
דאָס תהילימל	117
מחבר פון טויזנט סקיצן	124
דער נעגער און די שווערע פרוי	130
דער אַלטער זייגער	135
פילאָסאָפיע פון מיין באָרד	141

מיט האַרציקן דאַנק צו די פאָלגענדע חשוב׳ע אידישע קינסטלער פאַרצייכן אין די רשימה פון זייערע אָריגינעלע צייכנונגען :

זייטן

בען	28, 129, 122
חיים גראָס	38, 71, 83
א. וואלקאוויטש	21 ,32, 56, 88
רפאל מאנדעלצווייג	76
מאָזעס סאָיער	48, 66
בן־ציון	15, 97
מאַנע קאַץ	שער־בלאַט
שאול ראַסקין	אותיות פון שער־בלאַט, 112
איליא שאָר	59, 92, 123, 134, 140